STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10642

BIROBIDZSHANER TOYSHVIM

Shmuel Gordon

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. גאָרדאָן

ביראָבידזשאַנער טוישווים

(רײַזע-בילדער)

אָגיז
מעלוכע-פאַרלאַג „דער עמעס“
מאָסקווע 1947

דער וועג

ווײַט, זייער ווײַט איז פונ מאָסקווע קיינ בירָאָבידזשאנ, אונ נאָכ ווײַטער איז אהינ פונ וויניצע, פונ טיראספּאָל, פונ אומאנ... אזויפיל שטעט שוינ אָנגעקוקט, אזויפיל סטאנציעס דורכגעפאָרנ, אונ מיר זײַנענ נאָכ אלץ אינ סיביר, נאָכ אלץ אפ דער זײַט בײַקאל. דאכט זיכ, די נעסיע וועט זיכ גאָר קיינמאָל ניט ענדיקנ. אזא ווײַטעניש! אזא מעהאלעכ! צענ מעסלעס אָפּזיצנ אינ וואגאָנ! די לעצטע פאָר טעג ווערט טאקע לאנגווײַליק. עפּעס ציִענ זיכ די שאָענ, ווי די רעלסנ, אָנ אנ אָנהייב, אָנ א סאָפ.

ס׳איז טאקע סאָפ מײַ. וווּנדערלעכ שיינ איז דער דרויסנ. בערג אונ טאָלנ, וועלדער אונ לאָנקעס, טײַכנ אונ קוואלנ... נאָר דאָס אויג איז שוינ מיד פונ קוקנ, אונ דאָס הארצ — פונ ווארטנ.

ווײַל איז צו יענע, וואָס לאָזנ זיכ אינ אזא ווײַטנ וועג ניט אליינ, נאָר צוזאמענ מיט זייערע מישפּאָכעס, מיט זייערע קרויווים אונ לאנדסלײַט. ס׳איז עפּעס גאָר אנ אנדער פאָרנ. ווּ ווײַט, וואָס ווײַט. מע הייבט גאָר אָנ פארגעסנ, אז מע איז אינ צוג אונ אז דער צוג איז אינ גאנג.

איכ בינ בעפּיירעש מעקאנע די פּאסאזשירנ פונעם אכטנ וואגאָנ. דאָרט פאָרנ קיינ בירָאָבידזשאנ עטלעכע ייִדישע מישפּאָכעס פונ אומאנ. דער גאנצער וועג גייט בא זיי אוועק אינ רייד, אונ ריידנ איז פאראנ וועגנ וואָס. ס׳וועט, דאכט זיכ, קלעקנ אפ טויזנט איינ נאכט. איבערגעקומענ אזא מילכאָמע, אזא עוואקואציע, נאָכדעם א רעעוואקואציע, אונ איצט איז מענ ווידער אינ וועג...

ס'איז ניט אזוי גרינג געווען זיך אופהייבן פון די איינגעזעסענע ערטער. פייגלען בענקען אויך נאָך זייערע נעסטן...

א לעבן אָפּגעלעבט אַפּ איין אָרט, אין דעם טאטנס שטוב, זיך יעדן טאָג געטראָפן אַפּ די היימישע גאסן און געסלעך מיט די לאנג־יאָריקע שכיינים. מע האָט דיך געקענט, דו האָסט יענעם געקענט. אפילע די שטערן אין הימל זיינען דיר שוין אויך געווען עפּעס היימיש. מע האָט שוין געוווּסט, ווו יעדער שטערן האלט נאכט. אוי, ווי ליב ס'איז געווען און פארבליבן יענע היים!

און דאָך האָט מען זיך מיט איר אָפּגעזעגנט, און מע פאָרט אין אזא ווייטער ווייט אפּסניי פארפלאָנצן א לעבן. ניט צוליב גרינגער פּארנאָסע און נאָך גאָלדענע גליקן פאָרט מען אהין. ניין! מעגלעך, אז די ערשטע צייט וועט גאָר זיין שווערער ווי דאָרט, פונוואנען מע איז ארויסגעפאָרן. אָבער דאָס לעבן איז דאָך ניט בלויז א ווארעמער דאך איבערן קאָפּ, א זאטער טיש...

פון זעקס—זיבן מענטשן איז באשטאנען א יידיש געזינד פאר דער מילכאָמע, און געבליבן זיינען יעכידים. צוויי און דריי טויזנט יידישע מישפּאָכעס האבן געוווינט אין א געוויינלעך שטעטל, און צונויפגעקליבן האבן זיך פופציק, הונדערט. טייכלעך שטרעבן צו א יאם. וואָס נעדיכטער די וואָרצלען, אלץ שטארקער איז דער שטאם... וואָס מער מענטשן ס'וועלן זיך דאָרט באזעצן, אלץ גרינגער וועט דאָרט ווערן דאָס לעבן. פאר דער געגנט זאָרגט דאָס גאנצע לאנד... אָט אזוי ריידן צווישן זיך די איבערוואנדערער פונעם אכטן וואגאָן. מע טרוימט וועגן דער צוקונפט. ווי ס'זאָל ניט זיין אפּן הארצן, נאָר אז מע טרוימט, ווערט מען בא זיך אליין דערהויבן.

גליקלעכע מענטשן זיינען טאקע די, וואָס פאָרן ארויס פון דער היים ניט אליין, נאָר צוזאמען מיט זייערע מישפּאָכעס און לאנדסלייט, וויל, כוץ אלעמען, זוכט זיך צווישן זיי שטענדיק אָפּ א „קאָנדוקטאָר", וואָס לאָזט ניט אריין דעם אומעט אין וואגאָן. און אוואדע געפינט זיך שוין אזוינער, וואָס האלט זיך פאר א גרויסן קענער פון ביראָבי־

דזשאַנ. דער מענטש איז נאָכ דאָרט קיינמאָל ניט געווענ, פונדעסטוועגנ נעמט ער זיכ אונטער דערציילנ וועגנ ביראָבידזשאַנ די מינדסטע קלייניקייטנ אונ מיט אַזאַ זיכערקייט, אַז איכ דוכט זיכ: ניט בלויז ער, נאָר אַפילע זיינ זיידע, זיינ עלטער־זיידע זיינענ געווענ דאָרטיקע טוישווים.

קוים פאָרט מענ אַרײַנ אינ סיביר, שטעלט זיכ אַזאַ איינער באַלד אַוועק באַם פענצטערל פונ וואַגאָנ אונ הייבט אָנ געבנ פּיירושים:

— איר זעט אָט דעם באַרג? דאָס איז אַ סאָפּקע. אונ אָט פונ דעמ־אָ וועלדל הייבט זיכ אָנ די טײַגע...

ווײַזט זיכ אַ וואָלקנדל אינ הימל, גיט ער באַלד אַ זאָג:

— אוווא! ס'וועט באַלד זײַנ אַ גוס. אַ ביראָבידזשאַנער מאָבל...

פאַרבלאָנדזשעט אַ בינ אינ וואַגאָנ, הייסט באַ אימ די בינ — פּאַוט.

די ביראָבידזשאַנער ווערטער: סאָפּקע, טײַגע, פּאַוט, קאָרטשעס אונ אַנדערע זײַנענ פאַר די לעצטע פאָר צענדליק יאָר געוואָרנ היימישע אינ דער יידישער שפּראַכ, נאָר אַ פאָרשטעלונג האָט מענ וועגנ זיי דאָס ראָוו געהאַט אינ די שטעט אונ שטעטלעכ אַנ ערעכ די זעלבע, ווי וועגנ דעמ לינדנוואָרעמ, פּיפּערנאָטער, ליוויאָסנ, וועלכע זײַנענ פונ קינדווײַז אָנ געווענ אַזוי גוט באַקאַנט אונ אַזוי אומפאַרשטענדלעכ. אַ לאַנגע צײַט האָט מענ דאָכ געטײַטשט: „סאָפּקע'' איז אַ הויכער באַרג, אַפ וועלכנ עס בלאָנקענ אַרומ טיגערנ אונ לעמפּערטנ; „טײַגע'' איז אַ ווילדעניש; „פּאַוט'' — אַנ אייביקע אָנשיקעניש פונ פליגנ ווי די בערנ די גרייס, אונ אַ געווייגלעכנ ביראָבידזשאַנער רעגנ האָט מענ זיכ אויסגעמאָלט ניט אַנדערש, ווי אַ מאַבל, וואָס גיסט אָנ אופהער פערציק טעג אונ פערציק נעכט.

כאָטש עס זײַנענ שוינ אַדורכ אַזויפיל יאָרנ, אונ ביראָבידזשאַנ איז געוואָרנ היימיש אונ נאָענט, דאָכ האָבנ די אומאַנער יידנ זיכ נאָכ אַלץ אַרומגעטראָגנ מיט אַנ אומקלאָרער, פאַרנעפּלטער פאָרשטעלונג וועגנ דער געגנט, וווהינ זיי פאָרנ.

נאָר אָט האָט מענ אפ אײנער א סטאנציע דערהערט, ווי עטלעכע מענטשנ האָבנ פונ יענער זײַט וואגאָנ־פענצטערל, אפנ פעראָנ, גע־רעדט צווישנ זיכ א יאָדערדיקנ הײמישנ ייִדיש אפנ גאנצנ קאָל, אונ ס׳איז מיטאמאָל אָפּגעפאלנ די גאנצע פארנעפּלטקײַט פונ ביראָבי־דזשאנ. מע האָט זיכ גלײַכ דערפילט אינ דער הײמ. ס׳איז שוינ פאר־שפּאָרט זיכ נאָכפרעגנ, וואָס פאר א סטאנציע דאָס איז. קלאָר: ס׳איז אָבלוטשיע. די ערשטע סטאנציע אינ דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

ווענ ס׳איז אויסגעקומענ אינ דער פריִער קינדהײַט צו פאר־לאָזנ די הײמ אונ אינ פיל יאָרנ ארומ ווידער דערזענ דעמ שטויביקנ שליאכ, וואָס פירט צו זיכ אינ שטעטל, דעמ איז גוט באקאנט דאָס געפיל, וועלכנ ס׳וועקנ אופ אינ דער נעשאָמע די ווערבעס באמ טײַכל, ווו האָסט קינדווײַז זיכ געבאָדנ, די געסלעכ, איבער וועלכע ביסט א באָרוועסער ארומגעלאָפנ, די גאנעקעס בא די שטיבער. קומסט פונ א גרויסער שטאָט, ווו עס רוישנ טראמווײַענ אונ ס׳לויפנ טראָלײבוסנ, האָסט געזענ ווונדערלעכע מויערנ אונ סקווערנ, ברײטע אספאלטירטע גאסנ אונ פלעצער, אונ דאָכ איז דיר אומגעהײער ליב אונ טײַער די הײמ, ווו ביסט געבוירנ.

אָט אנ ערעכ אזא געפיל רופנ ארויס די ערשטע הײַזער, וואָס מע דערזעט אפ דער ערד פונ דער ייִדישער געגנט. מע האָט שוינ געזענ גרעסערע וואָקזאלנ ווי אינ אָבלוטשיע, אונ דאָכ קאָנ מענ ניט אָפּרײַסנ דאָס אויג פונ אָט דעמ הויכנ ליכטיקנ מויער, וואָס שטײט אפנ בארג עפּעס ווי א מינ באל־סימכע. צוליבנ רעגנ קאָנ מענ אפ קלאָר ניט באנעמענ, וואָס שײַנט עס אזוי העל: די פילצאָליקע עלעקטרישע לאָמפּנ אונטערנ סאמע דאכ, צי דער גרויסער ייִדישער אופשריפט אפ דער ערשטער סטאנציע פונ דער געגנט, וועלכער הייבט זיכ אָנ מיט די ערשטע אויסיִעס פונעמ ייִדישנ אלעפבײס: א־ב־לוטשיִע.

די לעצטע פינפ שאָ פאָרנ פונ אָבלוטשיע ביז ביראָבידזשאנ זײַ־נענ שוינ גאָר, גאָר אנדערע שאָענ. זײ האָבנ גאָר אנ אנדער כײנ. אָט

די פינפ שאָ גייענ אוועק אפ אָפּשטיינ באַם פענצטערל פונ וואַגאָנ אונ אָנטאָפּנ מיט די אויגנ יעדער גליד פונ דער נײַער היים.

אונ אפּצעלאָכעס איז אינ דרויסנ א פינצטערע רעגנדיקע נאַכט. פונ סאַמע אַרכאַראַ באַגלייט ער אונדז, דער רעגנ, אונ כ'שטעל זיכ פאָר, ווערליק איכ געדענק פונ צוריק מיט יאָרנ, וואָס פאַר א בלאָטע אונ קויט עס דאַרפ אצינד זײַנ אינ ביראָבידזשאַנ. מינאַסטאַם פונ וואָקזאַל ניט אַרויסצוגיינ. ס'וועט שוינ, אפּאָנעם, אויסקומענ איבער־זיצנ די נאַכט אפנ ביראָבידזשאַנער וואָקזאַלכל, אונ אינדערפרי זיכ ווי־ניט־איז דערקלײַבנ מיט די הילצערנע טראָטואַרנ אינ שטאָט אַרײַנ.

עפּעס א מאָדנע טעווע האָט די געגנט. אינ מעשעכ פונ יאָר גייענ דאָ ניט מערער רעגנס, ווי, לעמאָשל, אפ אוקראַינע. נאָר זײַנע נײַע איבערוואַנדערער באַגעגנט ביראָבידזשאַנ קימאַט טאָמיד מיט א רעגנ.

—ס'איז דערפאַר, אפּאָנעם,—אזוי האָט אינ אָבלוטשיע אפנ פּע־ראָנ געגעבנ צו פאַרשטיינ איינער פונ די אומאַנער, — מיר זאָלנ זיכ דאָ בעסער צונעמענ. ער באַגיסט אונדז, מיר זאָלנ וואַקסנ.

ס'קומענ אונטער די לעצטע מינוטנ. אינ מאָסקווע איז איצט האַלב אַכט אינ אָוונט, אונ דאָ — האַלב דרײַ באַנאַכט. איכ שטיי באַם אַרויס־גאַנג פונ וואַגאָנ. דער רויש פונ די רעדער ווערט שטילער, אונ צוזאַ־מענ מיטנ צוג שטילט זיכ, דאַכט זיכ, אײַנ דער רעגנ.

ווו זײַנענ מיר? ניט קיינ פּעראָנ. ניט קיינ וואָקזאַל. בלויז רעלסנ אונ רעלסנ. ווו זײַנענ עס די אומאַנער איבערוואַנדערער? ווו איז עס, דאָס וואָקזאַלכל מיטנ אָנגעצונדענעם לאַמטערנ באַם אַרײַנגאַנג, וועלכער האָט מיכ דאָ באַגעגנט מיט קנאַפּע עלפ יאָר צוריק. כ'הייב זיכ אָנ סאָפּעקנ, צי בינ איכ אַראָפּגעשטיגנ אפ דער סטאַנציע ביראָ־בידזשאַנ. איכ פאַרײַס דעמ קאָפּ אינ דער הייכ אונ באַמערק, ווי אפ די פײַכטע דעכער פונ די וואַגאָנעס זיפּט זיכ א ליכטיקער שטויב. א קלונג, ס'לויפט פאַרבײַ דער לעצטער וואַגאָנ, אונ איכ דערזע פאַר זיכ פּלוצעמ א ברייטנ באַלויכטענעמ פּעראָנ, א הויכע געבײַדע פונ א שיי־נעמ גרויסשטאָטישנ וואָקזאַל. העלע עלעקטרישע פּראָזשעקטאָר־

לאָמפּנ לײַכטנ פונ אונטערנ דאַכ אַפ די גרויסע ייִדישע אויסיִעס: בירָאָבידזשאַנ!

פאַרוואָס האָבנ מיר אַזויפיל באַשריבנ אונ באַזונגענ דאָס הילצערנע שטיבל מיטנ אָפּגעבליאַקעוועטנ שילדל „טיכאָנקע“, וואָס איז געשטאַנענ אַפ דער לינקער זײַט פונ דער באַנ-ליניע, אונ פאַרוואָס איז קימאַט אומבאַוווּסט אַט דער וווּנדער-שײנער מויער מיט די גרויסע ייִדישע אויסיִעס, וועלכע לויכטנ דאָ מיט אַזאַ דערהויבנקײט אונ יאָמטעוודיקײט? פאַרוואָס איז אַזוי באַוווּסט דער בירָאָבידזשאַנער רעגנ, אונ אַזוי ווייניק באַוווּסט זײַנענ די וווּנדער-שײנע זומער-טעג? פאַרוואָס האָט מענ איג די שטעט אונ שטעטלעכ מער געהערט פונ די, וואָס זײַנענ זיכ בלויז דורכגעפאָרנ הינ אונ צוריק, אונ ניט וועגנ די, וואָס וווינענ דאָ צו אַכצנ-נײַנצנ יאָר אונ האָבנ אויסגעבויט אַ שטאָט, ייִשוּווים, וואָקזאַלנ?!..

אינ די העל-באַלויכטענע זאַלנ פונעמ וואָקזאַל אונ אינעמ רעסטאָראַנ איז גאַנצ טומלדיק. גאָר בירָאָבידזשאַנער ייִדנ פאָרנ שוינ ניט אַפ מײַרעוו, מע וואַרט אַפ די צוגנ, וואָס גייענ אַפ מיזרעכ — אינ סמידאָוויטש, וואָלאָטשײַעווקע, דעזשניאָווקע, אונ אַפ מײַרעוו פאָרט מענ מיט די אָרטיקע צוגנ, וואָרעמ ווײַטער פונ דער גרענעצ-סטאַנציע אָבלוטשיע פאָרט מענ שוינ איצט זעלטנ.

איבערנ זאַל דרייט זיכ הײמיש אומ אַנ עלטערע ייִדישע פרוי, אינ אַ רויט הימל אונ מיט אַ רויטנ באַנד אַפנ אָרבל. דאָס איז די דערזשורנע. אַפ עטלעכע בענק האָבנ זיכ אויסגעזעצט די אומאַנער, אונ אַרומ זיי שטייענ זייערע קרוווים, וואָס האָבנ זיי אַהער אַרויסגערופנ, אונ סטאַמ ייִדנ. מע רעדט הויכ אַפ אַ קאָל. ס׳פליִענ פראַגנ:

— וויפל וואָקזאַלנ פאַרמאָגט בירָאָבידזשאַנ?

— וואָס-וואָס, גאָר אַ וואָקזאַל איז דאָ בײַ אײַכ, גאָר אַ וואַזשנער.

— פאַראַנ אינ שטאָט שענערע געבײַדעס.

— בירָאָבידזשאַנ, פאַרשטייט איר מיכ, איז איצט אַ שטאָט. טאַקע בעפּײרעש אַ שטאָט. איר וועט זי גאָר ניט דערקענענ.

— מענטש וואָס איר זײַט, — רופט זיכ אָפּ איינער פונ די אומאַנער, אַנ עלטערער ייִד, וועלכער האַלט די גאַנצע צײַט אינ איינ לייענענ די ייִדישע אופשריפטנ אינ זאַל, — פונוואַנענ זאָל איכ וויסנ די נאָפּקעמינע, אַז כ׳בינ דאָ סאַכאַקל ס׳ערשטע מאָל.

— ע, אויב אַזוי, דאַרפ מענ דאָכ אײַכ טאַקע דערציילנ, וואָס איז דאָ געווענ, בעשאַס איכ בינ אַהער געקומענ. איכ האָב דאָ נאָכ געטראָפנ טיכאָנקע.

— זאָגט מיר נאָר, — שלאָגט אים ווידער איבער דער באַיאָרטער אומאַנער ייִד, — עפּעס אַ סאַכ ייִדנ וווינענ אינ ביראָבידזשאַנ?

— שײַעכ. מיר זאָלנ ניט געווענ גלייבנ, אַז מיט דער צײַט וועלנ דאָ זײַנ אַ סאַכ ייִדנ, אונ טאַקע גאָר־גאָר אַ סאַכ, וואָלט איכ דאָ ניט אָפּגעזעסנ אַזויפיל יאָר. זעכצנ יאָר בינ איכ שוינ הי, אונ פּאַראַנ מענטשנ, וואָס וווינענ שוינ דאָ טאַקע אַלע נײַנצנ יאָר. איר מיינט, מיר האָבנ זיכ גיט געקאָנט דורכלעבנ אָפּ דער אוקראַינע, פּונקט אַזוי ווי איר, ביפּראַט, אַז דאָ זײַנענ געווענ שווערע צײַטנ. אונדז האָט דאָ אופגעהאַלטנ דער ביטאָכנ, אַז ייִדנ וועלנ פאָרנ אַהער, אונ צוזאַמענ מיט אײַכ וועלנ מיר אויסבויענ די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט. זעט איר דאָכ, אַז מיר זײַנענ געווענ גערעכט. מע האָט צוביסלעכווײַז שוינ אָנגעהויבנ פאָרנ. צי וועט אײַכ דאָ דאָס ערשטע שטיקל צײַט זײַנ בעסער ווי דאָרטנ, ווייס איכ ניט. מעגלעכ, אַז יאָ, אונ מעגלעכ, אַז גיינ. נאָר ווי שווער דאָ וועט אײַכ ניט זײַנ די ערשטע עטלעכע מאָנאַטנ, איז סײַווי וועט איר קיינ כאַראָטע ניט האָבנ. אינ דעמ בינ איכ זיכער, לאַכלוטנ זיכער. וואָרעמ ביראָבידזשאַנ, זאָלט איר וויסנ זײַנ, איז אַנ אָרט, ווו מע קאָנ לעבנ. אונ טאַקע גוט לעבנ. דער איקער — מע דאַרפ נאָר וועלנ אַרבעטנ.

שטייענדיק אַזוי מיטנ טשעמאָדאַנ אינ דער האַנט לעבנ די אומאַנער, האָב איכ רעכטס פונ זיכ באַמערקט אַנ אופשריפט „באַגאַזשקאַמער“. באַמ ברייטנ אָפענעמ פענצטער איז געזעסנ אַ מיטליאָריקער מענטש אונ האָט זיכ די גאַנצע צײַט צוגעהערט צומ געשפּרעכ.

איך בין צוגעגאנגען צו דער קאמער.

— קאָן מען, הייסט דאָס, איבערלאָזן דעם טשעמאָדאַן?

— פאַרוואָס ניט? — ענטפערט ער מיר, דער ייִד, און אָנווײַזנ־דיק אױף די אומאַנער, טוט ער שטיל אַ פרעג:

— איבערוואַנדערער?

— איבערוואַנדערער.

— מיסטאָמע פון דער אוקראַיִנע. איך בין אויך אַ דאָרטיקער. שוין באַלד צען יאָר, אַז כ׳בין פון דאָרטן. ס׳הייסט, אין דער אומאַנגאָמע בין איך דרײַצן יאָר, נאָר כ׳האָב פאַרלוירן אַ פּאָר יאָר סטאַזש.

— ס׳הייסט?

— ס׳הייסט, ס׳האָט געצויגן צוריק, נאַ ראָדינו, נו, בין איך אוועקגעפאָרן. געקומען אַהין, ווײַזט זיך נאָר אַרויס, ס׳ציט צוריק אַהער.

— און איצט?

— אַ מאָשל.

— און ווי לעבט זיך?

— ביז דער מילכאָמע גאָר גוט, און איצינד — גאַנץ נישקאָשע.

כ׳פּרוּוו אַרויסבאַקומען פון עם ייִדנס אַן ענטפער אויף יענע פראַגן, וועלכע עס שטעלן נײַע איבערוואַנדערער, וואָס קלײַבן זיך פאָרן אַהער.

— ווי איז דאָ בײַ אײַך מיטן קלימאַט?

— דער קלימאַט? אַ גאַנץ אָביקנאָווענער קלימאַט. ווי האָט איר אַזאַ זוניקן און טרוקענעם אָסיען ווי דאָ? הײַנט דער ווינטער! גאָלד אַלייך. נו, און דער זומער? ס׳טרעפן רעגנדיקע וואָכן. נו, איז וואָס? און אויף דער אוקראַיִנע גייען דען ניט קיין רעגנס?

— נו, און דאָס, וואָס ס׳איז אַזוי ווײַט אַהער?

— וואָס הייסט ווײַט?

ער קוקט אויף מיר מיט אַזאַ פאַרווונדערונג, פּונקט, לעמאָשל, כ׳וואָלט אַ זשיטאָמירער צי אַ בערדיטשעווער ייִדן אָנגעזאָגט, אַז ער וווינט ווײַט פון וואָלאָדיוואָסטאָק צי פון טאַשקענט.

— א מענטש, וואָס קלערט בויענ א לעבנ, טראַכט ניט וועגנ דער וויַיט. מיר איז דאָ אלצ נאָענט. יאָ, זאָגט מיר נאָר, יידנ פאָרנ אהער? — און ניט וואַרטנדיק אפ מיַינ ענטפער, גיט ער צו זיכ אליינ א זאָג מיט עפּעס אזא זיכערקיַיט אינ דער שטימ: — יאָ, יידנ וועלנ פאָרנ אהער. ע, וועגנ ניט די מילכאָמע... אָבער איצט, פארוואָס זאָלנ זיי ניט פאָרנ? אינ בירא‎ָבידזשאנ קאָנ מענ מאכנ א לעבנ...

— וואָס הייסט באַ אַיַיכ מאכנ א לעבנ?

— אַרבעט איז פאַראַנ? א שטוב האָט מענ? א בעהיימע מיט א גאָרטנ איז דאָ? די קינדער לערנענ זיכ? און כוץ אלעמענ איז דאָכ דאָ דאָס לעבנ אינטערעסאנט. בויסט א ניַיע זאכ. מיר, יידנ, בויענ א יידישע אווטאָנאָמיע. מירנ נאָכ מיט דער צַיַיט דאָ האָבנ א רעפּובליק אויכ. איר זעט, אפּאָנעמ, דאָס ערשטע מאָל אינ אונדזערע מעקוימעס?

— ניינ. כ׳בינ דאָ געווענ מיט א יאָר עלפ צוריק.

— נו, מיַינ פריַינט, אויב אזוי, מעגט איר טאקע איבעראַניַיס אָנקוקנ די שטאָט. איר וועט זי פּאָשעט ניט דערקענענ. איר פארשטייט, בירא‎ָבידזשאנ איז געוואָרנ א שטאָט. יאָ, ווו זשע שטעלט איר זיכ אָפּ? ס׳זיַינענ באַ אונדז אינ שטאָט פאַראַנ צוויי האָטעלנ. איינער טאקע דאָ גופע, אפנ וואָקזאל, אפנ אייבערשטנ שטאָק, און דער אנדערער געפינט זיכ אינ שטאָט.

— וויַיט פונדאנענ?

— ניט מעסוקנ. אפ דער לעניננ־גאס. פונקט אנטקעגנ דעמ קינאָ־טעאטער. גיינ זאָלט איר מיטנ סקווער.

לעניננ־גאס, קינאָ־טעאטער, סקווער. אינ יענע יאָרנ, ווענ איכ בינ דאָ געווענ, זיַינענ בלויז געווענ: אָקטיאבער־גאס, וואלדהיימער גאס און א פּאָר געסלעכ. פארשטייט זיכ: פאר דער דורכגעגאנגענער צַיַיט האָבנ געקאָנט אופקומענ נאָכ עטלעכע גאסנ, נאָכ צוויי קינאָ־טעאטערנ, מויערנ, אָבער וואָס באטַיַיט עס, כ׳זאָל גיינ מיטנ סקווער? ווי קומט אינ בירא‎ָבידזשאנ א סקווער? סַיידנ די אויסגעהאקטע טַיַיגע האָט זיכ איבעראַנַיַיס צעבליט אינמיטנ שטאָט?

— האָט קיינ מוירע ניט, איר וועט ניט פארבלאָנדזשענ, — רופט זיכ צו מיר אָנ דער געלאסענער מיטלוווקסיקער טרעגער פונ דער באגאזש־קאמער, — אונדזער ביראָבידזשאנ איז נאָכ ניט אזוי גרויס, מע זאָל דאָ בלאָנדזשענ. ווייסט איר גאָר וואָס, קומט, כ'וועל אייַכ באגלייטנ, טאָמער וועט אינ האָטעל ניט זייַנ קיינ פרייַער צימער, וועט איר שוינ איבערנעכטיקנ בא מיר. איכ וווינ אפ דער קאלינינ־גאס. כייַקל, זעצ זיכ נאָר אפ מייַנ אָרט. כ'גיי ווייַזנ דעמ ייִדנ, ווו געפינט זיכ אונדזער האָטעל.

כייַקל, א נידעריטשקער שווארצער יונגערמאנ, האָט מאמזעריש א קוק געטאָנ מיטנ קאָסאָקע אייגל אונ דערבייַ געגעבנ א דריי מיט דער נאָז, וואָס דארפ אנ ערעכ באטייַטנ: איכ וואָלט אלייננ א באלנ געוועננ זיי באווייַזנ די שטאָט.

ביראָבידזשאנ

באלד א וואָכ, אז איכ בינ אינ ביראָבידזשאנ. כ'האָב זי שוינ באוויזנ דורכשפּרייַזנ, די שטאָט, אינ דער לענג אונ אינ דער ברייט, אוואדע א מאָל פינפ. כ'קענ שוינ דאָ אלע גאסנ אונ געסלעכ קימאט ניט ערגער ווי די ביראָבידזשאנער טוישווימ, אונ דאָכ ווייַזט זיכ מיר אויס, אז איכ בינ נאָרוואָס פונ צוג, אז אָט דעמ דאָזיקנ סקווער, דאָס דאָזיקע געסל, אָט די גאס, אָט דעמ מייער זע איכ סאכאקל גאָר צומ ערשטנ מאָל. א וואָכ, אז איכ בינ הי, אונ איכ קאָנ זיכ נאָכ אלצ ניט צוגעוווינענ גיינ איבער דער שטאָט אונ זיכ ניט אָפּשטעלנ באקוקנ די הייַזער, די שילדנ, די גרינס־אלייענ... א מאָדנע אייגנשאפט פארמאָגט אינ זיכ ביראָבידזשאנ: גלייַכגילטיק גיינ איבער אירע גאסנ איז פּאָשעט אוממעגלעכ. מאמעש פונ דער ערשטער רעגע אָנ ווערט זי דיר ליב, אזוי היימיש־נאָענט, אז דו הייבסט, דאכט זיכ, אָנ איבערשאצנ איר גרייס, איר שיינקייַט, איר כיינעוודיקייַט.

און ווי זאָל מענ זי ניט ליב האָבנ, אז בא אלע אירע כעסרוינעס, וואָס א יונגע שטאָט פארמאָגט, איז זי דאָך וווּנדערלעכ־שיינ און מילד. אזויפיל גרינס, אזוינע ליכטיקע מויערנ, אזויפיל זונ אפ די סאָפּקעס באַם האָריזאָנט, און די בירע, וואָס פליסט לענגויס דער שטאָט און גיט איר צו אזויפיל כיינ און פרישקייט!..

גאָר־גאָר אנ אנדער פאָרשטעלונג האָב איכ געהאט וועגנ ביראָבי־דזשאנ, בעשאַס איכ האָב בא מיינ אָנקומענ אהער זיכ געלאָזט מיט ראכ־מיעל גוראלניק, דעם באגאזש־טרעגער, פונ וואָקזאל צום שטאָטישנ האָטעל.

דערזענ, ווי פאָרזיכטיק און ניט זיכער איכ שטעל טריט, האָט ראכמיעל גוראלניק זיכ אָנגערופנ:

— כאווער, ס'איז אייכ ניט טיכאָנקע, ס'איז ביראָבידזשאנ.

— כ'ווייס, אז עס איז ניט טיכאָנקע.

— נו, באלד איר ווייסט, מעגט איר גיינ מיט א הארטנ טראָט, א מאָשל... איכ קענ, דאכט זיכ, ביראָבידזשאנ ניט פונ נעכטנ.

...זיצנדיק אינ וואגאָנ, בינ איכ געווענ זיכער, אז פונקט ווי מיט יאָרנ צוריק וועל איכ היינט ווידער טרעפנ אפ דער לינקער זייט פונ דער אייזנבאנ־ליניע דאָס קליינע הילצערנע וואָקזאלכל, מיט די אָנגעצונדענע לאמטערנס באַם אריינגאנג, און צום סאָפ האָב איכ דער־זענ א צווייִשטאָקיקנ גרויסשטאָטישנ וואָקזאל מיט א ברייטנ באלויכ־טענעם פעראָנ.

פארלאָזנדיק דעם וואָקזאל, בינ איכ געווענ זיכער, אז מיר וועט אויסקומענ זיכ הוידענ אפ די שמאָלע הילצערנע טראָטוארנ, ניט איינ מאָל בלייבנ שטעקנ אינ דער בלאָטע, און ערשט צום סאָפ האָב איכ פאר זיכ דערזענ א שיינע גאס מיט אספאלטירטע טראָטוארנ. לינקס פונ מיר — צוויי־ און דריי־שטאָקיקע הייזער, און אפ רעכטס, הארט באַם טראָטואר, א געדיכטע אלייע גרינס, וואָס עטעמט אריינ אינ דער נאכט מיטנ אראָמאט פונ צעלאָזענע קנאָספּנ.

— נו, איצט זעט איר, אז דאָס איז ניט טיכאָנקע. אז דאָס איז ביראָבידזשאַנ?

איכ זאָל ניט געווענ וויסנ די געשיכטע פונ דער שטאָט, וואָלט איכ בעשום־אויפנ ניט געגלייבט, אז אפנ זעלבנ אָרט איז געשטאַנענ יענע בארימטע טיכאָנקע, וועלכע איז נאָכ ביז איצט, עפשער, מער באַוווּסט אינ די אוקראַינישע אונ ווײַסרוסישע שטעט אונ שטעטלעכ ווי די נײַ־אויפגעקומענע שטאָט ביראָבידזשאַנ. איכ דערקענ לאַכלוטנ ניט די גאַסנ. אינ צענטער שטאָט איז קימאַט ניט פארבליבנ קיינ סימענ פונ יענעמ ביראָבידזשאַנ, וועלכנ איכ האָב געהאַט פארלאָזנ מיט יאָרנ צוריק.

— ס'איז נאָכ גאָרניט, — רופט זיכ גוראַלניק ווידעראַמאָל אָנ אונ גלײַכט דערבײַ אויס די אַקסלענ, — אָט וועלנ מיר ארופ אפ דער גלאַווגע גאַס, אפ לענינסקע, וועט איר ערשט דערזענ ביראָבידזשאַנ.

אינ יעדנ וואָרט זײַנעמ פילט זיכ, אז ער איז פארליבט אינ דער שטאָט, ווי ס'איז פארליבט א גערטנער אינ די ביימער, וועלכע ער האָט אַליינ געפלאַנצט. ס'איז לײַכט פאָרצושטעלנ זיכ, וויפל פּוד ציגל אונ שטיינער אָט דער מענטש האָט עס אריבערגעטראָגנ אפ זײַנע פּלייצעס, אז טיכאָנקע זאָל ווערנ ביראָבידזשאַנ, אונ ס'טוט אימ איצט שטאַרק האַנאָע, וואָס איכ שטעל זיכ איטלעכע ווײַלע אָפּ באַוווּנדערנ די שטאָט.

אפנ ראָג אָקטיאַבער־גאַס איז פונ באַנאַכטיקנ נעפל ארויסגעשוווּמענ פאַר די אויגנ א הויכ ליכטיק הויז מיט ברייטע טירנ אונ פענצטער. בא דער שײַנ פונ דער לעוואָנע, וואָס האָט אפּ א קורצער ווײַלע זיכ באַוויזנ פונ אונטער די וואָלקנס, האָבנ א לויכט געטאָנ גרויסע יידישע אויסיעס, וועלכע זײַנענ זיכ צונויפגעוואַקסנ מיט די ווענט: ביראָבידזשאַנער קינאָ־טעאַטער.

לינקס פונעמ קינאָ־טעאַטער ציט זיכ א ברייטער אײַנגעפּאָרענער שאָסיי־וועג צו די ווײַטסטע ראַיאָנענ פונ דער געגנט — אפ לענינסק— וועַנצעלאָווע—אַמורזעט, אונ אינ שכיינעס מיט אימ גייט אוועק די

ברוקירטע וואַלדהיימער גאַס. באַ אַ קילאָמעטער ציט זי זיכ, די גאַס, פונ איינ זײַט ברוק—פאַרוואַקסענע לאָנקעס, פונ דער אַנדערער זײַט, אינ דער נידער — צוויי־ אונ דרײַ־שטאָקיקע מויערנ, אונ דאָ באַנאַנד — נידעריקע הילצערנע הײַזער. אפ דער וואַלדהיימער גאַס געפינט זיכ די ביראָבידזשאַנער מוזיק־שול, די ראַדיאָ־סטודיע, די מעדיצינישע אונ פעדאַגאָגישע שולנ, דער אײַזנבאַנ־טעכניקומ, אייניקע געגנטלעכע אונ ראַיאָנע אַנשטאַלטנ. פונדאַנענ גייט אַוועק אַ בריק צומ וווּנדערלעכנ שטאָטישנ פאַרק, וואָס געפינט זיכ אפ אַנ אינדזל. רעכטס פונעמ קינאָ־טעאַטער — די אָקטיאַבער־גאַס, אונ פונקט אַנטקעגנ אונדז שטייט דער סקווער, וועלכער באַהאַלט אוימ דעמ אָנהייב פונ די צענטראַלע גאַסנ — לענינ־גאַס אונ שאָלעמ־אַלייכעמ־גאַס.

אינ סקווער איז גאָר אַנ אַנדער לופט. הויכע צעבליטע ביימער אונ קורצ־אונטערגעשוירענע קוסטעס. שמאָלע זאַמדיקע סטעזשקעס פירנ צו די באַקוועמע בענק, וועלכע בעטנ זיכ, מע זאָל זיכ אפ זיי צוזעצנ אָפרוענ. ס׳איז דאָ אַזוי גוט, די לופט אַזוי מעכײַעדיק־פריש, אַז ס׳ווילט זיכ גאָר פונדאַנענ ניט אַוועקגיינ. ראַכמיעל גוראַלניק האַלט אינ איינ דערציילנ, וואָס איז דאָ געווענ מיט אייניקע יאָרנ צוריק, אונ עפּעס לאָזט זיכ גאָר ניט גלייבנ, אַז אפנ זעלבנ אָרט איז געשטאַנענ אַ בלאָטע, אַז פיר פערד האָבנ ניט געקאָנט פונ איר אַרויסשלעפנ אַ ליידיקנ וואָגנ.

— אָט דאָס, זעט איר, האָבנ פאַרפלאַנצט אונדזערע ביראָבידזשאַנער ייִדנ, — האָט גוראַלניק מיט שטאָלצ געזאָגט, — וואָס ווייסט איר, וואָס דאָ איז געווענ! שאַט. אָט איז שוינ דער האָטעל.

דער האָטעל איז אַ גאַנצ שיינער מויער מיט הויכע פירקאַנטיקע זײַלנ, וואָס האַלטנ אפ זיכ אַ לאַנגנ באַלקאָנ. בײַשכיינעס מיטנ האָטעל געפינענ זיכ נאָכ שענערע אונ גרעסערע געבײַדעס, געמויערטע אונ הילצערנע. כּימעט יעדעס הויז אינ ביראָבידזשאַנ איז מיט באַלקאָנענ.

— מיר וועלנ זיכ עפּשער נאָכ אַ ביסל דורכגיינ? — טוט מיכ אַ פרעג גוראַלניק. — ס׳אַרט אײַכ, פאַראַנ דאָ וואָס צו זענ.

מיר געפינענ זיכ אינ סאַמע צענטער שטאָט — אָפּ דער לענינ־גאַס. א גלײַכע, א ברייטע גאַס. ביזוואַנענ דאָס אויג קאָנ גרייכנ, זעט מענ פאַר זיכ גרינס־אַלייענ, אונ אינ שאָטנ פונ די אַלייענ — ליכטיקע הײַזער. ווי גרינג אונ לײַכט עס איז צו שפּאַצירנ אָפּ די אַספּאַלטירטע טראָטואַרנ. די עלעקטרישע לאָמפּנ אָפּ די סלופּעס גיבנ צו די הײַזער אונ מויערנ א פרישקײַט, ווי מע וואָלט זיי נאָרוואָס אויסגעבאָדנ אינ מילכ. באַזונדערס שיינ אונ באַזונדערס אייגנאַרטיק זײַנענ: די ביבליאָטעק מיט די פּירקאַנטיקע זײַלנ אונ ברייטע פּאַראַדנע טירנ, דער דרײַ־שטאָקיקער מויער פונ דער דרוקערײַ — „ביראָבידזשאַנער שטערנ'', דאָס הויז פונ דעמ געגנטלעכנ אויספּירקאָמ מיט די ליכטיקע פענצטער, דער וונדער־שיינער פירשטאָקיקער מויער פונ דער צעניאָריקער שול. יעדעס הויז פאַר זיכ איז באַזונדער שיינ. אַפילע די הילצערנע צוויי־שטאָקיקע הײַזער האָבנ עפּעס אויכ א באַזונדערנ כיינ. וואָס לענגער מע שפּאַצירט דאָ, אַלצ מער דוכט זיכ אויס, אַז מע געפינט זיכ ניט אָפּנ ווײַטנ מיזרעכ, נאָר ערגעצ גאָר אָפּ דאָרעמ. דער צענטער שטאָט מיט זײַנע ליכטיקע הײַזער אונ אַלייענ איז זייער ענלעכ אָפּ יעווּפּאַטאָריע, פעאָדאָסיע, דזשאַנקאָי. איר זײַט קימאַט זיכער, אַז אָט די גרינע גאַסנ מוזנ אײַכ ברענגענ צומ ברעג יאַמ.

געקומענ בא מיר דאָס וואָרט, אַז איכ וועל מאָרגנ אומבאַדינגט גייענ אָנקוקנ דעמ פּאַרק אונ דעמ סטאַדיאָנ, האָט ראַכמיִעל גוראַלניק זיכ אומגעקערט צוריק אָפּנ וואָקזאַל, אונ איכ האָב אָנגעקלאַפּט אינ דער גלעזערנער טיר פונ האָטעל.

די דעזשורנע, א שלאַנק שוואַרצכיינעוודיק מיידל מיט א זײַדענעמ באַנד אינ די לאָקנ, האָט זיכ מיט מיר אופגעהויבנ אָפּנ צווייטנ שטאָק אונ אופגעשלאָסנ א צימער. א געוויינלעכער האָטעל־צימער. די ווענט אויסגעקאַלכט מיט אייל־פאַרב. אָפּ די פענצטער לאַנגע גאַרדינענ. דער געפאַרבטער דיל פאַרשפּרייט מיט א טעפּיכ. אָפּנ צוגעקליבענעמ טיש — אַנ עלעקטרישער לאָמפּ, א טעלעפאָנ. אינ איינ ווינקל פונ צי־מער — א ברוינער קליידער־גאַרדעראָב, אינ דעמ אַנדערנ — א גרוי־

סער שפּיגל. לעגגוים דער וואנט — א ווייכער דיוואנ. דער אײַנדרוק איז, אז איר געפינט זיך אינ א נומער פונ א גרויסשטאטישנ האָטעל.

אינ דרויסנ האָט שוינ געגרויט אפ טאָג. אינ די ארומיקע הויפנ האָבנ געקרייט די הענער.

איך בינ געשטאנענ באם אָפענעם פענצטער, פוגוואנענ עס זעט זיך דער לויטערער שפּיגל פונ דער בירע, דער אָנהייב פונ דער שאָלעמ־אלייכעמ־גאס אונ די בארימטע ביראָבידזשאנער סאָפּקע — טיכאָנקע. זי איז נאָך אלצ אזא ווי מיט יאָרנ צוריק: א טונקל־גרינע באמ צו־פוסנס אונ אנ אָפּגעבליאקעוועטע אינ דער הייך, ווי די שטראלנ פונ דער זונ וואָלטנ זי ארומגעפּוצט. די ביראָבידזשאנער סאָפּקע, וואָס איז בארימט מיט איר הייך, מיט איר פארנעמ, מיט איר שיינקײַט, פילט זיך שוינ איצט ניט איינזאמ אונ אָפּגעריסנ פונ דער שטאָט. אפ יענער זײַט בירע זײַנענ אינ נאָענטער שכיינעס מיט איר אויסגעוואקסנ הײַזער. דאָרט איז שוינ אויך איצט ביראָבידזשאנ...

פונ יענער נאכט איז שוינ דורכ באלד א וואָך, אונ איך האָב נאָך אלצ דאָס געפיל, אז איך בינ ערשט פונ צוג. מיט יעדנ טאָג ווײַזט זיך מיר ביראָביחזשאנ אויס שענער, גרעסער, כיינעוודיקער. באזונדערס שיינ איז די שטאָט אינ א זוניקנ טאָג.

אונ טעג שטייענ דאָ איצט וווּנדער־שיינע. ס'אָרא בלויער הימל, ס'אָרא הייכע זונ!

מעסוקנ לאנג איז דאָ דער זומער־טאָג.

די שטאָט כאפּט זיך אוף מיטנ ערשטנ קריי פונ די הענער. ביז דער ארבעט דארפ מענ באווײַזנ ברענגענ וואסער פונ ברונעמ, אויס־מעלקנ די קי אונ ציגנ, פארטרײַבנ זיי אפ פּאשע, באגיסנ די גערטנער, וואָס בא די שטיבער, אונ נאָכדעמ גייט מענ צו דער ארבעט. לויט דער צײַט אונ לויטנ טראָט קאָנ מענ לײַכט דערקענענ, ווו ווער עס אר־בעט. די, וואָס זײַנענ באשעפטיקט אפנ וועגענער־זאוואָד, אינ דער פאניער־פאבריק, אפנ רעמאָנט־מעכאנישנ זאוואָד בא דער סאָפּקע, אינ דער מאשינ־טראקטאָר־סטאנציע, אפנ ציגל־זאוואָד, — די גייענ צו

דער ארבעט פריער, ווײַל אהינ איז בא א פּאָר קילאָמעטער וועג. מע קענ אהינ פּאָרנ מיטנ אווטאָבוס, נאָר אינ אזעלכע לויטערע באגינענס גלוסט זיכ בעסער גײנ צופוס... די, וואָס ארבעטנ אינ דער נײַ־פאבריק, אינעמ טריקאָטאזש־קאָמבינאט, אינ די פארשײדענע ארטעלנ אונ אנ־שטאלטנ, אפ די נײַ־בויונגענ, — די גײענ צו דער ארבעט א סאכ שפּעטער אונ ניט געײַלט, ווײַל גײנ דארפ מענ אהינ סאכאקל א צענ־פופצנ מינוט.

א ביסל שפּעטער באווײַזנ זיכ אפ די גאסנ די שול־קינדער אונ סטודענטנ.

נאָר פריער פונ אלעמענ פעדערנ זיכ די שיכ־פוצער אונ די וואָר־ניקעס. אפ יעדנ ראָג צוויי—דרײַ שיכ־פוצער. דערזעענ זיי א מענטשנ אינ פארבלאָטיקטע שטיוול, כאָלילע, צי אינ קויטיקע שיכ, וועלנ זיי שוינ פונ אימ ניט אָפּשטײנ. דעריקער טומלט מײלעכקע, א הויכער פולגעפּאקטער ייִד, וועלכער פארמאָגט א שטימ, וואָס לאָזט זיכ הערנ פונ אײנ עק גאס ביזנ אנדערנ.

— ייִדנ, פאטשקעט מיר ניט אײַנ די טראָטוארנ.

אונ די איבעריקע בעוורע שיכ־פוצער כאפּנ אונטער:

— ווײַבער, פוצט אָפּ די שיכלעכ, וועט איר אָנהײבנ בלישטשענ.

באטאָג זײַנענ די ביראָבידזשאנער גאסנ קימאט פוסט, דער אויל־עמ איז פארנומענ אינ די אונטערנעמונגענ. נאָר פארנאכט, נאָכ דער ארבעט, ווערט זי ווידער באלעבט, די שטאָט. די גאסנ, דער סקווער, דער פארק, די טאנצ־פּלעצער זײַנענ פול מיט שפּאצירנדיקע, הויפּטזאכלעכ מיט יוגנט. זײער א סאכ יוגנט פארמאָגט ביראָבידזשאנ. די עלטערע מענטשנ זיצנ אינ סקווער בא טישלעכ, עסנ אײַז־קרעמ, טרינקענ וואסער, קנאקנ ניסלעכ, אונ מע פירט צווישנ זיכ א געמיטלעכנ שמועס. אפ אלע ראָגנ הענגענ ראדיאָ־רופּאָרנ. עס רעדט די ביראָבידזשאנער ראדיאָ־סטודיע, אונ הילכיק קלינגט די ייִדישע שפּראכ.

אָנטאָג טוט מענ זיכ אָנ אינ ביראָבידזשאנ אָנ גלאנצ, אײנפאכ, אָבער מיט געשמאק. לײַכט אונ שײנ. א סאכ מאנצבלענ האָבנ דאפּקע

ליב ארומגיינ אינ די מיליטערישע קליידער, אינ וועלכע זיי זיינענ געקומענ פונ פראנט. אבער אפילע אינ ציוויל־געקליידטע דערקענט מענ אפט, לויט זייער שטעל אונ טראט, אז דאס זיינענ געוועזענע סאלדאטנ אונ אפיצערנ. זייער אפט באגעגנט מענ אפ די ביראבידזשאנער גאסנ יידנ מיט ארדענס אונ מעדאלנ אפ דער ברוסט.

טוט א פרעג א ביראבידזשאנער מאנצבל:—פונוואנענ איז א ייד?

ענטפערט ער אייך דערופ: — א ייד איז פונ בערלינ.

אדער: — איכ קומ פונ כארבינ.

ראכמיעל גוראלניק, דער טרעגער פונ ביראבידזשאנער וואקזאל, וועלכער קומט צו מיר אריינ יעדעס מאל, ווענ ער ברענגט א פאסאזשיר אינ האטעל, אז איכ האב אימ א פרעג געטאנ, ווו איז ער אויסגעוועג, האט ער דערופ געענטפערט:

— איכ קאנ דענ פארגעדענקענ אלע דייטשישע שטעט?.. כ'האב פאר די יארנ מילכאמע זיכ גענוג אנגעזענ. וואס זאל איכ אייכ זאגנ, כ'האב געזענ א סאכ שיינע שטעט אונ גרויסע שטעט. אבער געצויגנ האט מיכ אהער, קיינ ביראבידזשאנ. איר האט דא שוינ בא אונדז אלץ געזענ?.. אונ גיט ווארטנדיק אפ מיינ ענטפער, האט ער מיכ איינמאל אוועקגעשלעפט אינ די זייטיקע געסלעכ, וואס ליגנ אינ עק שטאט.

עס שטייענ וועלכע הייסע זוניקע טעג, אונ דא, אפ די הינטערגאסנ מיט די נידעריקע הילצערנע הייזלעכ איז א היפשע בלאטע. דאס וואסער כליופעט אונטער די שמאלע הילצערנע טראטוארנ.

— אט דאס איז נאכ טיכאנקע, — האט ראכמיעל גוראלניק מיט א זיפצ געזאגט, — נאר זייט זיכער, אז מיט דער צייט וועט דא אויכ זיינ ביראבידזשאנ.

ביראבידזשאנ איז ניט נאר דער נאמענ פונ דער שטאט. ביראבידזשאנ איז געווארנ א באגריפ גיט בלויז פונ דעמ, וואס ס'איז שוינ פאראנ, נאר אויכ פונ דעמ, וואס ס'וועט נאכ זיינ. ביראבידזשאנ

הייסט: גוטע וועגנ, אספאלטירטע טראָטואַרנ, מויערנ, וואסערלייטונג, קאנאליזאציע, סקווערנ, גרינס־אלייענ, אלצ, וואָס מאכט גרינגער אונ שענער דאָס לעבנ.

אונ אז דאָס לעבנ ווערט דאָ גרינגער, שענער, רייכער, — דאָס דערפילט מענ באלד, ווי מע טרעט ארופ אפ דער ערד פונ דער יונגער בליִענדיקער שטאָט בירָאָבידזשאנ אונ מע באגעגנט זיכ מיטנ ערשטנ בירָאָבידזשאנער טוישעוו.

דער בירָאָבידזשאנער נאָגיד

דאָס מעגנ זײנ איבערוואנדערער פונ פארשיידענע שטעט, פונ פארשיידענע געגנטנ, פונ פארשיידענע רעפובליקנ, נאָר אינ צוג איז מענ אלע איינ מישפּאָכע. איינעמס ווײ איז אלעמענס ווײ, איינעמס פרייד איז אלעמענס פרייד. פאלט עמעצער בא זיכ אראָפּ, איז פאראנ ווער ס'זאָל טרייסטנ. דארפ עמעצער זיכ האלטנ אנ אייצע, ווערנ אלע באל־אייצעס. קיינעמ קומט נאָר ניט אפנ זינענ, אז מע וועט זיכ ווענ־עס־איז צעשיידנ.

נאָר קוימ שטייגט מענ אראָפּ פונ צוג, צעפאלט זיכ באלד די גרויסע איבערוואנדערער־מישפּאָכע אפ עטלעכע קלײנע מישפּאָכעס. שמידנ מיט שמידנ, שוסטער מיט שוסטער, סטאָליערס מיט סטאָליערס. בעקיצער, יעדער פאכ בילדעט זיכ אויס א באזונדערע מישפּאָכע.

איבערגעשלאָפנ די ערשטע נאכט אינ דער נײער היימ, לאָזט מענ זיכ באלד אפ מאָרגנ איבער די אונטערנעמונגענ פונ שטאָט. מאלע וואָס מע האָט זיכ דאָרט אָנגעהערט אינ דער היימ, אינ צוג אונ אינ וועג. מע וויל א קוק טאָנ מיט די אייגענע אויגנ, אונ נאָכדעמ וועט מענ שוינ באשטימענ, ווו מע וועט זיכ שטעלנ ארבעטנ. עס גייט דערביי ניט אזוי אינ פארנאָסע, ווי אינ דעמ אינטערעס. פארנאָסע קאָנ מענ

דאָ, אין ביראָבידזשאַן, אומעטום האָבן. דערינג איז באַ די אָנגעקו־
מענע איבערוואַנדערער ניטאָ קיין שום ספּק.

מער פון אַלעמען דויערט דער גאַנג באַ דער מישפּאָכע מעטאַ־
ליסטן — שמידן, שלאָסערס, טאָקערס, בלעכער — אומעטום זיינען
זיי אָנגעלייגטע געסט. עס וואַרטן אַף זיי אין ביראָבידזשאַן דער מעכאַ־
נישער זאַוואָד, די אייזנבאַן, דער וועגענער־זאַוואָד, די רעמאָנט־מעכאַ־
נישע וואַרשטאַטן, פאַבריקן און א היפּש ביסל אַרטעלן. פאַרשטייט
זיך, אַז פאַר איינס טאָג קאָן מען אַזויפיל ניט אַרומכאַפּן, ביפראַט, אַז
פון איין אונטערנעמונג ביז דער אַנדערער איז א גאַנצ היפּשער מעהאַלעך

די סטאָליערס האָבן א סאַך וויניקער גענג, די שניידערס — נאָך
וויניקער, און די שוסטערס — סאַכאַקל צוויי גענג: איין גאַנג אין דער
שוסטער־פאַבריק, און דער אַנדערער אין אַרטעל „נייער וועג".

געקומען זיינען די שוסטערס אין אַרטעל „נייער וועג" פּונקט
מיטיק־צייט און זיינען אַריין גלייך אין וואַרשטאַט. געטראָפן האָבן
זיי דאָ בלויז עטלעכע מענטשן, די, וועמען מע האָט דעם וואַרמעס
געבראַכט צו טראָגן אַף דער אַרבעט.

זיך פאָרשטעלן, אַז מע איז נייע איבערוואַנדערער, האָבן די או־
מאַנער שוסטערס ניט באַדאַרפט. א ביראָבידזשאַנער טוישעוו דערקענט
א נייעם איבערוואַנדערער טייקעף־אומיטאָר.

— פון דער אוקראַינע, אַוואַדע? — האָט עמעצער פון די בי־
ראָבידזשאַנער א פרעג געטאָן.

— פון אומאַן.

— קימאַט זעמליאַקעס. איך בין אויך פון דער אוקראַינע. א
טשערקאַסער, — און מיילעך פרישטיק, א ייִד מיט א פרייליכ פּנעם,
האָט פאַרבעטן די אָנגעלייגטע געסט צום שוסטער־טיש.

אַפּנים, אַז די אומאַנער האָבן זיך שוין רעכט פאַרבענקט נאָך
דער אַרבעט, וואָרעם ווי נאָר זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אַף די נידער־
ריקע שוסטער־בענקלעך, איז שוין באַ יעדן אין האַנט געווען א שטיקל
געצייג. דער האָט געהאַלטן א צוועקל, דער א האַמער, יענער א קאָ־

פיל, און מאָרדכע ליטוואק, דער, וואָס האָט דעם גאַנצן וועג געטײַנעט, אַז ער וועט שוין ווײַזן ביראָבידזשאַן „יענע שטיקל אַרבעט", האָט אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין אַרײַנגעכאַפּט אין מויל עטלעכע הילצערנע צוועקלעך. ס'איז אויסגעקומען: גיי טרעף, ווער זײַנען עס דאָ די ביראָבידזשאַנער און ווער זײַנען די געסט.

עס זײַנען דורך עטלעכע מינוט, און דער עולם איז צווישן זיך געוואָרן אַזוי באַפרײַנדעט און היימיש, אַז מע האָט שוין איינס דאָס אַנדערע גערופן בײַ די נעמען. ווי געוויינלעך, האָבן גערעדט די ביראָבידזשאַנער. די אומאַנער האָבן דערווײַל בלויז געשטעלט פראַגן.

די ערשטע פראַגע איז געווען:

— ווי לעבט זיך דאָ אײַך?

— עט, — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ זיפץ שלוימע בונימאָוויטש, אַ מענטש מיט אַ פאַרשלעפערט פּנים, מיט אַ פאַרשלעפערטן קאָל, נאָר מיט זייער לעבעדיקע אויגן.

— וואָס, אַן ערעך, באַטײַט אײַער „עט"? — האָבן די אומאַנער שוסטערס בײַ אים אַ פרעג געטאָן.

הערפילט, אַז מע קוקט אויף אים פון אַלע זײַטן, האָט שלוימע, וועלנדיק אָפּאַטערן די פראַגע, אַ זאָג געטאָן:

—בעקיצער, מירן וועגן דעם ניט רײדן,—און בונימאָוויטש האָט זיך ווידער גענומען צום וואַרמעס, געזופּט דאָס געקעכץ פונעם קליינעם טשוהונטשיק, וואָס איז געווען אײַנגעוויקלט אין אַ גראָבן האַנטעך.

— שלוימע, צי מיך ניט פאַר דער צונג, — האָט זיך אָפּגערופן איינער פון די ביראָבידזשאַנער שוסטער, וועלכער איז די גאַנצע צײַט געזעסן אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט און געשוויגן, — באַלד דו האָסט שוין געזאָגט „עט", איז די רייד שוין ביזן סאָף. אַניט, וועל איך מוזן דערציילן.

די אומאַנער האָבן זיך איבערגעקוקט. זיי ווייסן נאָך ניט, וואָס קלײַבט ער זיך זיי דערציילן, נאָר עפּעס פילן זיי שוין צו אים אַ מאָדנעם צוטרוי. זיי זײַנען נײַגיריק צו הערן פון אים אַ וואָרט.

— נו, שלוימע?

— וואָס ווילסטו, יודע, — האָט שלוימע בוגימאָוויטש צו אים א זאָג געטאָן, — מיינסט, אז אלעמען איז דאָ אזוי גוט ווי דיר. איר זעט אָט דעם ייִדן, — האָט בוגימאָוויטש זיך געווענדט צו די איבערוואנדערער, ווײַזנדיק אפ יודע בעלענקי, — דאָס איז אונדזער ביראָבידזשאנער נאָגיד. ער פארדינט יעדן כוידעש א מאטמען מיט געלט, און כוץ דעם...

— איר מיינט, מיר שפּאסן? — האָט זיך אָפּגערופן א צווייטער ייִד, — אָט דער מענטש איז, קיין אײַנהאָרע, בעפּירעש א נאָגיד. דער ערשטער סטאכאנאָוועץ אין ארטעל.

— יאָ, איך בין א נאָגיד. בעפּירעש א נאָגיד. און פארוואָס ביסטו ניט געוואָרן קיין נאָגיד, שלוימע? עמעצער האָט דיך ניט געלאָזן?

דער ביראָבידזשאנער נאָגיד יודע בעלענקי, וועלכער איז געזעסן באם לאנגן שוסטער־טיש, איז א הויכער שטאלטנער ייִד מיט א ליכטיק, אויסגעראזירט פּאָנעם און א הויכן שטערן. אָנגעטאָן איז דער נאָגיד געווען, ווי געווײנלעך צו דער ארבעט, אין א פּאָר פּראָסטע קאָרטענע הויזן און אין א ציצענעם אויבערהעמד. אָבער די הויזן זײַנען בא אים געווען ווי נאָרוואָס פון אונטערן פּרעס־אײַזן, און דאָס העמד — ווײַס ווי שניי. ער איז שוין א מענטש פון עטלעכע און פופציק, נאָר ס׳איז צו זען, אז ער גיט נאָך זיך אכטונג, ווי א יונגער באָכער, וואָס דארף ערשט געפעלן ווערן א מיידל.

— ווי איך זע, — האָט יודע בעלענקי זיך געווענדעט צו די אומאָנער שוסטערס, — זײַט איר ניט פון די ייִדן, וואָס שרעקן זיך פאר שוועריקײַטן. איר זײַט פון מײַנע מענטשן. ביראָבידזשאנער. א ביראָבידזשאנער הייסט בא מיר דער, וואָס קומט אהער צו פאָרן מיט אלעמען: ס׳הייסט, געקומען בויען דאָ א לעבן, א שטענדיקע היים. דער, וואָס האָט אנדערע קאַוואָנעס, דעם רעכן איך ניט פאר קיין ביראָבידזשאנער. אָט נעמט, אשטייגער, אזא ייִדן, ווי שלוימע בונימאָוויטש. וויפל, מיינט איר, וווינט ער שוין דאָ? אוואדע א יאָר אכט, און ביז

פאַראיאָרן האָב איך אים ניט געהאַלטן פאַר מיינעם א בעניאיר. בונימאָוויטש האָט אייך געזאָגט, אז ס'איז אים „עט". און ווער איז שולדיק אין דעם? ער אַליין. וואָרעם פון ערשטן טאָג אָן איז ער געזעסן אפ די טשעמאָדאנעס. ער וועט פאָרן צוריק, ער וועט פאָרן אהער, פאָרן אהין. בעקיצער, ער האָט ניט געקענט איינזיצן אפ אן אָרט. נו, כאָלד דער קאָפּ איז פאַרנומען מיט אזעלכע געדאנקען, טראַכט מען ניט וועגן איינשאפן זיך א ווירטשאפט, פאַרפלאַנצן א סעדל, זיך אויפבויען אן אייגענע שטוב, און ס'קלעפּט זיך ניט די אַרבעט. וואָס, ניט אזוי, שלוימע?

— יאָ, ס'איז טאַקע אזוי, — האָט בונימאָוויטש געענטפערט מיט א שטים, ווי ער וואָלט זיך אַליין אויסגעמוסערט, — נאָר גיי זיי א קלוגער.

— דער, אָבער, וואָס קומט אהער מיטן געדאנק, אז דאָ איז זיין היים, דעם וועט זיך דאָ לעבן גוט, — האָט בעלענקי פאַרגעזעצט. — וואָרעם ביראָבידזשאַן און די גאנצע געגנט אונדזערע איז אן אָרט, וו מע קאָן זייער גוט מאכן א לעבן. כ'וועל נעמען זיך. אָט זיצן לעבעדיקע אידעס. זאָלן זיי זאָגן, אין וואָס פאַר א מאַצעוו איך בין אהער געקומען. דאָס ערשטע שטיקל צייט איז מיר דאָ געווען גאנץ שווער. איר מיינט, כ'האָב שלעכט פאַרדינט? גלייבט מיר, אז כ'האָב דעמלט אויך געקאָנט לעבן ניט ערגער פון אנדערע, א ווערדע פאַרלעבן דעם פאַרדינסט? כ'האָב אָבער געזאָגט צום ווייב מיינעם אזוי: „ווילן מיר דאָ בויען א לעבן, דאַרף מען א שטיקל צייט צולײַדן". בין איך געווען גערעכט צי ניין? איצט רופט מען מיך דער ביראָבידזשאַנער נאָגיד. און וואָס מיינט איר? כ'בין טאַקע א נאָגיד. כ'האָב זיך אויסגעבויט אן אייגענע שטוב. זייער א פיינע שטוב. כ'האָב מיר א בעהיימע, קאָרמע יעדן יאָר אויס א פאָר כאַזיירים, און וועגן מיין אַרבעט זאָלן זיי שוין זאָגן... און ווייבאלד כ'האָב ניט געטראַכט וועגן אוועקפאָרן, האָב איך פאַרפלאַנצט א סעדל, און איצטער עס איך אויבס אָט ביז אהער. ס'קלעקט אפילע צום פאַרקויפן. איר מיינט, איך בין איין נאָגיד אין

ביראָבידזשאנ? פאראנ בא אונדז א סאך אזעלכע נעגידימ. מוישע האָראָדעצקי, דער האמענ־שניידער פונ דער נײ־פאבריק, איז נאָך עפּשער א גרעסערער נאָגיד פונ מיר. בעקיצער, כאַפּט זיך הײנט אינ אוונט צו מיר ארײַנ. כ׳קאָנ אײַך זאָגנ אפריער, איר וועט בא מיר טרעפנ אלצ, וואָס אינ א נעגידישער שטוב דארפ זײַנ, נאָר קײנ טשעמאָדאנעס וועט איר בא מיר ניט געפינענ.

די אומאנער שוסטערס האָבנ שוינ באלד פארגעסנ, נאָך וואָס זײ זײַנענ אהער געקומענ. זײ האָבנ, דאכט זיך, געהאט אזויפיל צו פרעגנ. נאָר דער ביראָבידזשאנער נאָגיד, יודע בעלענקי, איז זײ פארלאָפנ דעמ וועג. ער האָט מיטאמאָל פארענטפערט אלע זײערע פראגעס. איצט איז געבליבנ צו באשטימענ, וו ווער סע שטעלט זיך ארבעטנ, אונ טאקע גלײַך צוטרעטנ זיך אײַנפונדרעווענ, ווי דאָס האָט געטאָנ יודע בעלענקי, דער שנײַדער מוישע האָראָדעצקי אונ אלע אנדערע ביראָבידזשאנער טוישווימ.

מיטאמאָל איז ארײַנגעקומענ דער פאָרזיצער פונ ארטעל אונ גע־מאָלדנ מיט א יאָמטעוודיקער שטימ:

— כאווײרימ, ער איז געקומענ!

— הערט, איז וואָס זשע שווײַגט איר? פארבעט אימ אהער.

„ער" — דאָס איז כאזאנאָוו, אנ ארטיסט פונ ביראָבידזשאנער יידישנ מעלוכע־טעאטער אפ קאהאנאָוויטשעס נאָמענ. דערזעט מענ כאזאנאָוונ, איז ווי מע וואָלט דערזענ א לעבעדיקנ טעוויע דעמ מילכיקנ, וואָרעמ לויט דעמ, ווי די ביראָבידזשאנער יידנ שטעלנ זיך פאָר שאָלעמ־אלײכעמס טעוויע, איז כאזאנאָוו אינ דער ראָל פונ טעוויענ מאמעש ווי אָנגעמאָסטנ. אז די שוסטער פונ דעמ ארטעל האָבנ געזענ די פארשטעלונג, זײַנענ זײ אזוי ניספּאָעל געוואָרנ פונ כאזאנאָוונס טעוויע, אז זײ האָבנ באלד אפ מאָרגנ אוועקגעשיקט זײערנ א מענטשנ צו כאזאנאָוונ אהײמ אראָפּנעמענ א מאָס פונ דער גאנצער מישפּאָכע זײַנער. כאזאנאָוו אלײנ איז גראדע ניט געווענ אינ שטוב.

— דאָ וווינט טעוויע דער מילכיקער? — האָט דער שוסטער

געפרעגט כאזאנאוום פרוי, — דער מאן אײַערער האָט בײַ מיר געכאַפט באַשטעלט שוכווארג פאַר דער גאַנצער מישפּאָכע, ביז איך געקומען אַראָפּנעמען א מאָס.

אין עטלעכע טעג אַרום איז פון אַרטעל געקומען צו גיין שוין אַן אַנדער שוסטער, פאַרשטייט זיך, אויך דעמלט, ווען כאַזאַנאָוו איז ניט געווען אין דער היים, און געבראַכט אין א פּינעם קעס־טעלע עטלעכע פּאָר שיך. אויפן קעסטעלע איז געווען אָנגעשריבן:

„א מאַטאָנע אונדזער טעווירע דעם מילכיקן פון אמכאָ.“

איינעם זעלבן טאָג איז כאַזאַנאָוו געקומען צו גיין אין אַרטעל „נײַער וועג“.

— ס'האָט איר מיר געשיקט די מאַטאָנע?

די שוסטער האָבן געשוויגן, קלוימערשט, זיי הייבן ניט אָן צו וויסן.

— נו, מיילע, — האָט כאַזאַנאָוו זיך אָנגערופן, — באַלד ס'א סאָד, איז זאָל זײַן א סאָד, ווי שטייט דאָרט בײַ אונדז געשריבן אין מעדרעש...

— טעווירע מיט די ביינער.

— אמכאָ, געזונט און שטאַרק זאָלט איר מיר זײַן. זײַט זי־כער, א סאָוועטישער אַקטיאָר ווייסט ווי צו שאַצן א מאַטאָנע פון פאָלק. מיר זײַנען נאָך גרויסע באַלעבייוועס אונדזערע ביראָבידזשאַ־נער ייִדן.

— איך גיב אײַך שוין די מעגלעכקייט זיך אויסצוצאָלן, — האָט זיך אָנגערופן דער ביראָבידזשאַנער גאָגיד יודע בעלענקי.

— דעהײַנע?

— לייענט אונדז איבער שאָלעם־אַליייכעמס א מײַסע.

און ס'האָבן פון אַלע זײַטן זיך א שאַט געטאָן באַשטעלונגען. ס'איז, דאַכט זיך, ניט געווען קיין איין געשיכטע שאָלעם־אַליייכעמס, וועלכע די שוסטערס זאָלן ניט וויסן.

— איך זע, — האָט כאַזאַנאָוו זיך אָנגערופן, — אַז מיט אײַך

טאג וועל איך דא ניט אפקומענ, איז האב איך א פארשלאג... —
אונ טאקע דא, באמ שוסטער-טיש, האט מענ זיך צונויפגערעדט: איינ מאל אינ וואכ קומט אהער כאזאנאוו פארלעזנ שאלעמ-אליי-כעמענ. דאס איז געווענ כאזאנאווס פארשלאג. נאר אזוי ווי אינ די אוונטנ איז ער פארנומענ, וועט ער קומענ צו זיי באטאג, אינ דער ארבעטס-צייט. אינ טאג פונ דער פארלעזונג וועלנ זיי ענדיקנ די ארבעט מיט א שא שפעטער. דעמ דאזיקנ פארשלאג האבנ שוינ גע-מאכט די שוסטער אליינ.

אפ די פארלעזונגענ קומענ צו גיינ ניט נאר די שוסטערס, נאר אויך זייערע מישפאכעס, די ווייבער מיט די עלטערע קינדער.

אז כאזאנאוו איז אריינגעקומענ, איז שוינ דאס גרויסע צימער פונעמ ווארשטאט געווענ געפאקט. מע איז געזעסנ אפ די טישנ, גע-שטאנענ בא די ווענט, באמ אריינגאנג. דער אוילעמ האט זיך גע-פילט יאמטעוודיק. אלעמענס בליקנ זיינענ געווענ געווענדט צו שא-לעמ-אלייכעמס בילד, וואס איז געהאנגענ אפ דער וואנט.

דער ארטיסט האט גענומענ פארלעזנ „ווענ איך בינ ראטשילד''.

בא די ערשטע ווערטער האט שוינ אויסגעבראכנ א געלעכטער. מע האט געלאכט פונ פולנ הארצנ, אזש טרערנ האבנ זיך געשטעלט אינ די אויגנ. נאר אז כאזאנאוו האט געענדיקט: „אונ ווי וועל איך נעמענ א דרייערל אפ שאבעס'', איז געווארנ שטיל. יעדער איי-נער האט זיך דערמאנט אנ דעמ שווערנ אמאל, אינ דער גרויסער נויט, אינ וועלכער מע האט געלעבט.

— דאס איז דאך א וואסילקאווער געשיכטע, — האט עמעצער פונ די שוסטערס איבערגעריסנ די שטילקייט.

— א מאשל. בא אונדז אינ פרילוקי זיינענ אמאליקע יארנ געווענ א סאך אזעלכע ראטשילדס.

— אונ בא אונדז אינ קאמענעץ...

— אבער בא אונדז אינ ביראבידזשאנ זיינענ אזעלכע ראט-שילדס ניטא, — האט דער ביראבידזשאנער נאגיד יודע בעלענקי

זיכ אָנגערופנ צו די אומאנער איבערוואנדערער, — ווי זאָגט איר?

מיט דעמ האָט יודע זיי געגעבנ אָנצוהערנ, אז ער האלט זיי שוינ פאר זײַניקע, פאר בירָאבידזשאנער.

אפ די קאלכ־בערג

דאָס קליינע הילצערנע שטיבל מיטנ אופגעהאנגענעמ שילדל אפ דער טיר, אפ וועלכער ס'איז אָנגעשריבנ אינ יִדיש: סטאנציע „קאלכ־זאוואָד“, איז נאָכ דערווײַל ניט ענלעכ אפ קיינ סטאנציע. אונ בעמעס, בלויז איינ צוג, דער בלאגאָוועשטשענסקער, שטעלט זיכ דאָ אָפ, אונ סאכאקל שטייט ער דאָ, דער צוג, ניט מער ווי א מינוט. ס'איז אָבער גענוג. וואָרעמ קיינ סאכ פאסאזשירנ שטײַגנ דאָ ניט אראָפּ. די הויפּט־סטאנציע, וואָס באדינט דעמ זאוואָד, איז ביז איצט נאָכ פארבליבנ „לאָנדאָקאָ“, וועלכע געפינט זיכ פונדאנענ קנאפּע זעקס קילאָמעטער. דאָרט, אינ לאָנדאָקאָ, שטעלנ זיכ אָפּ קימאט אלע צוגנ, דער וואָקזאל איז דאָרטנ אויכ א גאנצ פײַנער, אונ כוצ דעמ, גייט פונ דאָרטנ צומ זאוואָד א גוט־אײַנגעפאָרענער וועג. מיט דער צײַט אָבער וועט דאָ אויכ ווערנ א גרויסע סטאנציע.

אז מע קומט אהער צו פאָרנ, פארשפּאָרט מענ זיכ גיינ פאנאנדערפרעגנ, ווו געפינט זיכ דער זאוואָד. די העלע וואָלקנדלעכ רויכ, וואָס שווימענ איבער דער פארוואקסענער קאלכ־סאָפּקע, זײַנענ גוטע וועג־ווײַזערס. זיי ברענגענ אײַכ צו פירנ גלײַכ אינ יִשעוו.

שווער צו זאָגנ, אפ וואָס איז דער יִשעוו פונעמ לאָנדאָקאָער קאלכ־זאוואָד מער ענלעכ — אפ א שטעטל צי אפ א דאָרף. קיינ גאסנ זײַנענ דאָ דערווײַל ניטאָ, קיינ געסלעכ אויכ ניט. ער איז אָבער אייגנארטיק שיינ.

איינ האלבער יִשעוו ליגט אינ דער נידער. ער איז אָפּגעצאמט מיט דער הויכער קאלכ־סאָפּקע, וואָס קייטלט זיכ ערגעצ אָנ אינ

דער ווײַט מיט די כינגאַנער בערג. דער צווייטער האַלבער ישעוו ליגט צעשאָטנ אַפּ אַ גרויסנ באַרג, וועלכער איז פונ אויבנ ביז אַראָפּ פאַרזייט מיט גערטנער. אינמיטנ ישעוו שטראָמט דער אַמ-סאַיאַר — אַ קליינ לויטער טײַכל.

פונקט ווי אינ אַלע אַנדערע ישעווים פונ דער געגנט, אויסער, פאַרשטייט זיך, די שטעט ביראָבידזשאַנ, אָבלוטשיע אונ די ראַ-יאָנע צענטרענ — לענינסק, סטאַלינסק, סמידאָוויטש — זײַנענ דאָ אַלע הײַזער הילצערנע. נאָר אַז מע גייט אַרײַנ אינ אַ שטוב, פאַר-געסט מענ, אַז זי איז געבויט פונ האָלצ. די דיקע ווענט, דער באַלקנ זײַנענ געקאַלכטע. זומער איז אינ אַזאַ שטוב ניט איבעריק הייס אונ ווינטער — וואַרעמ ווי אינ אַנ אויער. יעדער שטוב איז מיט אַ גאַנעק, מיט אַ שטעלכל, אונ קימאַט אינ יעדנ הויפ — אַ גערטנדל.

לויט דער צאָל הײַזער איז דער ישעוו פונעמ לאָנדאָקער קאָלכ-זאָוואָד שוינ איצט אַ גאַנצ גרויסער, אונ אינ דער נאָענטסטער צו-קונפט וועט ער ווערנ איינער פונ די גרעסטע אינ אָבלוטשער ראַיאָנ. אינ דער ברייט האָט ער שוינ ניט ווו צו וואַקסנ. ער איז אײַנגע-צאַמט צווישנ צוויי הויכע בערג. דערפאַר אָבער קאָנ ער וואַקסנ אינ דער לענג. די טײַגע איז ניט קיינ גרענעצ. מע קאָנ זי צווינגענ, זי זאָל זיך אַ רוק טאָנ.

וועמענ ס'איז לעצטנס אויסגעקומענ צו זײַנ אינ דער ביראָבי-דזשאַנער טײַגע, דער ווייסט, אַז זי איז שוינ ווײַט ניט אַזאַ, ווי מע האָט זי געהאַט באַשריבנ אינ די ערשטע יאָרנ פונ דער איבערוואַנ-דערונג. אַפילע אינ דער סאַמע געדיכטעניש אירער באַגעגנט מענ אויכ שפּורנ פונ מענטשלעכע טריט, אויסגעטראָטענע סטעזשקעס, אַפּ די ביימער — ציינער פונ אַ דורכגעפירטער זעג. זי איז באַלעבט מיט מענטשנ, די טײַגע.

שטייענדיק אַזוי באַמ ראַנד פונ דער טײַגע, האָט זיך פּלוצעמ דערהערט אַ מעכטיקער דונער. ער האָט זיך אַרײַנגעריסנ אינ דער שטילקײַט פונעמ זוניקנ באַגינענ מיט אַזאַ קראַפט, ווי מע וואָלט

אויסגעשאָסן פון עטלעכע האַרמאַטן. ס'האָט ניט געדויערט קיין רעגע, ווי דער דונער האָט זיך באַנײַט איבערגעכאַזערט, אַ שטאַר־קערער נאָך ווי פריִער. אַזוי עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד. דאָס האָט מען געריסן די קאַלך־סאָפּקע. נאָך יעדן אופרײַס האָבן זיך געטראָגן צו דער הייך ביימער מיט אויסגעריסענע וואָרצלען, גרויסע שטיקער פעלדזן, זײַלן ערד, אַ געדיכטער רויך, געמישט מיט שטויב.

באַם צופוסנס פון דער סאָפּקע, דאָרט, וווּ עס געפינען זיך דרוי־טע געמויערטע קאַרפּוסן פונעם זאַוואָד, האָט אַף אַ הויכן שטאַנג געפלאַטערט אַ פאָן פון אַן אומבאַשטימטן קאָליר — ס'אַ סיגנאַל פאַר דער באַפעלקערונג, מע זאָל זיך ניט דערנעענטערן צום באַרג.

ווי נאָר די אַרויסגעהאַנגענע פאָן איז פאַרשוווּנדן, האָבן אינעט־ישעוו זיך גענומען באַווײַזן די אײַנוווינער.

ניט אַזוי לײַכט איז זיך דערקלײַבן צו די באַרג־אַרבעטער, וועל־כע האָבן זיך געפונען אַף דער סאָפּקע. ס'איז אויסגעקומען קלעטערן איבער אויסגעריסענע ביימער, איבער בערגלעך ערד און אָנגע־וואָרפענע שטיקער פעלדז, וואָס זײַנען געלעגן אָנגעוואַלגערט באַם צופוסנס פון דער סאָפּקע, ווי נאָך אַן ערד־ציטערניש. עטלעכע אַר־בעטער האָבן מיט גרויסע האַמערס פאַנאַנדערגעהאַקט די אופגעריסענע פעלדז־שטיקער.

פון דער סאַמע הייך האָט אַף אַ צוגעבונדענער שטריק זיך אַראָפּ־געלאָזט אַ וווּקסיקער מיטליאָריקער ייִד. לויט דעם ווי געשיקט ער האָט געקלעטערט פון דער הייך, אָפּגעבנדיק דערבײַ פאַרשיידענע באַפעלן די מענטשן, וואָס זײַנען געשטאַנען אַפן באַרג, איז לײַכט געווען זיך אָנשטויסן, אַז ס'איז אַן עלטסטער צווישן זיי, אַ ברינגאַ־דיר. ער האָט זיך אויסגעטיילט צווישן די איבעריקע באַרג־אַרבע־טער מיט זײַנע רויִקע און זיכערע באַוועגונגען. ווען ער האָט אַרופּ־געקוקט צום אַרומגעפּליקטן באַרג, האָט מען געזען, אַז דאָס איז אַ קוק פון אַ מענטשן, וואָס קאָן אײַך פּינקטלעך אָפּשאַצן, וויפל טאָן עס וועגט אָט יענער אָפּשטאַרצנדיקער פעלדז, און ווי טיף מע

דארפ עגבערנ אינעמ בארג דעמ ברונעמ, אונ וויפל קילאָגראמ לי־באל אהינ פארלייגנ, אז מע זאָל קאָנענ אזא פעלדז אופרייסנ.

— דאָס האָט איר היינט גערייסנ די סאָפקע?

— איכ.

— אונ איר האָט גאָר קיינ מוירע ניט?

ער האָט מאָהנע א קוק געטאָנ אונ זיכ צעשמייכלט.

— פאר וועמענ דארפ איכ עס מוירע האָבנ? פארנ בארג? דער בארג האָט מוירע פאר מיר, ניט איכ פאר אימ.

— אָבער אז ס'הייבנ אָנ פליִענ די שטיינער...

— ס'איז דאָכ ניט דער סאמבאטיענ, וואָס ווארפט פונ זיכ אליינ די שטיינער. ווענ איכ הייס אימ, דעמלט ווארפט ער. איכ בינ איבער אימ דער באלעבאָס. וואָס קאָנ ער מיר טאָנ, אז ס'איז בא מיר לעכאטכילע אלצ אויסגערעכנט.

ער האָט גערעדט וועגנ זיינ נייער מעלאָכע מיט אזא קאלטבלוטיקייט, פונקט ווי ס'וואָלט זיכ דאָ געהאנדלט וועגנ אָנגלאָזנ א שויב צי פארזעצנ א בייט קארטאָפל.

— ער איז דאָכ אָנ ארטילעריסט, — האָט זיכ אָנגערופנ דער וואנגאָנעטשיק, א באוועגלעכער רוסישער יונגערמאנ מיט א פאָר העל־בלויע דורכנעטריבענע אויגנ, — יענער האָט געסמאליעט איבער גערמאניע, האָט בא אימ א ווערדע סמאליענ די סאָפקע. איא, גערשמאנ?..

אפ גערשמאנס פאָנעמ האָט זיכ באוויזנ א שמייכל: ס'האָט אימ, אפאָנעמ, האנאָע געטאָנ, וואָס מע דערקענט אינ אימ דעמ ארטילעריסט.

— אלע טאָג רייסט איר עס דעמ בארג?

— איינ מאָל? מיר רייסנ אימ צוויי אונ דריי מאָל א טאָג. די קאלכ־אויוונס ברענענ דאָכ דורכנ מעסלעס. באזאָרגנ די אויוונס דארפ מענ האָבנ זייער א סאכ שטיינער. אָט. זיי פאָרנ שוינ ווי־

דער, די וואַגאָנעטקעס. כעוורע, טעמפּנ! — אונ גערשמאַנ האָט מיט פלייס זיכ אַ נעמ געטאָנ צו דער אַרבעט.

ווי גרינג ס'האָט אויסגעזעגנ אינ זיינע הענט דער שווער־וואָגיקער האַמער. פונ זיינ יעטווידנ זעצ איז דער גרעסטער שטיינ זיכ צעפאַלנ אַפ שטיקלעכ, פונקט לויט דער מאָס, זיי זאָלנ קאָנענ אַריינגייג אינ קאַלכ־אויוונ.

— אפּאָנעמ, ער איז גיט קיינ איבעריקס שטאַרקער, דער קאַלכשטיינ: פונ איינ קלאַפּ צעפאַלט ער זיכ.

גערשמאַנ האָט דערויפ גאָרנישט געענטפערט. ער האָט בלויז אַ ווונק געטאָנ מיט די אויגנ. ס'הייסט: זעט! אונ ער האָט מיט אַלע קויכעס גענומענ קלאַפּנ איבערנ אויבערפלאַכ פונעמ זעלבנ שטיקפעלדז. פונקענ פייער זיינענ געפלויגנ פונ אונטערנ שווערנ האַמער, נאָר דער שטיינ איז געבליבנ ניט גערירט.

— איצט זעט איר? — האָט גערשמאַנ זיכ אָנגערופנ. — מע קאָנ יאַזוי קלאַפּנ ביז מאָרגנ, וועט דער שטיינ זיכ ניט צעפאַלנ. באַ דער דאָזיקער אַרבעט אונדזערער דאַרפ מענ גאָרניט זיינ קיינ גיבער. מע דאַרפ האָבנ פּראַקטיק. געוווינהייט. אָט גיט אַ קוק.

ער האָט גאָר אַ לייכטנ זעצ געטאָנ איבערנ זעלבנ שטיינ, נאָר אינ אַנ אַנדער אָרט, אונ דער שטיינ איז זיכ צעפאַלנ אַפ שטיקער.

— אַ שטיינ איז ווי אַ בלאַט פול מיט אָדערנ, — האָט ער געזאָגט. — איר זעט? מע דאַרפ אימ דערלאַנגענ צווישנ די ריפּנ. ס'הייסט צווישנ די אָדערנ, אונ דעמלט העלפנ גיט קיינ כאָכמעס. ער צעפאַלט זיכ פונ איינ זעצ. די אַרבעט איז ניט גאָר קיינ גרינגע אונ גיט קיינ איבעריקס שווערע. ס'איז אַ געזונטע אַרבעט.

— שוינ לאַנג, אַז איר אַרבעט באַמ קאַלכ?

— ס'צוועלפטע יאָר. אַז איכ בינ אַהער אָנגעקומענ, איז נאָכ דער זאַוואָד ניט געווענ. אונדזערע יידנ האָבנ געבורעוועט די שטיינער אינ קליינע אויוונס, וועלכע זיינענ דאַ געשטאַנענ אונטערנ אָפענעמ הימל. ס'האָט געהאַט אַ פּאָנעמ ניט פונ קאַלכ־אויוונס, נאָר פונ בע־

קערײַען. איצט איז בא אונדז א גאנצ גרויסער מעכאניזירטער זאוואָד. אינגיכנ וועט ער ווערנ נאָכ גרעסער... אָט די סאָפּקע, ווו מיר שטייענ, זאָגנ אינזשעניערנ, וועט קלעקנ נאָכ אפ הונדערט יאָר. אונ יענע סאָפּקע, וואָס הינטער דעמ, איז דאָכ אויכ א קאלכ־סאָפּקע. אײַ, דארפ מענ דאָ מענטשנ!..

די אָנגעהאקטע הרודעס שטיינער זײַנענ געוואקסנ מיט יעדער רעגע. איבער די אויסגעלייגטע רעלסנ האָבנ הינ אונ צוריק זיכ אומגעטראָגנ וואגאָנעטקעס, וואָס האָבנ פאנאנדערגעפירט פונדאנענ די שטיינער אינ די קאלכ־אויוונס פונעמ זאוואָד, וועלכער האָט זיכ צעשפּרייט מיט אלע זײַנע צעכנ באמ סאמע צופוסנס פונ דער סאָפּקע.

בא איינעמ פונ די קאלכ־אויוונס איז געשטאנענ א מיטליאָריקע ייִדישע פרוי אונ פאנאנדערגעשארט מיט א לאנגער קאָטשערע דאָס פלאקערנדיקע האָלצ. אינ דער ווײַסער פאטשיילקע אפנ קאָפּ, מיט די פארקאטשעטע ארבל העכער די עלנבויגנס, האָט זי אויסגעזעענ, ווי זי וואָלט גרייטנ דעמ אויוונ אפ ארײַנזעצנ כאלע.

— ווי לעבט זיכ עפּעס דאָ?

— ווי איינעמ. באקלאָגנ זיכ קאָננ מיר ניט. אז מע ארבעט, פארדינט מענ. איינ זאכ איז נאָר ניט גוט.

— דעהײַנו?

— עס פעלנ אויס מענטשנ. ביז דער מילכאָמע איז בא אונדז קיינ אײַנהאָרע געווענ גאָר א גרויסער עוילעמ.

— אונ ווו זײַנענ זיי איצטער?

— ס'הייסט ווו? ווייניק זײַנענ אומגעקומענ אפנ פראָנט? איר וואָלט דאָ מילכאָמע־צײַט ניט געטראָפנ קיינ איינ געזונטנ מאנצבל. איר פארשטייט דאָכ אליינ, אז האקנ שטיינער פונ דער סאָפּקע אונ שטיינ באמ קאלכ־אויוונ איז ניט פאר יעדער פרוי אנ ארבעט. מיינט אָבער ניט, אז מיר, ווײַבער, האָבנ ניט געשפּאָלטנ די שטיינער, ניט געשטאנענ בא די אויוונס, ניט געמאכט דעמ פּלאנ.

— אונ ווי לעבט זיכ אײַכ?

— אז מע בלײַבט אַן אַלמאָנע מיט דרײַ קינדער, איז שוין ניט גוט, — האָט זיך פאַר איר אָנגערופן די שכײנע, וואָס גײט אַכטונג נאָכן עסקאַלאַטאָר, אַפּ וועלכן מע הײבט די שטײנער צו די קאַלכ־אויוונס,—נאָר אַפּ דער כאַיונע האָט מען. כוץ דעם פאַרדינסט האָט יעדער פון אונדז אַ שטיקל ווירטשאַפט, אַ בעהײמע, אַ טשוש־קע, אַ ביסל אויפעס. ווײַטער האָבן מיר אַלע פאַרזעצט גערטנער. די ערד איז דאָ אַ גאָלדענע. ס'וואַקסט אַפילע אַפּ שטײנער.

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ קינדערש געשרײ:

— טאַטע!.. וווּ איז עס דער טאַטע?

אין דער אָפענער טיר איז מיט אַ לײדיקן עמער אין האַנט געשטאַנען אַ פאַרסאָפּעט ייִנגל און געזוכט מיט די אויגן דעם טאַטן זײַנעם.

— ווער איז דײַן טאַטע? — האָט די אַלמאָנע די הײצערן באַ אים אַ פרעג געטאָן.

— סימכע.

— אַ, ס'איז דאָך דעם נײַעם איבערוואַנדערערס זינדל, דער, וואָס וואַרפט אַראָפּ דאָס האָלץ. אַפּ וואָס דאַרפסטו עס אַזוי נײטיק דעם טאַטן?

— די מאַמע דאַרף קאַלכן די קיך, האָט זי מיך געשיקט צום טאַטן נאָך קאַלך.

— מיט אַן עמער גאָר?

די הײצערן האָט אַרײַנגעטראָגן פון הויף אַ שטיקל קאַלך, אַ טרוקנס און אַ האַרטס ווי אַ שטײן, און עס דערלאַנגט דעם ייִנגל.

דאָס ייִנגל האָט אַפּ איר אַ קוק געטאָן מיט חשד.

— ס'איז דען קאַלך?

— וואָס זאָגט איר אַפּ אים? אַ נײַער מיוון האָט זיך אָפּגעזוכט. די מאַמע דײַנע ווײסט כאָטש ווי אַזוי עס פאַנאַנדערפירן? מיט קאַלטן וואַסער זאָל זי עס פאַנאַנדערפירן. ווײסט ניט פאַרגעסן איר זאָגן? גיב, וועל איך דיר ווײַזן, לײג אַוועק דעם קאַלך אַפּ דר'ערד.

זי האָט אָנגעשעפּט אין דייזשע אַן עמער וואַסער און פאַרזיכ־טיק געטומען גיסנ אַפנ שטיקל קאַלכ. ווי אַנ אָנגעגליטער שטיינ, האָט דער קאַלכ גענומען זידנ, פאַנאַנדערפאַלנ זיכ אַפ שטיקלעכ, אַפ גרייפּעלעכ, ביז ס'איז פונ דעמ געוואָרנ אַ קלעפּיקע פליסיקייט.

— נו, ס'איז קאַלכ? אַזאַ שטיקעלע, זאָלסטו זאָגנ דער מאַמענ, קאָנ קלעקנ אַפ אויסקאַלכנ אַ גאַנצע שטוב.

די זונ איז שוינ געווענ הויכ אינ הימל. ס'האָט געפּאַרעט ווי פאַר אַ רעגנ, אונ אינ אַזאַ היצ איז שײַנע ליכטער, אַ ברייטפּלייציקער נידעריקער ייִד, געשטאַנענ אינ דער הייכ בײַ די אָנגעגליטע קאַלכ־אויוונס. אויסהאַלטנ דאָ בלויז איינ שאָ דאַרפ מענ, דאַכט זיכ, זײַנ שטאַרקער פונ אײַזנ, אונ ס'איז ניט צו זענ, אַז אָט דער ייִד זאָל זיכ אויסצייכענענ מיט עפּעס אַ באַזונדער געוורע. וויאַזוי שטעמט ער בײַ אַזאַ אָנגעגליטער לופט? איטלעכע ווײַלע קוקט ער אַרײַנ דורכנ פענצטערל אינ אויוונ, ווו עס שמעלצנ זיכ די שטיינער. אַ יאַמ פײַער בושעוועט אַפ יענער זײַט פענצטערל.

— וויאַזוי האַלט איר דאָ אויס?

— אַז מע האַרפּ, האַלט מענ אויס. איכ בינ שוינ געוווינט צו דער היצ.

מיר זײַנענ געשטאַנענ אַפנ איבערגעוואָרפענעמ בריק, וואָס פירט פונ איינ קאַלכ־אויוונ צומ אַנדערנ. אונדזערע קעפּ האָבנ קימאַט גע־גרייכט די קוימענס. וווּנדערלעכ־שיינ האָט פונדאַנענ אויסגעזענ דער ייִשעוו אונ די בערגיקע ווײַט. ס'אַ ראַכוועס! ס'אַ שיינ־קײַט! דאָס אויג ניט אָפּצורײַסנ.

— ווי קאָנ מענ עס ניט ליב האָבנ אַזאַ קאַנט, — האָט שײַנע ליכטער זיכ אָנגערופנ. — נו, אַדעראַבע, זאָגט? ס'איז דאָכ אונדזער לאַנד! סאָפּקאַלסאָפּ איז שוינ צײַט, מיר זאָלנ פאַרשטיינ, וואָס איז אַזוינס ביראָבידזשאַנ!

ער האָט עס אַרויסגעזאָגט מיט אַזויפיל האַרצ, ווי ס'רעדט אַ טאַטע וועגנ דער צוקונפט פונ זײַנ קינד.

מיטן זעלבן אימפעט האט ער זיך ווידער אנגערופן, אגוויזנדיק אפ דער שטארק ארומגעפליטער קאלכ־סאפקע:

— דאס האבן מיר, יידן, געשפאלטן די פעלדזן.

ער איז א ווײַלע אנשווייגנ געווארן. פלוצעמ:

— שוינ צײַט, מיר זאלן פארשטיין, וואס איז אזוינס ביראבידזשאן!..

דער אמורזעטער ייִד

איכ בינ געזעסן אפן ביראבידזשאנער אעראדראם אונ געווארט אפן אעראפלאן, וואס פליט קיין כאבאראווסק.

ס'איז געווען א שטילער זומערדיקער באגינען. דער הימל — ריין. די לופט — דורכזיכטיק. נאר די סאפקעס באם האריזאנט — אײַנגעהילט אינ א נעפל.

— איר פארט אויכ קיינ אמורזעט?

כ'האב זיכ אומגעקוקט. לעבנ מיר איז געשטאנען א מיטלוויקסיקער באיארטער ייד. אינ איינ האנט האט ער געהאלטנ א רענצל. אינ דער אנדערער — א וועג־מאנטל אונ א שטעקל. פונ צווישנ די שיטערע ווײַעס האבנ ארויסגעקוקט א פאר שווארצע באוועגלעכע אויגנ, וואס זעענ א סאכ ווײַטער אונ טיפער, ווי עמעצנ קאנ זיכ עס אויסדוכטנ. כוץ דעמ האבנ, דאכט זיכ, די דאזיקע אויגנ א גע־ווינשאפט: וואס זיי דערזעענ — באלד אפנ ארט עס אפשאצנ, פונקט ער וואלט זיכ אלצ געקליבנ אײַנהאנדלענ. דאס גרויע ארומגעשווירענע בערדל האט לאכלוטנ ניט געפאסט צו זײַנ לענגלעכ־פארברוינטנ פאנעמ. עס האט עפעס אויסגעזענ ווי צוגעקלעפט.

דאס ערשטע מאל אינ מײַנ לעבנ זע איכ אט דעמ מענטשנ, נאר עפעס איז ער מיר זייער קענטלעכ. ווו האב איכ אימ געזענ?.. נו יא, דאס איז דאכ ער, אונדזער אלעמענס באקאנטער. אט דעמ יידנ האט מענ געקאנט אמאל באגעגענען אינ א סאכ שטעט אונ שטעטלעכ,

און איצט — בלויז אַפ דער בינע. ער פלעגט ניט דורכלאָזנ קיינ איינ מאַרק, קיינ איינ יאַריד. אַט האָט איר אים געזענ ארומלויפנ צווישנ די קלייטנ, און אַט האָט איר אים א פאַרהאַוועטנ געקאָנט טרעפנ זיכ ארומדרייענ אַפנ פעראָנ בא וואַגאָנעס טווע, בא עשעלאָנענ פי. ער האָט גאַרנישט געקויפט און גאַרנישט פאַרקויפט. דאָס גאַנצע לעבנ זיינס איז בא אימ אוועקגעגאַנגענ אַפ אָפּשאַצנ יענעמס פאַר־מעגנ...

ווי קומט אָבער אַט דער ייִד אַהער? וואָס זוכט ער דאָ? א מאַרק? א יאַריד? דעמ טומל? דאָ, אַפנ אַעראָדראָמ, איז דאָכ אזוי שטיל. לייג צו דעמ אויער צו דער ערד, וועסטו דערהערנ דעמ ווייטנ רויש פונ זומערדיקנ וואַלד, דעמ מורמל פונ די פליסנדע קוואַלנ.

— איר זייט נאָכ קיינמאָל ניט געווענ אינ אמורזעט? — האָט ער זיכ ווידער אָנגערופנ.

וואָס לענגער איכ קוק אַפ אַט דעמ מענטשנ, אַלצ מער קאָנ איכ ניט באַנעמענ, וואָס פאַר א שייכעס האָט אַט דער ייִד מיטנ ביראָ־בידזשאַנער אַעראָדראָמ און מיט אמורזעט. ס'איז דאָכ ווילד צו קלערנ, אַז ער האָט באַקומענ א דעפּעשע, אַז אינ אמורזעט איז היינט א יאַריד, און דאָס פאָרט ער טאַקע עקסטרע אַהינ. אָדער פאָרט ער, עפּשער, אויספירנ א שידעכ?..

מיר האָבנ זיכ צוגעזעצט אַפ צוויי אָפּגעטעסעטע שטאַמענ, וואָס זעענ אויס אַפנ ברייטנ פעלד פונעמ אַעראָדראָמ, ווי צוויי מאַ־ציוועס, וועלכע עס האָט נאָכ זיכ איבערגעלאָזט די אויסגעהאַקטע טייגע פאַר א זייכער. זיכ צוגעזעצט, האָט דער ייִד אָנגעריסנ א ביסל פייכט גראָז, אויסגעווישט מיט דעמ די פאַרשטויבטע שטיוול, גע־כאַפּט א קוק אַפנ בלויענ הימל און א זאָג געטאָנ:

— פליט איר, הייסט עס, קיינ כאַבאַראָווסק און פונ דאָרט צו אונדז אינ אמורזעט? נו, אויב אזוי, פאַרבעט איכ אייכ טאַקע צו זיכ. איכ וווינ לעבנ דער פּאָטשט. מע רופט מיכ כייקל נאַראָווליאַנסקי.

— איר זייט אַנ אמורזעטער?

— זעלבסטפארשטענדלעך. כ'וווין שוין דאָרט אזוי פאוואָלינקע ס'אכצנטע יאָר.

אכצן יאָר אין דער געגנט!.. פארוואָס זשע איז מיר געקומען אפן זינען מענאכעם־מענדל?..

— מיט וואָס האָט איר זיך באשעפטיקט ביז אמורזשעט?

— כ'וועל אייך זאָגן דעם ריינעם עמעס, כ'ווייס אליין ניט. גאָר אמאָל בין איך געווען א שטיקל ליוועראנט, א שטיקל מעקלער, אן אגענט פון ניי־מאשינעס, און לעצטנס, ס'הייסט פאר מיין קומען אהער, אין דער אווטאָנאָמע, בין איך געווען א קוסטאר. געמאכט שוואוקס.

— און איצטער?

— א קאָלווירטניק. מיין מאצעוו אפ אלע מיינע גוטע־פריינט געזאָגט געוואָרן. עמעס, די ערשטע פאָר יאָר איז דאָ געווען גאנץ שווער.

ער האָט ארויסגעלאָזט פון די גאָזלעכער צוויי שנירעלעך רויך און זיך אויסגעקערעוועט צו מיר מיטן גאנצן קערפער.

— וואָס ווייסט איר, וואָס מיר זיינען זיך דאָ אויסגעשטאנען... שטעלט אייך פאָר, ס'נעמט אזא ייִד, ווי איך, וועלכער איז אפ זיין לעבן, כוץ שפּיצעניץ, פאָגרעבישטשע, קאזאטין, מער אין ערגעץ ניט געווען, און לאָזט זיך אוועק אין אזא וויטעניש...

מיט איין אויג גיט ער אכטונג, צי איך הער אים, און דאָס אנדערע אויג קוקט ערגעץ אין א זייט, פונקט די בערגיקע וויט וואָלט אים געהאָלפן זיך דערמאָנען, וואָס איז דאָ געווען מיט אכצן—ניינצן יאָר צוריק.

כ'ניקל דערציילט באאריכעס, וויאזוי ייִדן פון א גאנץ יאָר האָבן זיך אופגעהויבן פון זייערע איינגעזעסענע ערטער און זיך אוועקגעלאָזט צום סאמע אמור, וועגן וועלכן ניט זיי, ניט זייערע טאטעס האָבן אפ קלאָר ניט געוווּסט, וואָס דאָס איז אזוינס — א שטאָט, א טייך, צי א געשעפט.

— און אַז מיר זײַנען עס אַראָפּ פֿון דער שיף און אַ קוק געטאָן, וווּ מיר זײַנען עס אין דער וועלט. טאַטע אין הימל! — האָט בײַקל נאַראָוואָליאַנסקי פּלוצעם אויסגעשריִען, גלײַך ער וואָלט איצט דערזען פֿאַר זיך יענע ווילדע טײַגע, וווּ ביז זיי איז נאָך קיין מענטשלעכער פֿוס ניט געטראָטן.

— אָט דאָ וועט מען עס בויען די היים? — זײַנען די ווײַבער אונדזערע באַפֿאַלן.

— יאָ. אָט דאָ וועלן מיר בויען די היים! — און מיר זײַנען טאַקע באַלד אויף מאָרגן צוגעטראָטן צו דער אַרבעט.

ס'איז דעמאָלט געווען אַ שפּעטער און קאַלטער פֿרילינג. דער שניי איז נאָך געלעגן אין טײַגע. באַם נידעריקן ברעג פֿונעם אַמור האָט מען אויפֿגעשטעלט געצעלטן, צעלייגט שײַטערס, און מע האָט גענומען האַקן די טײַגע, פֿאַרשיטן די בלאָטעס, רײַסן דאָס ווילדגראָז.

— אוי, איז דאָס געווען אַ יאָר...

די ערד איז געווען אַכזאָריעסדיק צו די איבערוואַנדערער. ווי אויף צולאָכעס, האָט די נײַע היים געעפֿנט די קוואַלן פֿון אַלדאָס בייז: אָנגעשיקט גנוס, ווינטן, וואָס האָבן אַרויסגעריסן מיטן וואָרצל הונדערטיאָריקע ביימער. דער הימל האָט פֿון זיך פֿאַרטריבן די זון, און עס איז אַוועק אַ מאַבול. אַפֿילו ער, דער שטילער אַמור, איז אַרויס פֿון די ברעגן און פֿאַרפֿלייצט די פֿעלדער. ס'איז אויסגעקומען, ווי די נײַע היים פּרוּווט אויס די מענטשן, וואָס זײַנען געקומען זי באַהערשן: צי זײַנען זיי גענוג שטאַרק, צי וועלן זיי די הענט ניט אַראָפּלאָזן... ס'האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ געשריי:

— אָט דאָס איז ביראָבידזשאַן?!

— ס'איז רעוווּטשיכע, — האָבן געזאָגט די אַלטע אײַנוווינער פֿון די אַרומיקע דערפֿער און דערבײַ דערציילט די לעגענדע, וואָס גייט דאָ אַרום וועגן איינעם אַ פּאָרעץ רעוווּטשעב, וועלכער האָט פֿאַרשאָלטן די דאָזיקע ערד נאָך דעם, ווי ער האָט דאָ געפּאַטערט זײַן גאַנץ פֿאַרמעגן.

— אוי, איז דאָס געווען א יאָר, — האָט כײַקל נאַראָווליאַנסקי געענדיקט דערציילן, — נאָר מיר האָבן זיך ניט אָפּגעשראָקן. מיר זײַנען פֿאַרבליבן. און אַז מע לעבט, דערלעבט מען זיך צו נאַכעס. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די ערד איז דאָ דאַפֿקע זייער א פּרוכט־באַרע. קיין בעסערע דאַרף מען גאָרניט. מיר נעמען אַראָפּ פֿון די פֿעלדער און גערטנער א רײַכע גערעטעניש. איר וועט דאָך הײַנט זײַן בײַ אונדז, וועט איר זען, ווי מענטשן לעבן. אַמוראַזעט איז הײַנט דאָס גרעסטע דאָרף אין דער געגנט.

שוין אַכצן יאָר, ווי דאָס גרויסע געדיכט־פֿאַרבויטע דאָרף טראָגט דעם נאָמען אַמוראַזעט. אין בוכשטעבלעכן אויסטײַטש קאָן דאָס הייסן: אַמור זעט. און דער אַמור האָט געזען: ווי איבערוואַנדערער פֿון שטעט און שטעטלעך, געוועזענע שנײַדער און שוסטער, באַלע־גאָלעס און קאַצאָווים, מעקלער און שטריקל־דרייער, האָבן אויף זייערע אַקסלען געשלעפּט קלעצער פֿון וואַלד, געהאַקט שטיינער פֿון די סאָפּקעס, געבויט הײַזער. דער אַמור האָט געזען, ווי שפּאַן נאָך שפּאַן איז אָפּגעטראָטן די טײַגע, און אויף איר אָרט זײַנען אויסגעוואַקסן גאַסן און געסלעך, ס'איז געבוירן געוואָרן א ישעוו.

דער פֿלוצעמדיקער רויש פֿונעם מאָטאָר האָט איבערגעריסן אונדזער שמועס. מיר האָבן זיך געלאָזט צום אַעראָפּלאַן.

כײַקל נאַראָווליאַנסקי איז ניט געגאַנגען, נאָר קימאַט געלאָפֿן. די אויגן האָבן בײַ אים געברענט. דאָס פּנים פֿאַרפֿלאַמט. ער איז געווען שטאַרק צעטראָגן. ס'איז אויסגעקומען: ער, דער געוועזענער מענאַכעם־מענדל, וועלכער האָט געבויט אין הימל אַזוי פֿיל לופֿט־שלעסער און איז נאָך אויף זײַן לעבן דאָרט קיינמאָל ניט געווען, פֿליט איצט אַהין געוויר ווערן זײַנע לופֿט־מאַיאָנטקעס.

דער אָפֿענער צוויי־אָרטיקער אַעראָפּלאַן איז שוין געווען גרייט צום סטאַרט. דער פּילאָט האָט אונדז געגעבן אָנטאָן וואַרעמע דאָ־כעס, וועלכע האָבן פֿאַרהיט די טונקעלע בלאָנדקײַט פֿון ווילדע ציגן. מיט א מין מאַיעסטעטישקײַט איז עם איצט כײַקל נאַראָוו־

ליאנסקי געזעסנ אינ דער אָפענער קאבינע, אײַנגעקוטעט אינ דער בריטער האָריקער דאָכע, אונ אונטערגעברומט אונטער דער נאָז עפּעס א היגנ ניגנ.

דער פּילאָט האָט אײַנגעשלאָסנ דעמ מאָטאָר. ס'האָט זיכ אופ־ געהויבנ א ווינט, וואָלקנס שטויב, אונ אינ א פּאָר מינוט ארומ האָט זיכ פונ אונטער אונדז ארויסגעגליטשט די ערד.

מיר פליענ!

כײַקל קוקט די גאנצע צײַט אראָפּ אפ אונטנ. ער שטעקט איט־ לעכע ווײַלע ארײַנ די האנט אינ דער קאלטער זוניקער לופט, פונקט ווי ער וואָלט זי וועלנ דערנענטערנ צו דער ערד. זי איז אָבער ווײַט פונ אונדז, די ערד, ווי אינ אָפענעמ יאמ איז ווײַט דער הארטער ברעג. דער ווינט טראָגט אונדז איבער די לאָנקעס אונ סאָפּקעס, הייבט אונדז אלצ העכער אונ העכער, אונ מיטאמאָל גיט ער אונדז א שלײַדער אראָפּ אונ ווידער א הייב אינ דער הייכ.

אונטנ איז די ערד אַזוי שיינ, אינ סאמע בלי, פונ האָריזאָנט ביז האָריזאָנט — פארשפּרייט מיט גרינע טעפּיכער. עס שווימענ פארבײַ אונדז סאָפּקעס, טײַכנ, דערפער, וועלדער. ניט אָפּצורײַסנ דאָס אויג. וואָס פאר א ראכוועס!.. דאָ וועלנ אויסגעבויט ווערנ שטעט, יישוווימ, סטאנציעס. צווישנ די בערג וועלנ זיכ שנײַדנ צוגנ... איבער אונדז — אזא טיפע בלויקײַט.

נאָר איכ באמערק, אז מײַנ שאָכנ איז פונ דער ערשטער מינוט לאכלוטנ גלײַכגילטיק צו דער הייכ. דער הימל גייט אימ גאָר אינ־ גאנצנ ניט אָנ. ער איז א מענטש פונ דער ערד. זײַנע וואָרצלענ זײַ־ נענ ניט דאָ, ווו ער האָט געבויט זײַנע לופט־שלעסער, נאָר דאָרט, אונטנ, ווו ער האָט אויסגעבויט א געווינלעכע הילצערנע שטוב, אונ די וועגנ פונ זײַנ שטוב פירנ אינ פעלד.

אינ דעמ זעלבנ טאָג זײַנענ מיר געווענ אינ אמוריזעט.

כײַקל נאראָווליאנסקי איז געגאנגענ באלעבאטיש איבער די גאסנ

פונ אמורזועט, געעטעמט עפּעס מיט א באזונדער טײַנעג אונ א זאָג געטאָנ אפנ פולנ קאָל:

— אײַ, ווי גוט ס'איז אפ דער ערד. א מעכײַע, אז מע איז שוינ אינ דער היימ.

אונ אינ זײַנ שטימ האָט זיכ געפילט די טאקיפעס פונ א מענטשנ, וואָס דארפ אינ ערגעצ ניט וואנדלענ, ניט זוכנ מער קיינ גליקנ. ער האָט א היימ. א שטענדיקע, א רויִקע, א זיכערע היימ.

דער ביראָקאנער באל־מענאגנ

דער ביראָקאנער האָטעל איז א גאנצ געוויינלעכ הויז, נאָר דאָס אָרט, אפ וועלכנ ער שטייט, איז ניט אָפּצושאצנ. ער שטייט אפנ סאמע שפּיצ פונ א מעשופּעדיקנ בארג. די ביראָקאנער טוישווימ האָבנ אויס־געקליבנ דאָס דאָזיקע אָרט מיט א געוויסנ מיינ: קומט א נײַער מענטש, זאָל ער האָבנ א מעגלעכקײַט זענ די ווונדערלעכע שיינקײַט פונעמ ראכ־וועסדיקנ ארומ. אפ מײַרעוו — הויכע פארוואקסענע סאָפּקעס, אונ אינ די פאלדנ פונ די סאָפּקעס — דער שאָטנ פונ די וואָלקנס. אפ מיזרעכ — לאָנקעס אונ וועלדלעכ. יעדע לאָנקע, יעדעס וועלדל מיטנ אייגענעמ קאָליר, ווי די פארבנ אינ א רעגנבויגנ. אינ דער ווײַט פליסט א וואסער. אונ עפּשער איז עס נאָר דער האָריזאָנט. ער איז אויכ אזא לויטערער אונ דורכזיכטיקער, ווי די בירע, אונ טראָגט אינ זיכ דעמ גרינלעכנ אָפּשײַנ פונ די לאָנקעס, פונ די באוואקסענע בערג אונ גע־דיכטנ וואלד.

ארומכאפּנ מיטנ אויג אזא ראכוועס, אזא שיינקײַט קאָנ מענ טאָ־קע נאָר פונדאנענ, פונ אָט דעמ גרויסנ מעשופּעדיקנ בארג, וועלכער איז פונ אויבנ ביז אראָפּ פארבויט מיט הײַזער אונ פארזייט מיט גערטנער.

באמ אויסקלײַבנ דאָס דאָזיקע אָרט פאר א האָטעל האָבנ די בי־ראָקאנער אײַנוווינער געהאט אינ זינענ ניט בלויז באווײַזנ א גאסט

די פּראַקטיקע אומגעגנט, ווו ס'וועט אינ דער נאָענטסטער צוקונפט גיינ א גרויסע בויונג. דאָס אָרט אפנ בארג גיט אויכ א מעגלעכקייַט צו זענ מיטאמאָל גאנצ בירָאקאנ, ווי שיינ אונ גרויס עס איז. אינ איינ עק פונעמ גרינעמ שטעטל שטייט די נייַ־אויסגעבויטע פּאַפּיר־פאבריק, אונ אפ קעגנאיבער, אפ יענער זייַט באנ־ליניע, — דער ארטעל „ערשטער מייַ". אז עס קומט אָבער אָנ דער אָוונט, איז דאָס סאמע באלעבאטע אָרט ניט דאָס שטעטל, ניט דער פאבריק־פּלאצ, נאָר די סאָפּקע. אהער, אפנ שפּיצ פונעמ מעשופּעדיקנ בארג, קומט פארווייַלנ זיכ די יוגנט, עס שפּילנ זיכ דאָ קינדער, עלטערע מענטשנ זעצנ זיכ אויס אפ די פארבליבענע שטאמענ פונ די אויסגעזעגטע ביימער, מע עטעמט מיט פרישער לופט, מע באטראכט דאָס פאנאנדערגעוואָרפענע שטעטל... קיינ אייַנהאָרע, ווי עס איז זיכ צעוואקסנ. פונעמ בארג איז זייער נאָענט די טייַגע. באלד מע איז שוינ אפנ בארג, כאפּט מענ זיכ ארייַנ אינ טייַגע אָנקלייַבנ ניס, יאגעדעס, שוואָמענ, אונ אינ א שטילער לעוואָנע־נאכט, ערעוו דעמ רו־טאָג, לאָזט זיכ פונדאנענ די יוגנט אוועק אפ יאגד.

אינ קיינ איינ שטעטל פונ אָבלאַסטשער ראַיאָנ וועט מענ, דאכט זיכ, ניט טרעפנ אזויפיל יוגנט, ווי אינ בירָאקאנ, אונ קימאט אלע פונ זיי ארבעטנ אינ דער פּאַפּיר־פאבריק.

דעמ דירעקטאָר פונ דער פאבריק ווייַנשטיינ קאָנ מענ, אייגנטלעכ, אויכ אָננעמענ פאר א יוגנטלעכנ. ער זעט אויס א סאכ יינגער פונ זיינע דרייַ צענדליק יאָר. נאָר באקענט מענ זיכ מיט אימ נעענטער, דערפילט מענ אינ אימ א מענטשנ, וואָס האָט דורכגעמאכט א גרויסנ לעבנסוועג.

אינ דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט איז באָרעכ ווייַנשטיינ ערשט ס'אנדערע יאָר. נאָר אפנ ווייַטנ מיזרעכ — פונ קינדווייַז אָנ. געלעבט האָט ער הויפּטזאכלעכ אינ דער טייַגע. א וואלד־מענטש געווענ. זיינ פאכ — פארגרייטנ געהילצ. אונ אינ דעמ איז צו אימ ניטאָ קיינ גלייַכנ. ער קענ די אוסורייער טייַגע ווי זיינע פינפ פינגער.

אַז ער האָט אָבער פֿאַרענדיקט די ספּעציעלע בוי־קורסן און איז אַראָפּגעקומען קיין ביראָקאַן אויספּאַרטיקן די פּאַפּיר־פֿאַבריק, האָט ער מאַמעש איבעראַשט די אַרבעטער מיט זײַנע אינזשעניערישע קענטענישן און אײַנפֿאַלן. די מוליערס זײַנען זיכער, אַז ווײַנשטיין איז אַמאָל געווען אַ מוליער, די מאַשיניסטן זאָגן, אַז ער איז געוויס געווען אַ מאַשיניסט, און די טאָקערס דערווײַזן אײַך יאַוונע, אַז ווײַנשטיין קען טאָקערן אַזוי, ווי זײַנע פֿינף פֿינגער.

אַרײַנגעקומען אין מאַטאָר־צעך, וואָס פֿאַרנעמט כּמעט דעם גאַנצן צווייטן שטאָק פֿון דער פּאַפּיר־פֿאַבריק, האָבן מיר פּלוצעם דערהערט אַ געזאַנג. אַ באַקאַנטער ייִדישער ניגון, נאָר די ווערטער זײַנען געווען נײַע. דאָס האַרציקע געזאַנג איז געגאַנגען ווי פֿון אונטער דער ערד.

— דאָס זינגט אונדזער ביראָקאַנער באַל־מענאַגן, שלוימע רעוווזין, — האָט באַריכט ווײַנשטיין צו מיר אַ זאָג געטאָן, ווען ער איז שוין געשטאַנען אויפֿן לעצטן טרעפּל פֿונעם צוגעשטעלטן לייטער און אַרײַנגעקוקט אינעם אָפֿענעם הייץ־קעסל.

— רעוווזין!

אין אָפֿענעם ליוק פֿונעם קעסל האָבן זיך באַוויזן אַ פּאָר אויסגעשטרעקטע הענט, און אין אַ ווײַלע אַרום — אַ קאָפּ פֿון אַ מענטשן. דער קערפּער איז געבליבן שטעקן אינעם קעסל. ס'איז עפּעס אויסגעקומען, ווי שלוימע רעוווזין וואָלט אַרויסגעשווומען פֿון וואַסער.

— ווי גייט דאָרטן בײַ אײַך די אַרבעט? — האָט ווײַנשטיין בײַ אים געפֿרעגט. — עפּעס הערט מען אײַך ניט.

— ס'וועט אַלץ זײַן אין אָרדענונג, כאַווער דירעקטאָר. איך פֿאַרקלאָפּ שוין די לעצטע קליעפּקעס.

אין לײַכטע באַוועגונגען, און שלוימע איז שוין געזעסן רײַטנדיק אויפֿן הייץ־קעסל.

דאָס איז געווען אַ פֿעסטער, וווּקסיקער ייִד פֿון אַ יאָר עטלעכע און פֿופֿציק, מיט אַ פּאָר ברייטע געזונטע אַקסלען, ווי בײַ אַ טרעגער.

פון אונטער דער פּילאָטקע, וועלכע ער האָט געטראָגן אפן מיליטערישן שטייגער, האָט ארויסגעקוקט א קאָפּ מיט שווארצע האָר, נאָר דאָס פּאָ־נעם איז געווען אין קנייטשן. בעשאַסן ריידן האָבן זיך די קנייטשן אויסגעגלייכט, דאָס פּאָנעם איז געוואָרן קינדעריש, און דעמאָלט האָט שלוימע אויסגעזען נאָך גאנץ יונג. א מאָדנעם קאָליר האָבן פאר־מאָגט זיינע אויגן. אָט נאָרוואָס זיינען זיי געווען שווארצע, און אין דער מינוט זיינען זיי שוין קארע, און איר זעט ניט זיכער, אז באלד וועלן זיי זיך ווייטער מינען. שווער צו זאָגן, פון וואָס דאָס נעמט זיך בא אים: צי פון דער הויכער זון, וואָס קוקט ארײַן אין ברייטן פענצטער, צי פונעם שמייכל, וואָס ליגט אויסגעגאָסן אף זיין פּאָ־נעם, א מילדער אנגענעמער שמייכל פון א הארציקן מענטשן.

— באָריס אלעקסאַנדראָוויטש, — האָט שלוימע זיך געווענדעט צו ווײַנשטיינען, — איר האָט דעם שוואָגער מײַנעם שוין אָפּגע־שיקט דעם ארויסרוף?

— נאָך נעכטן.

— מעג איך אים, הייסט עס, געבן א דעפּעשע, ער זאָל זיך גרייטן אין וועג ארײַן. און ווי איז מיט די איבעריקע? דער שוואָגער האָט דאָך מיר געשריבן, אז פון אונדזער בעלאָצערקאָוו קלײַבט זיך אהער קומען א היפּשער עולם. עס וועט זיי דאָ בעפייערעש זײַן ניט שלעכט. — און פּונקט ער וואָלט אונדז דארפן אין דעם איבער־צײַגן, האָט ער גענומען אויסרעכענען די מײַלעס, וואָס בירָאָקאַן פארמאָגט.

— איר פארשטייט דאָך, — האָט ער צוגעגעבן, — די פאבריקע אליין קאָן אײַנשלינגען א וועלט מיט מענטשן. היינט ווו איז דער ארטעל? — דאָס איז דאָך א גאנצער קאָמבינאַט: פּעסלעך, און סמאָלע, און מירמל־שטיין, און שוסטערײַ, און שנײַדערײַ — א וועלט מיט ארבעט!.. ס'וועט קלעקן פאר גאנץ בעלאָצערקאָוו.

— שלוימע! — האָט פון קעסל זיך דערהערט א שטים.

— איך גיי, איך גיי, — און שלוימע רעוויזיג האָט דורכגן אָפּגע־

נעמ ליוק זיכ אראָפּגעגליטשט צוריק אינ קעסל.

— איר האָט נאָכ ניט געזעהנ אונדזער נײַע וואסערלייטונג? — האָט ווײַנשטיינ בא מיר געפרעגט. — ס'איז ניט ווײַט פונ האָטעל. די סטאַנציע פונ דער וואסערלייטונג געפינט זיכ אפנ שפּיצ בארג. איכ דארפ איצט צוגיינ אהינ. איר גייט אויכ?

שטייענדיק שוינ באמ ארויסגאנג, האָבנ מיר ווידעראמאָל דער־הערט א געזאנג. א באקאנטער ייִדישער ניגנ, נאָר די ווערטער זײַ־נענ געווענ נײַע... ווי קומט צו אָט דעמ דאָזיקנ ייִדנ מיט די ברייטע געזונטע אקסלענ פונ א טרעגער אזא יונגע לויטערע שטימ!

ווענ מיר זײַנענ ארויס פונ דעמ וואסערלייטונג־טורעמ, האָט שוינ די זונ געהאלטנ בא זעצנ זיכ. די בערגיקע אומגעגנט, וועלכע איכ האָב הײַנט אינדערפרי געזעהנ פונ דער זעלבער הייכ, האָט איצט געהאט גאָר אנ אנדער אויסזעהנ. די פּאשע־לאָנקעס זײַנענ גע־וואָרנ טינקעלער, די בערג העלער, אונ דער האָריזאָנט — אינ הע־לישע פלאמענ. ס'האָט זיכ געדוכט, אז דאָס ברענענ די פּארוואקסענע סאָפּקעס. א לאנגע צײַט זײַנענ מיר אזוי געשטאנענ פארקישעפט פונ דער ארומיקער שיינקײַט אונ געשוויגנ.

— וועגנ וואָס האָט איר זיכ עס אזוי פארטראכט, באָריס אלעקסאנדראָוויטש?

לעבנ אונדז איז געשטאנענ א מיטלוויקסיקער, געזעצטער ייִד מיט אנ ענערגיש פּאָנעמ אונ קלוגע, שארפע אויגנ. דאָס איז געווענ אנ ארטעלניק פונעמ קאָמבינאט „ערשטער מײַ" שײַע פערלינ.

— ווּהינ האָט איר זיכ עס אויסגעקליבנ אזוי שפּעט? — האָט ווײַנשטיינ אימ אָפּגעענטפערט מיט א פראגע.

— אינ טײַגע. צו אונדזערע סמאָלע־קאָכער א קוק טאָנ, ווי גייט בא זיי די ארבעט.

דער דירעקטאָר פונ דער פּאפּיר־פּאבריק באָרעכ ווײַנשטיינ האָט זיכ אומגעקערט צוריק אינ בירָאָקאנ. אונ איכ מיט שײַע פערלינענ האָבנ זיכ אראָפּגעלאָזט אפ דער אנדער זײַט בארג, אינ טײַגע.

די טײַגע ארומ בירָאָקאַנ האָט מענ שוינ אזויפיל געהאקט, אזויפיל געקאָרטשעװעט, אונ ס'איז עפּעס גאָר ניט צו באמערקנ, זי זאָל װערנ שיטערער. זי איז נאָכ אזוי געדיכט, אז מע זעט ניט אָנ די צװײַגנ פונ די ביימער. א געדיכטער טונקל־גרינער נעפּל פאַר די אויגנ. דורכקריכנ צװישנ די ביימער איז קימאט אומעגלעכ. זײַנענ מיר געגאַנגענ מיטנ דורכגעלייגטנ װעג, װאָס קלעטערט צו די פאַרװאַקסענע בערג אונ װערט ערגעצ נעלעמ אינ די װאָלקנס.

שײַנע פערלינ האָט ניט געפֿעלט. קימאט בא יעדנ בוימ האָט ער זיכ אָפּגעשטעלט אונ גענומענ אימ באטראַכטנ פונ אלע זײַטנ, װי מע באטראַכט א לעבעדיקע זאַכ: געמאָסטנ מיטנ אויג די גרעב, די הייכ, דעמ פאַרנעמ פונ די צװײַגנ. אפּ אייניקע ביימער האָט ער געמאַכט צייכנס — אויסגעשניטנ אפּ דער קאָרע פונ בוימ א דרײַעק, װי מע שנײַדט אָנ א קאװנ, אונ דערבײַ א זאָג געטאָנ:

— פּרימא!

— װאָס פאַר א שײַכעס האָט אײַער קאָמבינאַט מיט קאַלכ אונ מאַרמאָר? איר טרײַבט דאָכ גאָר סמאָלע, זאָגט איר...

— װאָס פאַר א שײַכעס, פרעגט איר? גאָר א היפּשע שײַכעס. פאַרגעסט ניט, אז אינ יענע יאָרנ, װענ מיר האָבנ זיכ דאָ באזעצט אונ ארומ איז געװענ א פּוסטקע, האָבנ מיר אלצ געדאַרפט האָבנ אפּנ אָרט. שטעלט אײַכ פאָר: עס האָט געפּלאַצט א שויב. קיינ גלעזערס זײַנענ ניט געװענ. זאָל מענ פאָרנ קיינ בירָאָבידזשאַנ אראָפּברענגענ א גלעזער? אונ אז מע דאַרפ אויסרייניקנ א קוימענ — פאָרנ קיינ כאבאַראָװסק נאָכ א קוימענקערער? ניינ, אזוי בויט מענ נישט קיינ נײַע היימ. מיר זײַנענ טאקע לעבאטכילע געװענ אנ ארטעל פונ באַנדערס, אָבער אז מע האָט זיכ גענייטיקט אינ קאלכ, האָבנ מיר זיכ אויסגעלערנט קאָכנ קאלכ, אונ אז די געגנט האָט באדאַרפט האָבנ מאַרמאָר, האָבנ מיר זיכ געשטעלט האקנ מאַרמאָר. אינ מאָסקװער מעטרא קאָנט איר זענ אונדזער בירָאָקאַנער מאַרמאָר. אונ אז מע דאַרפ א שנײַדער, קאָנט

איר בא אונדז אין ארטעל קריגן א שנײַדער... שאט, אָט זײַנען שוין אונדזערע סמאָלע־טרײַבער.

אפ אן אויסגעהאקטער דעליאנקע, אין דער נידער, האָבן געברענט שײַטערס. ארום די שײַטערס, איבער װעלכע ס'זײַנען געהאנגען פארײכערטע קעסלען מיט קאָכיקער סמאָלע, זײַנען געזעסן עטלעכע מענטשן. פון דער הײך האָט מען די פארבליבענע פניאָקעס אפ דער דעליאנקע געקאָנט אָנעמען פאר א טשערעדע שאָפ, און די סמאָלע־טרײַבער בא די שײַטערס — פאר פאסטעכער.

— װאָס הערט זיך בא אײַך? — האָט שײַע פערלין א פרעג געטאָן, צוגײענדיק צו די קעסלען.

— מע קאָן שוין גרײטן װאַגאָנעס, — האָט אײנער פון די סמאָלע־טרײַבער, א קלײנװוקסיקער ייִד מיט א פארײכערט פּאָנעם, זיך אָנגערופן. — איר זעט, װאָס פאר א סמאָלע? פערװוי סאָרט. גוטע װאָרצלען געװען. אנטיקלעך!

— פײַטל, װוּ ביסטו עס דאָרט? דאָס גאנצע פעטס װעט דאָך בא דיר אויסלויפן פון קעסל! עס מוז שוין אוואדע זײַן פארטיק! — האָט זיך צעשריִען א באָכער מיט דורכגעטריבענע אויגן.

— כאָכעם, איז װאָס שרײַסטו? — האָט פײַטל רויִק געענטפערט. — גיב א פרוּװ, װעסטו װיסן, צי ס'איז פארטיק. און ביכלאל, װאָס איז עס בא דיר פאר א טעװע ארײַנקוקן צו יענעם אין טאָפ?

— קעכער, די בולבעס זײַנען שוין אויך פארטיק. שנײַדט אָן הערינג.

דער אוילעם האָט זיך אויסגעזעצט אין א קרײַז, גענומען צו ביסלעכ בראָנפן און פארביסן מיט הערינג און געבאקענע קארטאָפל.

מיטאמאָל האָט זיך דערהערט מוזיק. ערגעץ גאָר װײַט האָט געשפילט אן אָרקעסטער.

— כ'מעג שװערן, אז מע שפילט א ייִדישע זאך.

דער אוילעם האָט זיך אומגעקוקט אפ דער טײַגע, אײנער אפן

אנדערנ. מע האָט געהויבנ מיט די אקסלענ, פאַנאַנדערגעפירט מיט די הענט און געבליבנ זיצנ ווי צוגעקאָוועטע.

— בא וועמענ איז עס הײַנט כאַסענע?

— פײַטל, איר זײַט גערעכט, — האָט שײַע זיך אָנגערופנ. — מע שפּילט טאַקע א ייִדיש פריילעכס. ווו קאָנ מענ עס שפּילנ?

— ס'הייסט ווו? אינ בירָאָקאַנ.

— ווי קומט אינ בירָאָקאַנ אנ אָרקעסטער?

צוריק איז שײַע פּערלינ שוינ ניט געגאַנגענ, נאָר קימאַט גע־לאָפנ. מיר זײַנענ דורכ דאָס גאַנצע שטעטל און קימאַט קיינעמ ניט באַגעגנט.

— בא וועמענ איז עס הײַנט כאַסענע? — האָט שײַע א פרעג געטאָנ בא אנ עלטערער פרוי, וועלכע האָט אַראָפּגענומענ פונ שטריק דאָס פאַנאַנדערגעהאַנגענע גרעט.

— א כאַסענע גאָר? דאָס שפּילט מענ אפ דער סטאַנציע. גאַנצ בירָאָקאַנ איז איצטער דאָרטנ.

אפ דער רעזערוו־ליניע פונ דער סטאַנציע איז געשטאַנענ אנ עשעלאָנ מיט דעמאָביליזירטע רויטאַרמייער. צו איינעמ פונ די מיטלסטע וואַגאָנעס איז געווענ ניט צוצוטרעטנ. פאַרפּלייצט מיט מענטשנ. אינ דער ברייט־צעעפנטער טיר פונעמ וואַגאָנ איז געזעסנ א מיליטערישער אָרקעסטער און געאַרבעט אפ אַלע קיילימ. דירי־גירט מיטנ אָרקעסטער האָט א פעטער, ווּקסיקער מענטש מיט א פּאָר ברייטע קײַלעכיקע אקסלענ, ווי בא א טרעגער. די פּילאָטקע איז בא אימ געווענ פאַרקנאַקט אפנ פּאָטיליצע, דאָס פּאָנימ האָט געשײַנט.

— ס'איז דאָכ שלוימע רעוווזינ! — האָט שײַע פּערלינ צו מיר אויסגעשריִענ.

— דער בירָאָקאַנער באַל־מענאַגנ?

— נו, יאָ.

דעמ ייִדנ איז אצינד געווענ ניט צו דערקענענ. אינעמ בלויענ

אָנצוהנ מיטנ אויסבונד אַפ דעם ווײַס־אָנגעקראָכמעלטנ העמד האָט ער בעפּייִרעש אויסגעזענ ווי א דיריגענט. די פּילאָטקע איז אויכ געווענ ניט די, אינ וועלכער מיר האָבנ אימ געזענ בא דער ארבעט, נאָר א נײַע, א יאָמטעוודיקע. שלוימע האָט ניט געלאָזט די מוזיקאַנטנ איבערכאַפּנ דעם אָטעמ. דער קאַמערטאָנ איז בא אימ געווענ טאַקע ער אליינ. ער האָט געפאָכעט מיט די הענט, געפינטלט מיט די אויגנ, געטופּעט מיטנ פוס און דערבײַ נאָכ אונטערגעזונגענ:

— גוט, שליאָמע, גוט, — האָבנ די פאַרזאַמלטע רויטאַרמייער פונ די איבעריקע וואַגאָנעס אימ אונטערגעגעבנ מוט און שטילערהייט אונטערגעברומט דעם ניגנ. זינגענ אַפנ פולנ קאָל האָבנ זיי ניט געוואַגט, ווײַל דער ניגנ איז זיי נאָכ געווענ פרעמדלעכ, נאָר ער האָט זיי שוינ באַווייזנ צו פאַרכאַפּנ מיט זײַנ הארציקפרייִלעכנ אימפּעט. די מוזיקאַנטנ האָבנ שוינ אָבער געשפּילט הויכ און זיכער, ווי זיי וואָלטנ אלע יאָרנ פונ זייער דינסט צוזאַמענ מיט שלוימע רעפּעטירט אָפּגעשפּילט אַפ יִידישע כאַסענעס.

און פאַרגעקומענ איז עס אָט וואָזוי:

אַפ דער סטאַנציע ביראָבּיזשאַנ האָט זיכ פאַרהאַלטנ אַנ עשעלאָנ מיט דעמאָביליזירטע רויטאַרמייער. ס׳איז געווענ פאַרנומענ דער וועג. געפאָרנ זײַנענ די דעמאָביליזירטע מיט זייער אייגענעמ אָרקעסטער, קימאַט אַפ יעדער סטאַנציע, ווו דער עשעלאָנ איז געשטאַנענ, האָבנ די מוזיקאַנטנ געשפּילט, און די רויטאַרמייער האָבנ צוזאַמענ מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג געטאַנצט און געזונגענ.

דאָס זעלבע איז פאָרגעקומענ אויכ דאָ, אַפ דער סטאַנציע ביראָבּיזשאַנ.

דערהערט שפּילנ מוזיק, האָט שלוימע רעוווזינ געוואָרפנ אלע שטוביקע מעלאָכעס, זיכ אָפּגעגיב איבערגעטאָנ און געקומענ צו לויפנ אַפנ וואָקזאַל. מוזיק, נעגינע איז בא אימ דאָס טײַערסטע אינ לעבנ. אָנ נעגינע ארבעט זיכ אימ גאָר ניט. אפילע אינ די סאַמע שווערע צײַטנ האָט ער שטענדיק געזונגענ. די ניגונים זײַנענ בא אימ דאַפקע

געוועזן אַלטע, נאָר די ווערטער — נײַע. אַז שלוימע רעוזין פֿלעגט אויף אַ טאָג זיך אָראָפּכאַפּן קיין ביראָבידזשאַן, האָט מען אין ביראָקאַן שוין געוווּסט, אַז ער וועט פֿון דאָרטן אַראָפּברענגען אַ פּאָר נײַע לידלעך. עמעס, דעם ניגון און די גראַמען, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט אין ביראָבידזשאַנער טעאַטער. פֿלעגט ער אויפֿן וועג אַ ביסל צעטרייסלען, ער פֿלעגט עס מוזן, קומענדיק קיין ביראָקאַן, אַ ביסל צופּראַווען אויף זײַן אייגענעם שטייגער. נאָר סײַווי האָט עס זייער שטאַרק אויסגענומען, און זײַנע בנײ־איר האָבן אים געקרוינט מיטן נאָמען — דער באַל־מענאַגן.

דאַרף אים טרעפֿן אַזאַ צופֿאַל. אַן עשעלאָן מיט אַן אָרקעסטער. שטיין לאַנג ווי אַ זײַטיקער האָט רעוזין ניט געקאָנט, איז ער צוגעגאַנגען נעענטער. געכאַפּט די מינוט, ווען דער אָרקעסטער האָט געמאַכט אַ שטיקל האַפּסאַקע, האָט שלוימע זיך אָנגערופֿן צו די מוזיקאַנטן:

— איר פֿאָרט אַהיים?

— אַהיים.

— איך בין אויך געוועזן אויף דער מילכאָמע.

נאָך אַט דער קורצער באַקאַנטשאַפֿט האָט ער זיך שוין דערפֿילט מיט די אָרקעסטראַנטן גאָר היימיש, און ער האָט זיי גענומען דערציילן, ווער דאָ לעבט, וואָס איז דאָ געווען, בעשאַס ס'זײַנען אָנגעקומען די ערשטע איבערוואַנדערער, און אויסגעלאָזט האָט ער אַזוי:

— אויב איר האָט כײשעק, וועל איך אײַך אויסלערנען שפּילן אַ פּאָר ייִדישע לידלעך, — און שלוימע האָט גענומען אײַנלערנען מיטן מיליטערישן אָרקעסטער ייִדישע ניגונים.

די סאָלדאַטן זײַנען זיך צונויפֿגעקומען פֿון אַלע וואַגאָנעס, עס זײַנען זיך אַהער צונויפֿגעלאָפֿן די אײַנוווינער פֿון ביראָקאַן, און אַלע צוזאַמען האָבן געזונגען. ס'האָט שוין געהאַלטן בײַ טאַנץ. נאָר מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ פּײַפֿ פֿון לאָקאָמאָטיוו.

— מוזיקאַנטן! — האָט שלוימע רעוויזין אויסגעשריִען און געגעבן אַ צעפּיר די הענט. — צו דער אַרבעט!

דער מיליטערישער אָרקעסטער האָט דערלאַנגט אַ ביראָבידזשאַנער פּריילעכס. דער צוג איז פאַרשווּנדן צווישן די בערג. נאָר שלוימע רעוויזין, דער ביראָקאַנער באַל־מענאַגן, איז נאָך אַלץ געשטאַנען בײַ די רעלסן און דיריגירט, פּונקט ער וואָלט מיט די הענט אַרויסגעצויגן פון דער ווײַט די האָפערדיקע טענער פון דער ייִדישער ליד, וועלכע עס האָבן געשפּילט און געזונגען די אָפּפאָרנדיקע רויטאַרמייער.

טוישווים

די פאָדערשטע גאַס פון עם קאָלווירט „צוואַנציק יאָר אָקטיאַבער״ ליגט באַם סאַמע ראַנד פון עם וואַלדהיימער שאָסיי. די איבעריקע גאַסן זײַנען אויך ניט ווײַט פון עם שאָסיי, נאָר מע זעט זיי קימאַט ניט אַרויס. זיי ליגן באַהאַלטן אין שאָטן פון דער טײַגע.

די טײַגע אַרום דעם בײַשטאַטישן קאָלווירט „צוואַנציק יאָר אָקטיאַבער״ איז ניט קיין איבעריקס געדיכטע — ס׳צענטע יאָר, אַז מע האַלט זי אונטער דער האַק. פון די אויסגעהאַקטע ביימער האָט מען געבויט הײַזער, שטאַלן, פון די צווײַגן געפלאָכטן פאַרקנס, און ס׳איז אויסגעוואַקסן אַ דאָרף. נאָך אַ דאָרף אין דער ייִדישער געגנט. די אַרומגעהאַקטע טײַגע האָט דאָ באַקומען אַלע כיינען פון אַן אויסגעכאָוועטן וואַלד. ס׳איז פאַרשוווּנדן דער קאָמאַר. מע קאָן שוין דאָ רוען אין שאָטן פון די ביימער, ליגן אָפן וואַרעמען זעמדל און זיך באָדן אין די לויטערע קוואַלן, וואָס זוכן דעם אַרויסגאַנג צו דער בירע.

באַזונדערס געניסן פון די לויטערע קוואַלן די קינדער. גאַנצענע טעג ליגן זיי אָפּ אין וואַסער, אָפן זאַמד, און זייערע מונטערע

קעלכלעכ לאָזנ זיכ הערנ אוזש אפ דער פאָדערשטער גאס פונעמ דאָרפ, וואָס ציט זיכ באמ סאמע ראנד פונ דעמ באלעבאטנ וואלדהיימער שאָסיי.

די דריטע שטוב פונ דער פאָדערשטער גאס — איז די קאנצעליאריע פונעמ קאָלווירט. ארײַנקומענדיק אינ קאנצעליאריע, האָב איכ באמ אָפענעמ פענצטער געטראָפנ שטיינ א מיטליאָריקנ מיליטערמאנ. קעגניבער, בא דער הרובע, איז געזעסנ אנ עלטערער ייִד, ווײַזט אויס, א היגער קאָלווירטניק. ס'האָט פונ אימ געשמעקט מיט פעלד. די הענט האָט דער ייִד געהאלטנ צונויפגעלייגט אפ הינטנ, ווי ער וואָלט זיי געוואָרעמט בא דער הרובע.

פונ די עטלעכע פראגנ, מיט וועלכע דער מיליטערמאנ האָט זיכ געווענדעט צומ ייִדנ, האָט מענ זיכ לײַכט געקאָנט אָנשטויסנ, ווער ער איז אונ צוליב וועלכע איניאָנימ ער איז אהער אראָפגעקומענ.

עס האָבנ אימ אהער געשיקט זײַנע הײַסיגער לאנדסלײַט. קוימ האָבנ די הײַסינער ייִדנ זיכ דערוווסט, אז זייער לאנדסמאנ, דער עלטערער סערזשאנט יויסעפ מאגידאָוו, דינט איצט אינ כאבאראָווסק, האָבנ זיי אימ אָנגעשריבנ א בריוו, ער זאָל זיי טאָנ די געפעליקײַט אונ זיכ אראָפכאפנ קיינ ביראָבידזשאנ — „פונ כאבאראָווסק איז עס סאכאכל קאנ קילאָמעטער.” זיי פארלאנגנ פונ אימ נאָר איינ זאכ — אנ אויספירלעכנ בריוו, וויאזוי עס לעבנ דאָרטנ איצטער די איבערוואנדערער. אויב ער, מאגידאָוו, וועט זיי אָנשרײַבנ, אז ס'איז א יעש, פאָרנ זיי. די שוועריקײַטנ שרעקנ זיי ניט. „דער איקער ס'זאָל זײַנ די פערספעקטיווע”.

באקומענ אזא בריוו, האָט דער עלטערער סערזשאנט יויסעפ מאגידאָוו גענומענ דרײַ טעג אורלויב אונ איז אראָפגעפאָרנ אינ דער געגנט. צוויי טעג זײַנענ בא אימ אוועקגעגאנגענ אפ זיכ באקענענ מיט די אונטערנעמונגענ אינ ביראָבידזשאנ. צווישנ זײַנע לאנדסלײַט זײַנענ דאָכ פאראנ מענטשנ פונ קאָלערליי פאכנ, אונ יעדער איינער וויל וויסנ, ווו וועט ער דאָ קאָנענ ארבעטנ. ווידער,

האָט ער געמוזט צוגיינ אינ די לערנ־אנשטאלטנ פונ שטאָט. פאריינוועגס האָט ער זיכ שוינ אויכ ארייַנגעכאַפּט איג פּארק, אינ טעאַטער. שפּעטער: באלד זייַנע בנייִ־איר קלייַבנ זיכ אהער אפ שטענדיק, דארפ מענ זיי האָכ אָנשרייַבנ אלצ באַאריכטעס.

אייניקע לאַנדסלייַט זייַנע פרעגנ זיכ בא אימ נאָכ, ווי לעבט מענ דאָ אינ די קאָלווירטנ. זיי ווילנ זיכ באַזעצנ אפ ערד. איז יויסעפ מאַגידאָוו געוועג ניט פויל אונ איז געקומענ צופוס אינ קאָלווירט „צוואַנציק יאָר אָקטיאַבער" א קוק טאָנ מיט די אייגענע אויגנ, ווי עס לעבנ די ידישע פויערימ. איז ער אָבער געקומענ פונקט אינ דער צייַט, ווענ אינ ישעוו איז פוסט, אלע זייַנענ אינ פעלד. צופעליק האָט ער דאָ געטראָפנ דעמ קאָלווירטניק כאַימ געגדינ, וועלכער איז דאָ געוועסנ אונ געוואַרט אפ א טעלעפאָנקלונג פונ בירָאָבידזשאַנ.

אייגנטלעכ, האָט מענ פונ בירָאָבידזשאַנער ראַיאָנישנ אויספיר־קאָמיטעט גערופנ צומ טעלעפאָנ ניט אימ, געגדינענ, נאָר דעמ פאָרזיצער פונ קאָלווירט אָשער טשערניאַכאָווסקינ. איז אָבער טשערניאַכאָווסקי גראָד איצט אפ די בינשטאָקנ, ס'א היפשער מעהאלעכ פונדאנענ. באלד יענער איז ניטאָ, האָט דער בוכהאלטער געשיקט רופנ כאַימ געגדינענ, דעמ פאָרזיצער פונ דער רעווידיר־קאָמיסיע, — מיסטאָמע עפּעס א וויכטיקער איניענ.

איצט וואַרט ער, ביז מע וועט אימ טעלעפאָניש פארבינדנ מיטנ ראַיאָנ, אונ נעמט די גאנצע צייַט ניט אראָפּ די אויגנ פונעמ טעלעפאָנ־אפּאראַט, פּונקט ווי ער וואָלט זיכ געקליבנ ניט הערנ דעמ קלונג, נאָר זענ אימ. ער איז דערבייַ זייער אומגעדולדיק, ס'פילט זיכ, אז ער ציילט די רעגעס.

יויסעפ מאַגידאָוו איז, פארשטייט זיכ, מער געענגט אינ צייַט, ווי געגדינ. ער דארפ נאָכ הייַנט זייַנ אינ געגנטלעכנ אויספיר־קאָמיטעט — זיכ אופּריידנ מיקויעכ אייַנאָרדענענ זייַנע לאַנדסלייַט אונ באַווייַזנ צומ באַנאַכטיקנ צוג. פונדעסטוועגנ ווייַזט ער אָבער

ניט ארויס זײַנ אומגעדולד, וואָס אים קומט אויס אזוי לאנג ווארטנ אפנ פאַרזיצער פונ קאָלווירט, אונ דער, כאָזמ געגדינ, דער זיצט די גאנצע צײַט ווי אפ שפּילקעס. איטלעכע ווײַלע גיט ער זיכ א הייב אופ פונ בענקל אונ טוט דערבײַ א כאַפּ צו די הענט פונ דער הרובע, אז מע קאָנ מיינענ — די הרובע איז אנ אָנגעגליטע.

— איכ זאָל אזוי טאָרנ וואָס, ווי איכ טאָר דאָ איצטער זיצנ, — רעדט זיכ דערווײַל דער אלטער אויס דאָס הארצ, — איכ מוז זײַנ אינ פעלד. ס׳איז שניט־צײַט.

ער גייט צו צום פענצטער, טוט א קוק אפנ הימל אונ פרעגט:

— ווי זאָגט איר, סע שמעקט ניט מיט קײנ רעגנ? קוקט ניט, וואָס דער הימל איז א בלויער. אָט איז ער בלוי, אונ אָט קאָנ ער ווערנ גרוי. ס׳איז דאָכ שוינ פאָרט סאָפּ זומער. ע, ווענ מיר זאָלנ האָבנ גענוג מענטשנ. אינ גאָלד וואָלטנ מיר געגאנגענ. מיר וואָלטנ מוירע געהאט פאר די רעגנס? פאָטער. נו, איז וואָס בלײַבט, כאָוועל סערזשאנט, ס׳וועלנ קומענ אהער אײַערע הײַסינער פאסאזשירנ?

— אונ דירעס? — האָט יויסעפ מאגידאָוו געפרעגט.

— פארלאָזט זיכ שוינ אפ אונדז. אפ דער גאס וועט קײנ אײנער ניט בלײַבנ. דער איקער איז, ס׳זאָל זײַנ, ווער ס׳זאָל בויענ. פונ וואָס צו בויענ איז שוינ דאָ גראָדע פאראנ. ארומ אונ ארומ איז טײַגע.

— אונ ווו וועט איר נעמענ די בויער?

די דאָזיקע פראגע איז פארנ היגנ טוישעוו כאָזמ געגדינ גאָר קײנ פראגע ניט געווענ.

— ס׳הייסט ווו? אונ אפ וואָס זײַנענ מיר? ביראָבידזשאנ איז דאָכ ניט קײנ שווער אונ שוויגער, צו וועמענ מע קומט אפ גרייטע קעסט. געהילצ איז דאָ? קרעדיטנ גיט די מעלוכע? דארפ מענ פארקאטשענ די ארבל, נעמענ א האַק, א זעג אונ זיכ שטעלנ בויענ. כ׳קאָוויר אײַכ, וויפל איבערוואנדערער כ׳זאָלנ ניט קומענ, וועלנ זיי אלע זײַנ באזאָרגט מיט דירעס. איכ בינ אויכ קײנמאָל ניט געווענ

קיינ בויער, נאָר אז מע האָט געדאַרפט, האָב איכ זיכ אויסגעלערנט בויענ הײַזער. ס'איז ניט קיינ גרויסע טוירע. מע דאַרפ נאָר וועלנ.

— הייסט עס, מיט דירעס וועלנ די נײַע איבערוואַנדערער זײַנ באַזאָרגט, — האָט יויסעפ מאַגידאָוו געמאַכט פאַר זיכ דעמ אויספיר, — נו, אונ מיט פאַרנאָסע איז דאָכ דאָ אוואַדע...

— פאַרנאָסע? — האָט געענדינ אימ איבערגעשלאָגנ, — אָ! מע דאַרפ נאָר וועלנ אַרבעטנ. וואָס, מיינט איר, האָט אונדז געמאַכט פאַר שטענדיקע טוישוויִמ פונ דער געגנט? די אַרבעט. אוואַדע איז קאַרטשעווענ ביימער ניט פונ די גרינגע מעלאָכעס. אָבער גיט א קוק אַפ אונדזערע ייִדנ, קיינ אײַנהאָרע, אײַזנ־מויער.

— איר האָט מיר געזאָגט, — האָט יויסעפ מאַגידאָוו זיכ אומגעקערט צומ פריִערדיקנ געשפּרעכ, — אַז בײַ אײַכ וואַקסנ דאָ ווײַמפּערלעכ, מאַלענעס אונ אַגרעסנ. טאַקע עמעסע מאַלענעס?

— ט'האָסטו דיר. איר וועט אַרופגיינ צו אונדז אַפנ גאָרטנ, וועט איר זענ. מיט אַזעלכע יאַגעדעס, ווי בײַ אונדז, קאָנ מענ ניט פאַרשעמט ווערנ אַפילע אינ אָדעס.

— אונ א גרויסער גאָרטנ?

— א גאַנצ גרויסער גאָרטנ. מיר וועלנ אימ האָיאָר נאָכ פאַרגרעסערנ. קלובניקע וועלנ מיר דאָרט פלאַנצנ... ערד איז דאָ פאַראַנ בײַ אונדז איבערגענוג.

דאָ האָב איכ באַמערקט, אַז די פראַגנ, וואָס יויסעפ מאַגידאָוו שטעלט, לייענט ער אַרויס פונעמ בריוו, וואָס ליגט לעבנ אימ א צעוויקלטער אַפנ טיש, אונ די ענטפערס, וועלכע ער באַקומט אַפ זיי פונ באָדיקנ, פאַרשרײַבט ער אינ א באַזונדער העפט.

פראַגנ האָט מאַגידאָוו געהאַט נאָכ א סאַכ.

— וואָס פאַר אַנ ערד איז דאָ בײַ אײַכ?

— אַנ ערעכ אַזאַ, ווי בײַ אמור. א זאַמדיקע. האָט ניט מוירע פאַר קיינ רעגנס. אונ דאָס איז זייער א גרויסע מײַלע. דעריקער — באַמ אַראָפּנעמענ די גערעטעניש. נאָכנ גרעסטנ מאַבל ווערט דאָ

גלײַכ טרוקנ. אונ די הויפּט־מײַלע איז, וואָס דאָ וואַקסט זייער גוט. אַלצ, וואָס מע זייט, וואַקסט דאָ.

— אונ וואָס זייט איר דאָ כוצ טווועו?

— פֿאַרשיידענע גרינס, מערנ, קרויט, ציבעלעס, פּאָמידאָרנ, אוגערקעס, פֿונ קאַרטאָפֿל איז שוינ אָפּגערעדט. האָיאָר האָבנ מיר אויכ פֿאַרזייט סאָיע. יאָ, פֿאַרשרײַבט, אַז מיר האָבנ שפּעקטנ, אַ גרויסע קי־פֿערמע, אַ שטאַל מיט פֿערד. דער קאָלווירט אונדזערער איז אַנ אײַנגעפֿונדעווועטער, אונ די קאָלווירטניקעס — אײַנגעפֿונדעוועטע.

— אונ וויפֿל באַטרעפֿט באַ אײַכ דער טאָג אַרבעט?

— פֿאַר דער מילכאָמע האָט באַ אונדז דער טאָג אַרבעט אויסגעמאַכט גאָר היפּש. כוצ טווועו האָבנ מיר באַקומענ קאַרטאָפֿל, גרינוואַרג, יאַגעדעס, האָניק אונ מעזומענ געלט אַ פֿינפֿ־אונ־צוואַנציקער אַפֿנ טאָג. האָיאָר דאַרפֿ שוינ אויכ זײַנ ניט ערגער.

— אונ נאָכ אַ פֿראַגע: וויפֿל טעג אַרבעט קאָנ מענ האָבנ פֿאַרנ יאָר?

— ס'ווענדט זיכ, ווי איינער אַרבעט. שאַט, וואָס דאַרפֿנ מיר טרעפֿנ, אַז מע קאָנ אַ קוק טאָנ אינ די צעטלענ. — אונ כאַיִמ גענדינ איז צוגעגאַנגענ צו דער וואַנט, וואָס איז געווענ באַהאַנגענ מיט צעטלענ פֿונ די אויסגעאַרבעטע טעג, אונ גענומענ לייענענ אַפֿנ קאָל, ווי ער וואָלט געטיילט האַקאָפֿעס.

— מאָרדכע קאַצעוו, צוויי אַרבעטער, האָבנ ביידע 750 טעג. די צוויי שוועסטער זאַקמאַנ — 640 טעג. מיכל דאָנאָוו מיטנ ווײַב אונ מיטנ קינד — זיבעטהאַלבנ הונדערט טעג. יאָסל באַסאָוו מיטנ ווײַב — נײַנ הונדערט טעג. פֿאַרגעסט ניט, דאָס איז בלויז פֿאַר זיבנ כאַדאָשימ. יאָ. לייענענ מיר ווײַטער. פּייסי גיישים...

ס'האָט אַ קלונג געטאָנ דער טעלעפֿאָנ.

כאַיִמ גענדינ, וועלכער איז די גאַנצע צײַט געזעסנ ווי אַפֿ שפּילקעס, האָט דאַפֿקע גאַנצ געלאַסנ אַראָפּגענומענ דאָס טרײַבל,

זיכ דערביי אויסגעהוסט, ווי ער וואָלט אויסגעפּרוווט די שטימ, אונ זיכ פאַרגעשטעלט:

— באמ טעלעפאָנ איז כאימ גענדינ. וואָס? ווו איז טשערניאַכאָווסקי? אפּנ בינשטאָק. איכ בינ דער פאָרזיצער פונ דער רעווידיר־קאָמיסיע. האַ? נו, אוואַרדע דאַרפנ מיר מענטשנ. וואָס מער. גוט, גוט. הײַזער? פאַראנ הײַזער. ס'וועלנ זײַנ הײַזער.

דאָס געשפּרעכ האָט זיכ געענדיקט, נאָר כאימ גענדינ האָט פונ אופרעגונג פאַרגעסנ אוועקלייגנ דאָס טרײַבל אפנ אָרט. ער האָט עס געהאַלטנ בא דער פאַרוואַקסענער באַק, אונ אפ דער אַנדער זײַט באַק האָבנ שוינ בא אימ געשמייכלט אַלע בלאָנדע הערלעכ. ס'איז געווענ אַנ אָנשטעקנדיקער שמייכל, וואָס האָט פאַרכאַפּט דאָס גאַנ־צע פּאָנעמ, דעמ שטערנ, דעמ האַלדז, נאָר ניט די אויגנ. דער בליק פונ די אויגנ איז בא אימ געווענ א פאַרטראַכטער אונ דערהויבענער.

— איר האָט געהערט? ס'קלײַבט זיכ צו אונדז א היפּשער אוי־לעמ, — האָט ער, אוועקלייגנדיק דאָס טרײַבל, זיכ אָנגערופנ, — אונ אז מע קלײַבט זיכ, וועט מענ קומענ! איר פאַרשטייט?

אונ צומ מיליטערמאַנ:

—טשערניאַכאָווסקי וועט מיסטאָמע באַלד אונטערקומענ. מיט אימ וועט איר שוינ אַלצ אַרומריידנ. ס'א דימענטענער מענטש. הײַנט קענ ער די ווירטשאַפט. ער איז זייער א כאָשעווער מענטש אינ בירָאָבידזשאַנ. אימ מעגט איר שוינ דאַפקע אָנטרויענ אַנדערע הײַ־זינער איבערוואַנדערער. ווייסט איר גאָר וואָס, קומט אינ פעלד. מיר וועלנ אימ דאָרט געוויס טרעפנ.

אומזיסט האָט כאימ גענדינ זיכ אזוי באַמרויקט פאַרנ וועטער. ס'האָט לאַבסאָלוטנ ניט געשמעקט מיט קיינ רעגנ. ווו רעגנ, אז דער הימל איז אזוי ריינ, אזוי בלוי. מע קאָנ, דוכט זיכ, די בלויקײַט אָנטאַפּנ מיט די הענט.

אזא זונ!.. ס'איז שוינ סאָפ טאָג, אונ מע פילט עפּעס גישט. די היצ זאָל ווערנ קלענער. כאימ גענדינ איז בעפּיירעש געוועכט. צו

אזא זונ, ווי אינ ביראָבידזשאנ, מוז מענ טאקע האָבנ א סאכ רעגנס.

— נו, אפ וויפל איכ האָב זיכ אָנגעהערט, — האָט יויסעפ מאגידאָוו אימ דערופ געענטפערט, — זײַט איר דאָ אינ רעגנס ניט זשעדנע. זיי גייענ שוינ, דאכט זיכ, מערער וויפל מע דארפ.

— ס'א גרויסער טאָעס, כאווער, — אונ גענדיג האָט גענומענ דערקלערנ, אינ וואָס עס באשטייט דער דאָזיקער טאָעס. — איר ווייסט, פארוואָס מע רעדט בא אײַכ אזויפיל וועגנ די ביראָבידזשא-נער רעגנס?

— אשטייגער?

— ווײַל בא אײַכ, אפ דער אוקראַינע, גייענ די רעגנס ביסלעכ-ווײַז. אי פרילינג, אי זומער, אי האַרבסט. אונ בא אונדז, אז ער קומט אראָפ, דער רעגנ, גייט ער א וואָכ, אמאָל מער ווי א וואָכ. אָבער ארומ אונ ארומ וועט איר דאָ בא אונדז אָנציילנ רעגנדיקע טעג ניט מער, ווי בא אײַכ אינ הײַסינ. איכ בינ אויכ פונ אײַערע מעקוימעס, פונ דער אוקראַינע, ווייס איכ. אָבער דערפאר, אז עס גייט ארויס די זונ...

סאָפקאָלסאָפ האָט יויסעפ מאגידאָוו געמוזט אײַנשטימענ, אז וועגנ דער וואונדערלעכער ביראָבידזשאנער זונ ווייסט מענ אינ די שטעט אונ שטעטלעכ א סאכ ווייניקער, ווי וועגנ דעמ ביראָבידזשא-נער רעגנ.

— כ'וועל אײַכ טאקע זאָגנ דעמ עמעס. עפעס געדענק איכ ניט, אז בא אונדז אינ הײַסינ זאָל סאָפ טאָג שטיינ אזא היץ.

נאָר קוימ זײַנענ מיר אראָפ פונעמ וואלדהיימער שאָסיי אונ זײַנענ ארופ אפ איינער פונ די זײַטיקע גאסנ, האָבנ מיר באלד דער-פילט דעמ פרישנ אָטעמ פונ דער טײַגע, די מעכײַעדיקע קילקײַט פונ אירע שאָטנס אונ קוואלנ.

דער עלטערער סערזשאנט יויסעפ מאגידאָוו, וואָס איז געוווינט צו שפאנענ מיט ברייטע טריט, האָט זיכ איצט באמיט גיינ לאנג-זאמ. ער דארפ דאָכ אלצ באקוקנ: די הײַזער מיט די גאנעקעס, די

ארומגעצאַמטע הויפנ, די גערטנדלעכ, זענ, וואָס איז דאָ אינ די גערטנער פאַרזייט, וויאַזוי סע וואַקסט. אונ דערביי זעצט ער פאָר דעמ געשפּרעכ, וואָס האָט, אייגנטלעכ, א שייכעס ניט נאָר צומ קאָלווירט „צוואַנציק יאָר אָקטיאַבער״, נאָר צו דער גאַנצער געגנט, צו איר צוקונפט.

יויסעפ מאַגידאָוו וויל וויסנ:

— וואָס איז די סיבע, וואָס באַמ אוילעמ איז איצט אַזאַ גרויסע שטרעבונג קיינ בירָאָבידזשאַנ?

— פאַרוואָס מיינט איר, אַז די שטרעבונג קיינ בירָאָבידזשאַנ האָט זיכ אָנגעהויבנ גראָד איצט? — האָט כאַמ געענדיג זיכ צו אימ אָנגערופנ. — דער אוילעמ האָט אַלע יאָרנ געשטרעבט אהער קומענ. מע האָט זיכ אָבער ניט געיילט. ס׳איז ניט אַזוי לייכט זיכ אײפּהייבנ פונ אַנ איינגעזעסענעמ אָרט. די נויט האָט דאָכ ניט געטריבנ. פאַרנאָסע, ווי איר ווייסט, האָט מענ אומעטומ געהאַט. מע האָט פאַרשטייט זיכ, איצטער אויכ פאַרנאָסע. א דייגע ארבעט? מע דאַרפ אופשטעלנ אַזויפיל שטעט, אַזויפיל זאַוואָדנ. איר ווייסט דאָכ אָבער: א סאַכ שטעט אונ שטעטלעכ זיינענ ביכלאַל אָפּגעווישט געוואָרנ פונ דער ערד. א סאַכ האָבנ זיכ אומגעקערט פונ עוואַקואַציע אונ קימאַט קיינעמ פונ די אייגענע ניט געטראָפנ. מע דאַרפ אָנהייבנ אפסניי אופשטעלנ א דאַכ איבערנ קאָפּ.

ער האָט זיכ פלוצעמ אָפּגעשטעלט, אונ איבערכאַפּנדיק דעמ אָטעמ, ווי ער וואָלט ארופגעקלעטערט אפנ שפּיצ פונ זיינ געדאַנק, האָט ער צוגעגעבנ:

— נו, איז ווײבאַלד די מעלוכע האָט פאַר אונדז אויסגעטיילט א יידישע אווטאָנאָמע געגנט, דאַרפ מענ זי אויסבויענ. היטלערנ אונ אַלע סאָנימ אפ צולאָכעס וועלנ מיר, יידנ, אויסבויענ די יידישע סאָוועטישע אווטאָנאָמע געגנט, אונ מיט דער צייט וועלנ מיר דאָ נאָכ האָבנ א רעפּובליק אויכ.

נאָכ אַזעלכע רייד האָט דער מיליטערמאַנ יויסעפ מאַגידאָוו

גאָר אַנדערש אָנגעהויבן קוקן אַף דעם באַיאָרטן געסינדינע. ער האָט איין אים דערקענט דעם נייעם מענטשן, וואָס איז אויסגעוואַקסן איין דער געגנט. א געזונטער סאָוועטישער ייִד, מיט געזונטע געפילן און געדאַנקען.

— אָבער אַף אויסבויען די געגנט דאַרף מען דאָך, עס זאָלן אַהער קומען זייער א סאַך איבערוואַנדערער?

— זיי וועלן קומען! — האָט מיט א זיכערקייט אין דער שטים זיך אָנגערופן כאַים געטדין. — פאַרגעדענקט א קלאָל: אַז מע פאַר־פלאַנצט גוט א בוים, וואַקסן אַף אים אויס צווייגן.

פון די דערביייִקע שמעלכלעכע האָט זיך דערהערט א מרוקען פון בעהיימעס.

— אַלע קאָלווירטניקעס האָבן בא אייך אייגענע קי? — האָט מאַגידאָוו געפרעגט.

— ווי דען? מיר זיינען דאָך אַלטע טוישווים. א פויער מוז האָבן א סקאָטינקע.

— זעט, כ'האָב זיך שיר ניט פאַרגעסן. אייניקע פון די הינסי־נער האָבן אויך בעהיימעס. פרעגן זיי זיך נאָך בא מיר אינעם בריוו, וואָס איז גלייכער: פירן די בעהיימעס מיט זיך, צי זיי זאָלן זיי דאָרטן פאַרקויפן און דאָ קויפן אַנדערע.

— גלייכער, זיי זאָלן קויפן דאָ. וואָרעם אוקראַינער בעהיימעס האָבן ניט איבעריקס ליב דעם היגן קלימאַט. פאַרן געלט, וואָס זיי וועלן דאָרטן אויסלייזן, קאָנען זיי דאָ קויפן א כאַלמאָגאָרקע, צי א סעמענטימענטאַלקע. ס'איז פון די בעסטע פּאָראָדעס אַפן ווייטן מיזרעך. די מילך זייערע איז גאָלע שמאַנט.

גייענדיק מיטן וועלדל, האָט יוסעף מאַגידאָוו זיך אָפּטמאָל אָפּגעשטעלט און דערבײַ נאָכאַנאַנד זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט דאָ עפּעס אָנגעוווירן.

— וואָס זוכט איר? — האָט געטדין בא אים געפרעגט.

מאַגידאָוו האָט שטיל געענטפערט:

— דעמ פאוט. די הײַסינער ייִדנ האָבנ מיכ געבעטנ, איכ זאָל זיי אָנשרײַבנ, וואָס איז אזוינס דער פאוט. עפּעס האָבנ זיי וועגנ אימ א פאַרשטעלונג...

— אז ער מאזיקט מענטשנ? איז שרײַבט זיי אָנ, אז דער פאוט האָט נאָכ דאָ דערווײַל קיינעמ ניט צעמאזיקט. ס'איז טאקע א גרויסע פליג אונ א גרויסע טומלערנ, הודזשעט אונ הודזשעט, אָבער מוירע האָבנ פאַר איר איז לאַבסאָלוטנ ניטאָ וואָס. איצט וועט איר דעמ פאוט ניט זענ. אינדערפרי אונ פאַרנאַכט איז ער נישטאָ, אונ אז מיר וועלנ זיכ ווי געהעריק א נעמ טאָג צו דער טײַגע, וועט מענ אימ באַטאָג אויכ ניט זענ. ער וועט פונדאַנענ אינגאַנצנ פאַר־שווינדנ. אָט זײַט איר געווענ אינ בירעָבידזשאַנ, געווענ בא אונדז אינ דאָרפ. אדעראַבע, זאָגט, איר האָט א סאַכ באַגעגנט דעמ פאוט?

כאַזימ גענדינ האָט פאַרגיכערט די טריט, אונ אינ א ווײַלע ארומ זײַנענ מיר שוינ געווענ אפ די פעלדער פונ קאָלווירט.

די פעלדער פונעמ קאָלווירט „צוואַנציק יאָר אָקטיאַבער" ליגנ צווישנ דער טײַגע אונ דעמ וואַלדהיימער שליאַכ. זיי ציִענ זיכ ביז די זומפּנ, וועלכע מע וועט אינגיכנ אָנהייבנ טריקענענ. אינ טײַגע, פונוואַנענ מיר זײַנענ נאָרוואַס ארויס, איז שוינ געווענ גאַנצ טונקל, אונ דאָ איז געווענ ליכטיק, ווי אינ רעכטנ האַלבנ טאָג. ניט אַנ־דערש, אז די זונ האָט זיכ הײַנט אונטערגענומענ לויכטנ ביזנ אופּ־גאַנג פונ דער לעוואָנע.

יויסעפ מאַגידאָוו שטעלט זיכ איטלעכע ווײַלע אָפּ באַטראַכטנ די פעלדער. ער האָט שוינ אָנגעריסנ א פּאָר זאַנגענ, איבערגעציילט אינ זיי די קערנער, אונ לויט די אויגנ זײַנע זעט מענ, אז ער איז צופרידנ. עס איז אימ געפעלנ.

— ווו זײַנענ דאָס אײַערע מאַנצבלענ? — האָט ער א פרעג געטאָנ. — עפּעס ווייניק מאַנצבלענ זע איכ דאָ בא אײַכ.

— וואָס איז דער וואונדער? געווענ אזא מילכאָמע, אונ אונדזערע בירעָבידזשאַנער ייִדנ האָבנ אפ דער מילכאָמע ניט אויסגעפעלט.

פאראיארנ, אשטייגער, אינ דער צײַט, וואלט איר אלע אונדזערע מאנספארשוינענ געקאנט איבערציילנ אפ די פינגער. אבער איצט איז שוינ קימאט אינ יעדער שטוב פאראנ א מאנספארשוינ. פאר־וואס זעט מענ זיי נישט? זיי ארבעטנ באם קאמבײַנ, בא דער דרעש־מאשינ, באם ארויספירנ דאס היי, אט דארט, וו ס'איז שווערער.

אפ די גערטנער האבנ מערסטנטייל געארבעט פרויענ, יונגע מיידלעכ אונ עלטערע ווײַבער, אנגעטאנ אינ לײַכטע קליידער אדער סאראפאנענ, אפ די קעפ ווײַסע פאטשיילקעס. אינ גרויסע געפלאכ־טענע קערב האבנ זיי אײַנגעקליבנ די צײַטיקע פרוכט פונ גארטנ. זיי האבנ געארבעט מיט אזא פלינקײַט אונ געשיקטקײַט, פונקט ווי די פרוכט פונ דער ערד וואלט פונ זיכ אליינ געפאלנ אינ קארב. אינ דער ווײַט האט זיכ געהערט דאס איינטאניקע קלאפנ פונ די טראק־טארס אונ פונ קאמבײַנ.

יויסעפ מאגידאוו האט אראפגעריסנ פונ קוסט א פאר מאלענעס אונ זיכ אוועקגעשטעלט זיי באטראכטנ, גלײַכ ער וואלט דא דערבײַ עפעס געדארפט אנטדעקנ.

— הערט נאר, — האט ער זיכ נאכדעם אנגערופנ צו גענדי־נענ. — עס איז דאכ עמעסע גוטע מאלענע.

— אונ וואס האט איר געמיינט, ס'איז קארעלנ? — האט אים געענטפערט איינע פונ די פרויענ. — כאימ, ווער איז דער באוועך?

זיכ דערוווסט, מיט וואס פאר א שליכעס מאגידאוו איז אהער געקומענ, האבנ די פרויענ אים ארומגערינגלט, אונ יעדע איינע האט גענומענ אים אויסדערציילנ, ווי מע לעבט דא אונ ווי מע קאנ דא לעבנ.

— קיינ כאראטע אפנ שידעכ וועלנ אנדערע הײַסינער ניט האבנ. ס'וועט זיי דא געפעלנ. מיר, אלטע טוישווימ, קאנענ זיכ אפ בי־ראבידזשאנ ניט באקלאגנ. ווי זאגט איר, כאימ?

כאימ גענדינ, וועלכער איז די גאנצע צײַט געשטאנענ אנ א

זייט אונ געשוויגנ, האָט דערופ געענטפערט מיט א הייב פונ די אקסלענ:

— א שיינע זאַכ וואָלט געווענ, אז א בירָאָבידזשאַנער טוישעוו זאָל זיכ באַקלאָגנ. זאָגט מיר נאָר בעסער, ווייבער, איר האָט דאָ טשערניאַכאָווסקינ ניט באַגעגנט?

— ער איז דאָ ניט לאַנג געווענ. מיסטאָמע אוועק צום קאָמבייג.

אראָפּלאָזנדיק זיכ פונ בערגל, האָבנ מיר צווישנ די סקירדעס הוי דערזענ שטיינ דעמ פּאָרזיצער פונ קאָלווירט אָשער טשערניאַכאָווסקי, א מיטלוווקסיקער יונגערמאַנ פונ א יאָר דריי—פיר אונ דרייסיק מיט א קלוג ענערגיש פּאָנעם אונ ליכטיקע אויגנ. געענדינט האָט אימ אינ עטלעכע ווערטער איבערגעגעבנ, וועד מיר זיינענ.

— אָט וואָס, כאָוועד עלטערער כערזשאַנט, — האָט אָשער טשערניאַכאָווסקי זיכ אָנגערופנ צום מיליטערמאַנ, — לאָמיר דערווייל אָפּלייגנ אונדזער שמועס אָפּ שפּעטער. איכ וויל, איר זאָלט אָפּרוען זיכ באַקענענ מיט אונדזערע פעלדער, מיט אונדזערע גערטנער, מיט דער ווירטשאַפט, זיכ דורכריידנ מיט אונדזערע קאָלווירטניקעס, אונ נאָכדעמ וועלנ מיר קאָנענ שמועסנ. נאָר איינ זאַכ דאַרפט איר וויסנ. ס'איז ניט וויכטיק, ווו ס'וועלנ זיכ באַזעצנ אייערע לאַנדסלייט — בא אונדז צי אינ אַנ אנדער קאָלווירט. מענטשנ דאַרפ מענ אומעטומ, אונ אַז ס'וועלנ זיינ מענטשנ, וועט אומעטום זיינ גוט. פאַר אונדז איז וויכטיק, אַז די, וואָס קומענ אהער, זאָלנ, פונקט ווי מיר, ווערנ טוישעווים.

יוסעפ מאַגידאָוו האָט זיכ מיטאַמאָל אויסגעגלייכט. דער מיליטערישער כוש זיינער האָט אימ אונטערגעזאָגט, אַז פאַר אימ שטייט א העכערער מיליטערמאַנ, אַנ אָפיצער, וואָס האָט זיכ ניט לאַנג אומגעקערט פונ דער אַרמיי. אונ ער האָט קיינ טאָעכ ניט געהאַט.

אָשער טשערניאַכאָווסקי איז דריי יאָר אָפּגעווענ אָפּ דער מיל-

כאָמע. ער איז געווען אַ קאָמאַנדיר פון אַ מינענוואַרפער־טייל, באַלוינט מיט אַן אָרדען און פיר מעדאַלן. ער איז געווען פאַרווונדעט.

פאַרשטענדלעך, אַז ווען עס באַגעגענען זיך צוויי מיליטער־לײַט, ווערן זיי צווישן זיך באַלד באַפרײַנדעט, פונקט זיי וואָלטן צוזאַמען געדינט אין איין טייל, געהאַט איינע און די זעלבע כאַוויירים, באַקאַנטע, נאָענטע. מע נעמט זיך דערמאָנען פאַרשיידענע שלאַכט־עפּיזאָדן. דאָס זעלבע איז אויך געשען מיט די צוויי מיליטערלײַט אַשער טשערניאַכאָווסקי און יוסעף מאַגידאָוו. דער ערשטער האָט דערציילט וועגן דײַטשלאַנד, און דער אַנדערער — וועגן מאַנטשזשוריע.

דאָ האָב איך באַמערקט, אַז טשערניאַכאָווסקי הינקט עטוואָס אונטער.

— ער איז געווען פאַרווונדעט אין פוס? — האָב איך געפרעגט בײַ געגדינען.

— ער איז אינגאַנצן אָן אַ פוס, ער גייט מיט אַ פּראָטעז, — האָט געגדין מיר אין דער שטיל געזאָגט. — אָבער ער איז ניט פון די מענטשן, וואָס זיצן אויף אַן אָרט. אַ גאַנצן טאָג איז ער אויפן פעלד אָדער בײַ דערווירטשאַפט. ער ווערט גאָר ניט מיד. וואָס זאָל איך אײַך זאָגן: פון זינט ער איז בײַ אונדז צוריק געוואָרן פאָרזיצער, איז דער קאָלווירט געוואָרן אַ סאַך שטאַרקער.

דעם אינוואַליד פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע אַשער טשערניאַכאָווסקי האָבן די קאָלווירטניקעס אויסגעוויילט פאַרן פאָרזיצער, ווען יענער איז נאָך געלעגן אין שפּיטאָל. מע האָט בײַ אים בלויז געבעטן זײַן האַסקאָמע, און, פאַרשטייט זיך, אַז טשערניאַכאָווסקי איז מאַסקים געווען. דער קאָלווירט „צוואַנציק יאָר אָקטיאַבער" איז דאָך זײַן היים. העכער אַ העלפט פון די זעכצן יאָר, וואָס ער איז אין דער יידישער געגנט, האָט ער אָפּגעלעבט דאָ, אין קאָלווירט. ער איז דאָ געווען אַ שמיד, אַ טראַקטאָריסט, אַ פּיציכטלער, אַ פעלד־בריגאַ־

דיר, אונ א קורצע צײַט פאר דער מילכאָמע האָט מענ אימ אויסגעקליבנ פאַרזיצער.

— ער קענ די בירָאָבידזשאנער ערד, ווי א גוטער אגראָנאָמ, — האָט גענדינ פאַרגעזעצט דערציילנ, — אונ וואָס איז ער געווענ ביז בירָאָבידזשאנ? א פאסטעכל אינ שריעטל.

נאָר דאָ האָט אימ דער פאַרזיצ[ער] איבערגעריסנ:

— כאַזמ, וואָס דערציילסטו עס דאָרט וועגנ מיר? וואָלסט בעסער געגאנגענ צומ קאָמבײַנ. עס פעלנ ז[ע]רט אויס מענטשנ.

אז גענדינ האָט זיך געהאט הי[נ]ז דערוועטערט, האָט טשערניאַכאָווסקי זיך צו אונדז אָנגערופנ:

— אָט דעמ כאַזמ גענדינגענ קענ איך נאָך, ווענ ער איז געווענ א קאטערינשטשיק. כ'געדענק, ווענ ער איז ארומגעגאנגענ איבער מאַלינ אונ איבער אָדעס מיט א פאָפוגײַ. ווערמענ קאָנ עס איצט אײַנפאלנ, אז דער פאַרזיצער פונ דער רעווידיר־קאָמיסיע כאַזמ גענדינ איז א געוועזענער קאטערינשטשיק? אָט ווי בירָאָבידזשאנ באארבעט מענטשנ. אונ ווי זאָל אזא מענטש ניט ליב האָבנ די געגנט.

ארײַנקומענדיק אינ דאָרפ, האָבנ מיר מיטאמאָל דערפילט א מאָדנע אָנגענעמענ רייעך.

— ס'פרעגלט מענ, אפאָנעמ, אײַנגעמאכטס, — האָט טשערניאַכאָווסקי זיך אָנגערופנ אונ ארײַנגעפירט אונדז צו יאָסל באסאָווונ אינ ארומגעצאַמטנ הויפ. ווו אינ שאָטנ פונ א געדיכטנ בוימ איז געזעסנ א ייִדענע פונ א יאָר עטלעכע אונ זעכציק אונ געמישט מיטנ הילצערנעמ קאָכלעפל אינ שוימיקנ טאַצ אײַנגעמאכטס.

— מומינקע, — האָט מאגידאָוו בא איר געפרעגט, — וואָס פאר אנ אײַנגעמאכטס פרעגלט מענ עס?

— מאלענע, האָלעווײַ זאָל מענ עס ניט דאַרפנ.

— ס'איז בא אײַך, כאָלילע, עמעצער קראנק?

— זאָלנ קרענקענ אונדזערע סאָנימ. מיר קאָנענ זיך פארגינענ עסנ אײַנגעמאכטס געזונטערהייט.

די ידענע האָט ארויסגעשלעפּט פון אונטערן דרײַפוס א פאָר האָלאָוועשקעס, סע זאָל ווערן קלענער דאָס פײַער, און פארבעטן אונדז אין שטוב.

— אָט דאָס איז אונדזער וווינונג.

די וווינונג פונעם קאָלווירטניק יאָסל באסאָוו באשטייט פון צוויי צימערן מיט א קיך. די צימערן זײַנען אויסגעשטאט מיט ביראָבידזשאנער מעבל. אין שטוב איז געווען קיל, ציכטיק. די פאָדלאָגעס אויסגעוואשן. די ווענט ליכטיקע, ווי נאָרוואָס געקאלכטע.

אז מיר זײַנען ארוים אין הויף, האָבן מיר שוין דאָ געטראָפן דעם באלעבאָס, יאָסל באסאָוו, א וווקסיקער יונגערמאן מיט א מעדאל אף דער ברוסט, און זײַן הויכע פולבלעכע פרוי.

— נאָך דער ארבעט, הערסטו, אז מע באָדט זיך אויס, — האָט באסאָוו זיך אָנגערופן צו טשערניאכאָוסקין, — פילט מען טאקע טאם גאניידן.

— יאָסל, — איז די אלטע צו אים צוגעשטאנען, — לאָז ניט אָפּ די געסט. כ׳וועל זיי מעכאבעד זײַן מיט ביראָבידזשאנער אײַנגעמאכטס.

— מאמע, פריער דארף מען געבן די געסט עפעס צובײַסן און דערנאָך מעכאבעד זײַן מיט דײַנע אײַנגעמאכטס, — און יאָסל באסאָוו האָט אונדז פארופן אין שטוב.

באם געדעקטן טיש האָט זיך צונויפגעקליבן די גאנצע מישפּאָכע. יויסעף מאגידאָוו האָט אלץ געהאלטן אין איין פאנאנדערפרעגן זיך.

— וואָס זאָל איך אײַך ענטפערן, — האָט באסאָוו זיך צו אים אָנגערופן, — איר זעט דאָך אליין. נעמט, אשטייגער, מיך: האָב איך אן אייגענע שטוב, א בעהיימע, עטלעכע צענדליק אויפעס, א גאָרטן, כ׳האָדעווע א כאזער. מיט ברויט און גרינס זײַנען מיר געזיכערט אף א גאנץ יאָר. און אז מע ארבעט אוים מיט דער מישפּאָכע פארן יאָר א טויזנט טעג, נעמט מען טאקע אָפּ א פײַנע פּוטעקע אויך. ניט אין אלע קאָלווירטן איז שוין אזוי ווי בא אונדז, אָבער אז ס׳וועט זײַן,

ווער ס'זאָל אַרבעטן, ווערט אומעטום ווערן גוט. אין ביראָבידזשאַן קאָן ניט זײַן שלעכט און טאָר ניט זײַן שלעכט.

— געוויס.

...„אין ביראָבידזשאַן קאָן ניט זײַן שלעכט און ס'טאָר ניט זײַן שלעכט" — מיט די ווערטער וועט מיסטאָמע יויסעף מאַגידאָוו אָנהייבן שרײַבן דעם בריוו צו זײַנע הײַסינער לאַנדסלײַט, און באַס-מענען וועט ער זיך אונטערן בריוו „דער ביראָבידזשאַנער טױשעוו יויסעף מאַגידאָוו". אַזוי האָט ער באַשלאָסן. באַלד ווי ער דעמאָבי-ליזירט זיך פון דער אַרמיי, באַזעצט ער זיך דאָ און ווערט אַ שטענ-דיקער ביראָבידזשאַנער טױשעוו.

אַ שטעטל אױף דער טונגוסקע

די ייִדן, וואָס האָבן געבויט די שטעטלעך פון דער געגנט, זײַנען דאָך ייִדן פון אוקראַינע, פון ווײַסרוסלאַנד, נאָר עפּעס האָבן מיר דאָ ניט באַגעגנט קיין אײן ייִשעוו, וואָס זאָל דערמאָנען אַ שטעטל פון דער אַלטער היים.

ערשט אױף דער סאַמע מיזרעך-גרענעץ פון דער געגנט בין איך אָנגעקומען אין אַ שטעטל, וווּ פון דער ערשטער רעגע האָט אַ ווייע געטאָן מיט ווײַטע דערמאָנונגען פון דער ווײַטער היים. דאָס שטעטל ליגט צווישן דער סטאַנציע וואָלאָטשײַעווקע און דעם איבערוואַנדע-רישן דאָרף „אײקאָר", און געדוכט האָט זיך מיר, אַז איך בין ערגעץ אױף וואָלין, צווישן זשמערינקע און קאַמענעץ, צווישן פּראָסקוראָוו און דראַזשנע.

ניט מיט די געסלעך און הײַזער האָט דאָס שטעטל דערמאָנט די אַלטע היים. פאַרקערט, די געסלעך זײַנען דאָ ברייטע, די הײַזער — נײַע. זיי שמעקן נאָך מיט וואַלד, און די געפאַרבטע דעכער גלאַנצן קעגן דער סאָפּטאָגיקער זון, ווי מע וואָלט זיי באַשמירט מיט געלן

שוואקס אונ זיכ נאָכדעמ דורכגעגאנגענ איבער זיי מיט א פליוש. איכ די אומגעגנט איז ווייניק־וואָס ענלעכ אָפ וואָלינ. דאָס שטעטל ליגט אָפ א סאָפקע, וואָס איז פונ איינ זייַט ארומגעזוימט מיט געדיכטע וווקסיקע ביימער, פונ דער אנדער זייַט ארומגעגארטלט מיט רעלסנ פונ דער נייַער אייַזנבאנ־ליניע כאבאראָווסק — קאָמסאָמאָלסק. אונ צופוסנס פונ דער סאָפקע פליסט די טונגוסקע. ווי ניט ענלעכ ס'איז אָט דער ווייַטמיזרעכדיקער טייַכ צו די שטילע אונ שמאָלע טייַכלעכ פונ די קליינע ווייַסרוסישע אונ אוקראַינישע שטעטלעכ, וועלכע זייַנענ ביז האלב פארוואקסנ מיט טשערעט אונ אָסאָקע, אונ רייַכ מיט זשאבעס, וואָס קוואקענ דורכ דער נאכט.

ניינ. ניט די געסלעכ אונ הייַזער, ניט דער טייַכ אונ די אומגעגנט, נאָר די שטילקייַט פונ דעמ ערעוו רו־טאָג האָט דאָ היינט דערמאָנט אינ די ווייַטע שטעטלעכ פונ אוקראַינע אונ ווייַסרוסלאנד.

אז אינ שטעטל איז שוינ ערעוו רו־טאָג, האָט מענ געקאָנט דערפילנ באלד באמ ארופגאנג אָפ דער סאָפקע, ווו עס שטייט די מעבל־פאבריק. די הילצערנע טויערנ פונ דער פאבריק זייַנענ געווענ צוגעשלאָסנ. דער גרויסער הויפ — צוגעקליבנ, קיינ שפענדל ניט צו געפינענ. די סטעזשקעס — באשאָטנ מיט זאמד. טיפ אינ הויפ זייַנענ אונטער פאנאנדערגעהאנגענע ברעזענטנ געשטאנענ פאָלירטע שאַפעס, שרייַבטישנ, באצויגענע מיט געוואנט, ווייכע בענקלעכ, עטאַזשערקעס פאר ביכער, אונ קיינ מענטש איז ארומ זיי ניט צוועג.

אופגעהויבנ זיכ עטוואָס העכער אָפ דער סאָפקע, האָב איכ שוינ פאר זיכ געהאט דאָס גאנצע שטעטל. דורכ איינ געסל, א צווייטס, א דריטס, אונ אומעטומ די זעלבע פייַערלעכע שטילקייַט, וואָס בא די פאריגלטע טויערנ פונ דער פאבריק.

ארומ די הייַזער זייַנענ געזעסנ אויסגעפוצטע ווייַבער, וואָס האָבנ געוואַרט אָפ זייערע מענער אונ קינדער, וועלכע זייַנענ אוועק אינ וואָלאָטשייַעווקער מערכעצ, אונ געקנאקט געטריקנטע וואלד־ניסלעכ. **בא אזא היצ — די זונ האָט זיכ ערשט אָנגעהויבנ זעצנ — זייַנענ**

די ווײַבער געזעסן אין שוואַרצע זײַדענע שאַלן, אין װעלכע זײ פֿלעגן מיסטאָמע אַמאָליקע יאָרן שאַבעס און יאָמטעװ גײן צוגאַסט. פֿון די אָפֿענע טירן און פֿענצטער האָט זיך געטראָגן אַ שטאַרקער ריח פֿון געפֿילטע פֿיש און מערן־צימעס. די הײַזער און גערטנדלעך האָבן אױך אױסגעזען יאָמטעװדיק. נאָר אַרום אײן שטוב, און דאַפֿקע אין רעכטן מיטן שטעטל, האָט זיך נאָך געפֿילט דער אינדערװאָכן. אַ הױכע דיקלעכע ייִדענע מיט מאַנצבלשע באַװעגונגען איז געזעסן בײַ זיך אױפֿן גאַנעק און געשײלט אַ טאָפּ מיט מערן. פֿונעם צוגעדעקטן טשוהונ, װאָס איז געשטאַנען לעבן איר אױפֿן דרײַפֿוס, האָט געזעצט אַ געדיכטער האָמפּ און פֿאַרשפּרײט אַרום זיך אַ ריח פֿון געפֿעפֿערטע קאַרטאָפֿל. די אױסגעפּוצטע װײַבער האָבן געװאָרפֿן אױף דער זײַט פֿון דער ייִדענע מאָדנע בליקן, אָט װי אױף אַ מענטשן, װאָס איז מעכאַלעל־יאָמטעװ. מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ צעצויגענער ניגון:

— װײַבער, פֿי־ש! צאַפּלדיקע פֿיש! שלײַען און העכטן! פֿיש, פֿיש! צאַפּלדיקע פֿיש!

פֿון צװישן די הײַזער, װאָס שטײען אױפֿן ראַנד פֿון דער סאַפּקע, האָט מיט אַ זאַק פֿיש אױף דער פּלײצע זיך באַװיזן אַ מענטש אין הױכע גומענע שטיװל און אין אַן אױסגעװײקט רעקל. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ לאַנגע װעסלע. פֿונעם מענטש האָט געשמעקט מיט טײַך און װאַסער־גראָזן.

— יוינע, אַהער, אַהער! — האָט מען געשריִען צו דעם ייִדן פֿון אַלע זײַטן און געכאַפּט מיט די לײדיקע קאָשעקעס. — װײַזט נאָר אַ קוק טאָן אײַער סחורה.

עמעצער האָט געבראַכט צו שלעפּן שאַל־און־װאָג, און יוינע האָט אינמיטן גאַס אַראָפּגעװאָרפֿן פֿון זיך דעם שװערן זאַק און אױסגעשאָטן אױפֿן גראָז די אָנגעכאַפּטע פֿיש. ער האָט געלאָזט די װײַבער, זײ זאָלן אַלײן זיך אױסקלײַבן די סחורה, אַלײן אָפּװעגן, און ער, יוינע, איז דערבײַ געשטאַנען װי אַ זײַטיקער און אױסגעדרײט די נאַסע פּאָלעס פֿונעם רעקל.

— איר זײַט דאָ דער אײנציקער פישער אין שטעטל?

יוינע האָט אף מיר א קוק געטאָן מיט די פרײלעכע אויגן און געענטפערט מיט א ניגן.

— און אווו איז קיווע הײַלפעריןַ? און אווו איז יִסראָעל פּימזורע? און שימען ליפּאָוועצקי? אײן מענטש קאָן זיך דען ספּראָווען מיט אזא טײַך? ס'איז נאָר די צאָרע, וואָס ס'איז ווייניק צײַט. ווי נאָר ס'וועלן אהער אָנקומען נײַע איבערוואנדערער, מאכן מיר דאָ א קאָלעקטיוו פון פישער. דערווײַל אָבער איז דאָס בא אונדז א זײַטיקער איניען. איך ארבעט אף דער פאבריקע. בלײַבט איבער פרײַע צײַט, כאַפּ איך זיך מיר אראָפּ צום טײַך אף א פּאָר שאָ. איר מיינט, איך טו דאָס צוליב פּארנאָסע וועגן? פּאָטער, איך טו דאָס מער צוליב ספּאָרט. ווי איך בין א ייִד, צוליב ספּאָרט.

— רעב ספּאָרטסמען, — איז מיט א פּארקאָטשעטן פּארטעך צו אים אונטערגעשפּרונגען די הויכע דיקלעכע ייִדענע, וואָס איז געזעסן באם גאנעק און געשיילט מערן. — העלפט מיר נאָר אָפּקלײַבן א פּאָר העכט, זיי זאָלן זײַן מיט א סאך רויג. איר ווייסט דאָך, אז מײַן לײזער האָט ליב דעם רויג מער ווי די פיש.

— שוין לאנג פארנעמט איר זיך מיט פישפאנג? — האָב איך אין א ווײַלע ארום א פרעג געטאָן בא יוינען.

— קימאט פון די ערשטע טעג. אמאָל, ס'הייסט ביז מע האָט דאָ אויסגעבויט די פאבריקע, האָבן קימאט אלע אונדזערע ייִדן זיך פארנומען מיט כאפּן פיש. ס'האָט געקלעקט אי פאר זיך, אי אף צו פארקויפן. אַט זאָלן נאָר אונטערקומען די נײַע איבערוואנדערער, וועלן מיר דעם גאַנצן ראַיאָן פארשיטן מיט פיש. איר ווייסט דען, וואָס פאר א טײַך די טונגוסקע אונדזערע איז. ס'איז דאָך א פארמעגן!..

זאלבעדריט, זאלבעפערט האָבן אף די גאסן פון שטעטל זיך באוויזן מאנספארשוינען מיט אײַנגעוויקלטע פעקלעך און באָד-בעזעמלעך אונטער די פאכוועס. דער אוילעם האָט זיך אומגעקערט פון וואָ-

לאָטשנעוועקע. די פענעמער זײַנען בא זיי געווען פארפלאָמט, די האָר אפן קאָפ נאָך פײַכט, און געגאַנגען זײַנען זיי באַלעבאַטיש אופגע־לייגט, אָט טאַקע ווי נאָך אַ גוטער באָד. בא דער זײַט זײַנען געגאַנ־נען די אויסגעבאָדענע און אויסגעצוואָגענע קינדער. די ווײַבער האָבן זיך אופגעהויבן פון די גאַנעקעס און זײַנען אַרײַן אין שטוב גרייטן צום טיש די יאָמטעוודיקע וועטשערע. אפ די געסלעך פון שטעטל איז געוואָרן נאָך שטילער ווי געווען.

— וועמען זוכט איר עס דאָ אַרום? — האָב איך הינטער זיך דערהערט אַ ווייכע פרויען־שטים.

כ'האָב זיך אומגעקוקט. אפן גאַנעק איז נאָך אַלץ געזעסן די וואָכעדיקע ייִדענע. פאַרטיק געוואָרן מיטן מערן־צימעס, האָט זי זיך איצט גענומען גרייטן די פיש, וואָס זי האָט אײַנגעהאַנדלט בא יהינען.

— איך וואַרט דאָ אפ אײַער דירעקטאָר פון דער פאַבריק, — האָב איך געענטפערט. — ער דאַרף באַלד קומען פון „איקאָר“.

— איז וואָס וועט איר זיך אַזוי אומדרייען? ביטע, קומט אַרײַן צו מיר.

איך בין דאָ נאָך דערווײַל בא קיינעם ניט געווען, נאָר מיר דוכט, אַז אַזאַ הויכע סטעליע ווי אין אָט דער גרויסער געראַמער שטוב וועל איך שוין דאָ מער בא קיינעם ניט טרעפן. און וואָס איז דער וווּנדער? ווען די סטעליע זאָל כאָלילע זײַן אַפ אַ פאָר ווערשאָק נידעריקער, וואָלט די באַלעבאָסטע געמוזט אײַנבייגן דעם קאָפ. צווישן מאַנצבלען אפילע באַגעגנט מען אויך גאַנץ זעלטן אַזאַ וווּקס, אַזאַ פאַרנעם פון די אַקסלען, אַזעלכע געזונטע מוסקולן אַפ די הענט. עס שפּאַרט פון איר מאַמעש אַרויס די גוווּרע. און ניט געקוקט אַפ דעם אַלעם, פאַרמאָגט זי אַ לײַכטן טראָט, אַ צאַרט פּאָנעם און זייער אַ קלינגענדיקן נאָמען — גאָלדע.

אַפ וויפל זי אַליין איז געווען וואָכעדיק, אַפ אַזוי פיל יאָמטעוודיק איז געווען בא איר אין שטוב. די פּאָדלאָגע — זויבער, ווי אַן אָנגע־

ריבענער פּארקעט. דער טישטעכ אפֿנ טיש, די פֿאָרהענגלעכ אפֿ די פענצטער האָבנ מיט זייער ווײַסקײַט געבלענדט די אויגנ. אפֿנ בענקל איז געווענ אָנגעגרייט א נײַער מענער־אָנצוג און אנ אויסגעפּרעסט אויבערהעמד. א סימנ, אַז שטוב איז פֿאראנ א מאנצבל.

— בא אַלעמענ איז שוינ יאָמטעוו, — האָט זי צו זיכ אַליינ א זאָג געטאָנ, — און איכ קלײַב זיכ ערשט צושטעלנ די פיש.

— וואָס איז די מײַסע?

— און וואָס האָב איכ זיכ וואָס צו אײַלנ... ביז מײַנ לייזער וועט קומענ, קאָנ מענ נאָכ באווײַזנ אָפּקאָכנ אַ אָקס.

— ער איז נאָכ אַלץ ניט געקומענ פונ מערכעצ?

— וואָס פאר א מערכעצ?.. א גאנצע וואָכ איז ער בא מיר אפֿנ טײַכ. מע טרײַבט איצט מיטנ וואסער געהילצ פאר אונדזער פאבריקע, נו, איז האָט ער שוינ יענצ שטיקל ארבעט. ער איז דאָכ דער בריגא־דיר פונעם געהילצ־צעכ. איר ווילט אימ זענ, אָנ איז ער — און זי האָט מיכ צוגעפירט צום אָפענעם פענצטער, וואָס גייט ארויס צו דער טונגוסקע — אָנ שאָקלט ער זיכ דאָרטנ אפֿ די קלעצער. ווי איז מיר. כ'האָב דאָכ פארגעסנ געבנ דער בעהיימע א טרונק. זײַט מויכל, כ'קום באלד צוריק.

שוינ לאנג האָב איכ ניט געזענ אזא שיינעמ זונ־פארגאנג, אזא פרעכטיקנ הימל. דער גאנצער טײַכ איז פול געווענ מיט פארביקע רעגנבויגנס, מיט גאָלדענע סטעזשקעס, מיט פריש געהילצ, וואָס איז געגאנגענ פונ דער בײַ־אמורער טײַגע. די מעכטיקע ביימער האָבנ זיכ געהאלטנ צוזאמענ, און ס'איז עפּעס אויסגעקומענ, ווי א גאנצער וואלד וואָלט זיכ צוגעלייגט אפֿנ וואסער אָפּרוענ. באמ נידעריקנ ברעג האָבנ זיכ געטומלט עטלעכע מענטשנ פונ לייזערס בריגאדע. ער, לייזער אַליינ, איז געשטאנענ אינ טײַכ אפֿ צוויי זיכ הוידענדיקע קלעצער און איטלעכע ווײַלע פארוואָרפנ זײַנ לאנגנ שטעקנ מיטנ אײַזערנעמ האטשעק צו די שווימענדיקע ביימער, זיי זאָלנ זיכ ניט דערוווּטערנ פונ ברעג.

— ס'איז ניט געפערלעכ? — האָב איכ געפרעגט בא דער ארײַנקומענדיקער גאָלדענ, אָנווײַזנדיק אפ איר מאג, וואָס האָט ווי מיט ניסימ זיכ געהאַלטנ אפ די צוויי צעהוידעטע קלעצער.

— איכ בינ פאר אימ גאַנצ רויק, — האָט גאָלדע געענטפערט, — פארשטייט זיכ, אנ אנדערער אפ זײַנ אָרט וואָלט מיסטאמע הונדערט מאָל אינ טאָג זיכ אָפּגעטוקט אינ וואסער, אונ מיט אימ טרעפט עס סאַכאַקל צוויי—דרײַ מאָל א טאָג.

— ס'מוז דאָכ דאָרטנ אָבער זײַנ זייער טיפ.

— אווודע איז דאָרטנ טיפ, נאָר וואס פאר א פאָנעמ האָט בא אימ די טונגוסקע, אז יענער האָט פיר יאָר צײַט מילכאָמע געהאלטנ אפנ יאמ־אפנ יאמ, שווימט ווי א פיש. ווענ ער זאָל בא מיר ניט זײַנ קיינ יאמ־מענטש, וואָלט איכ אימ אזוי געלאָזט?.. ער וואָלט בא מיר געזעסנ אינ א שיפל, פונקט ווי אלע האָלצ־כאפערס. אָ, ער טויוולט זיכ שוינ ווידער, דער בריגאדיר מײַנער. שרעקט זיכ ניט, איר וועט אימ באלד ווידער זענ מיטנ שטעקנ אינ האנט.

ווירקלעכ, ס'האָט געדויערט א רעגע, אונ צווישנ די קלעצער האָט זיכ באוויזנ א קאָפּ, נאָכדעמ א פאָר אויסגעשטרעקטע הענט, אונ אינ א ווײַלע ארומ איז לייזער שוינ ווידער געשטאַנענ אפ די קלעצער אונ פארנאַרט מיטנ לאַנגנ שטעקנ דאָס געהילצ צומ נידעריקנ ברעג טײַכ.

— ער איז בא אונדז א בריגאדיר אנ אקשנ, — האָט גאָלדע זיכ אָנגערופנ, — קאָלזמאנ ער וועט ניט צושלעפנ צומ ברעג אָט דאָס געהילצ, וואָס סע גייט, וועט ער ניט ארויס פונ טײַכ. — אונ ווי זי וואָלט אימ פאר זיכ אליינ געדאַרפט פארענטפערנ, האָט זי שוינ מיט גאָר אנ אנדער נוסעכ פארגעזעצט: — מע זאָל באצײַטנס ניט פאַרכאַפּנ דאָס געהילצ, קאָנ דאָכ בלײַבנ שטיינ די גאַנצע פאבריקע. א באַלעבאָס א פויער גרייט זומער אָנ דעמ שליטנ אפ ווינטער. ווי זאָגט איר? יאָ, איר זײַט שוינ געווענ בא אונדז אפ דער

פאבריקע? ניין? אייצע איך אײַך זי טאקע אָנקוקן. דאָס מעבל, וואָס מיר לאָזן ארויס, האָט א שעם.

— איר ארבעט אויך אפ דער פאבריק?

— ווו דען זאָל איך ארבעטן? אלע, וואָס ווײנען דאָ אין שטעטל, ארבעטן אפ דער פאבריקע. מיר פארדינען דאָ גאנץ פײַן, און כוץ דעם זײַנען מיר דאָך אלטע טוישווים. יעדער פון אונדז פאר־מאָגט א שטיקל ווירטשאפט, א גערטנדל. און וואקסן וואקסט דאָ, אפ מיר שוין אזוא יאָר. נאָך גרינס און קארטאָפל גייען מיר ניט אפן מארק. עס כאפט נאָך אפ צו פארקויפן. הײַנט דער טײַך. מיר קאָנען באזאָרגן מיט פיש דעם גאנצן ראַיאָן.

— שוין לאנג, אז איר ווינט הי?

— אפ דער סאָפקע? ס'דריטע יאָר. נאָר בכלל אין דער געגנט— א יאָר פופצן. מיר האָבן פריער געוווינט אין בירָאקאן. פון טשער־קאס בין איך ארויסגעפאָרן מיטן געדאנק זיך באזעצן נאָר אין א דאָרף. נאָר אז מיר זײַנען אָנגעקומען קיין טיכאָנקע און מע האָט מיר געזאָגט — אין בירָאקאן עפנט זיך אן ארטעל פון מירמל און ס'פעלן דאָרט אוים מענטשן, האָב איך געענטפערט: שיקט מיך קיין בירָאקאן. כ'דארף זיך פאר אײַך ניט בארימען. אז איר וועט זײַן אין בירָאקאן, ט'מען אײַך דערציילן, ווי איך האָב געארבעט. געווען דאָרט אלע יאָר די ערשטע סטאכאנאָווקע. כ'האָב געהאקט די סאָפקע, אזש פונקען זײַנען געפלויגן. אין מאָסקווער מעטראָ קאָנט איר זען אונדזער בירָאקאנער מירמל. ווען דער מאן מײַנער וואָלט ניט געקומען פון דער מילכאָמע א קאָנטוזעטער, וואָלטן מיר פון דאָרט קיינמאָל ניט אוועקגעפאָרן. די דאָקטוירים האָבן אים ניט געהייסן ארבעטן בא מירמל. נאָר גאָרניט. מיר לעבן דאָ אויך ניט שלעכט. ווהיין אײַלט איר עס אזוי, רעב יאנקל?

פארבײַ דעם פענצטער איז מיט פולע עמער וואסער אין די הענט דורכגעגאנגען א קליינוווקסיקער ייִד.

— וואָס מאכט מען עפעס אין געזונט, רעב יאנקל?

— א דאנק פארן פרעגן. בעסער א ביסל, נאָר ווען ס'קומט די נאכט... אוי, גאָלדע, גאָלדע.

— ווער איז דער ייִד? — האָב איך געפרעגט בא גאָלדען, ווען דער מענטש האָט זיך דערווייטערט פון פענצטער.

— א טאטע פון פיר זין, וואָס זיינען אומגעקומען אף דער מיל־כאָמע. געבליבן, נעבעך, אף דער עלטער איינער אליין. די ערשטע צייט האָבן מיר געמיינט, דער מענטש האָט זיך גערירט. גאנ־צענע טעג איז דער מענטש געזעסן און געשוויגן. מיט גוואַלד פלעגן מיר בא אים פועלן, ער זאָל עפּעס נעמען אין מויל אריין. אפגעזעסן שיווע, איז ער געקומען אף דער פאב־ריקע און זיך געשטעלט צו דער ארבעט. איך קאָן אייך דען איבער־געבן, ווי דער מענטש ארבעט... מע זאָל אים לאָזן, וואָלט ער געמאָגט און גענעכטיקט אף דער פאבריקע. אפּאָנעם, אז אף דער ארבעט איז אים לייכטער איבערטראָגן דעם בראָך. נאָר קומט די נאכט, געפינט ער זיך ניט קיין אָרט. קאָן מען דען אזא מענטשן לאָזן אליין? די ערשטע צייט האָט בא אים גענעכטיקט מיין לייזער. נאָכדעם יונגע דער פישער, און לעצטנס האָט זיך צו אים אין שטוב אריינגעקליבן אונדזערער א שאכן. א געזינד פון פינף מאן. זיי האָבן פארלאָזן די אייגענע שטוב און זיך איבערגעקליבן צו יאנקלען, ס'זאָל אים זיין היימלעכער.

מיטאמאָל האָט זיך אן עפן געטאָן די טיר און אין שטוב איז אריינגעשפּרונגען א שווארץ באָכערל פון א יאָר פערצן־פופצן.

— דער טאטע איז נאָך ניט געקומען פון טייך?

— ווו ביסטו עס געווען דעם גאנצן אָוונט, מוישקע?

— באם רעבן!

— אזוי שפּעט? נו, וואָס האָט איר דאָרט היינט געלערנט?

— פּאָלירן טישלעך.

— וואָס פאר א שייכעס האָט דער רעבע מיט פּאָלירן טישלעך?

— ס'הייסט וואָס? — האָט גאָלדע זיך אָנגערופן. — אָ, איר

קענט נאָכ ניט אונדזער סימכענ? איכ קענ אימ פונ מיידלוויז אָנ. מײַנע ברידער האָבנ זיכ בא אימ געלערנט אינ כיידער. נאָכדעמ איז ער אוועקגעפאָרנ פונ טשערקאַס קנעלנ ערגעצ אינ א שטעטל ארומ בערדיטשעוו. ס'איז שוינ אינ דעמ א געשיכטע פונ א יאָר עטלעכע אונ דרײַסיק. איכ קומ צו פאָרנ אהער, אפ דער סאָפּקע, ערשט איכ באגעגנ סימכע דעמ מעלאַמעד. וואָס טוט איר הי? ווײַזט זיכ ארויס, ער איז שוינ לאנג אויס מעלאַמעד. געוואָרנ א סטאָליער, אונ וואָס פאר א סטאָליער — דער ערשטער באַלמעלאָכע אפ דער פאבריקע. ער דארפ שוינ זײַנ בא די זעכציק, נאָר מאכט ער א שטיקל ארבעט, איז דאָס שוינ איינמאָל געמאכט. בעקיצער, יאָ. ווענ ס'האָט זיכ אָנגעהויבנ די מילכאָמע, פריִער מיטנ דײַטש, נאָכדעמ מיט די יאפּאָנער, זײַנענ דאָכ אלע אונדזערע מאנצבלענ אוועק אפנ פראָנט, אונ אפ דער פאבריקע זײַנענ געבליבנ ארבעטנ די ווײַבער אונ דאָס ביסל יונגוואַרג. מיר האָבנ געמאכט ליזשעס פאר דער ארמיי. בײַס דער ארבעט האָט סימכע קיינ צײַט ניט געהאַט זיכ אָפּגעבנ מיטנ יונגוואַרג. אָבער נאָכ דער ארבעט פלעגט ער פארבעטנ די כעווריע צו זיכ אהיימ אונ דאָרט אײַנקנעלנ מיט זיי, וויאַזוי מע מאכט א טישל, א בענקל, א שאפע. יעדער אָוונט נאָכ דער ארבעט לערנט ער מיט אונדזערע קינדער די מעלאָכע, אונ זיי זײַנענ אזוי פארליבט אינעמ רעבנ, אז איכ קאָנ דאָס אײַכ גאָר ניט איבערגעבנ. איר ווילט צו אימ צוגיינ?

גאָלדעס יינגל, מוישקע, האָט מיכ באגלייט צו דער שטוב. וווּ עס וווינט דער אלטער סימכע.

געטראָפנ האָב איכ סימכענ זיצנ אינ א יארמעלקע בא אַנ אָפּענעמ סייפער. גאָלדע האָט געהאַט א טאָעס. ער דארפ שוינ זײַנ ניט בא די זעכציק, נאָר קאָרעוו צו זיבעציק, אָט דער מיטלוווּקסיקער פעסטער ייִד, מיטנ שיינעמ ליכטיקנ פּאָנעמ אונ דער פײַנ צעקעמטער גראָווער באָרד. אנטקעגנ אימ איז געזעסנ זײַנ פרוי, א נידעריקע פולבלעכע ייִדענע, אונ געשטריקט וואָלענע הענטשקעס, כאָטש

אינ דרויסנ האָט זיכ ערשט אָנגעהויבנ דער זומער. די ווענט זײַנענ געווענ באַהאַנגענ מיט פאַרשיידענע סטאָליער־געצײַג. אינעמ צווייטנ אַלקער זײַנענ געלעגנ אָנגעוואָרפנ פּיסלעכ צו בענקלעכ, ניט פאַרענדיקטע עטאַזשערקעס, אונ דער גאַנצער דיל — פאַרשאָטנ מיט סטרוזשקעס.

סימכע האָט מיכ פאַרבעטנ זיכ זעצנ, אונ אויפנ טיש איז באַלד געשאַפנ געוואָרנ אַ שיסל מיט געטריקנטע וואַלד־ניסלעכ.

— עפּשער ט׳איר עפּעס עסנ? — האָט דאָס ווײַב זיכ צו מיר געווענדט. — פאַראַנ אַ יויכ, פאַראַנ געפילטע פיש. נו, אונ אַ גלאָז ציקאָריע? איז זײַט זיכ מעכאַבעד מיט ניסלעכ.

— ווי לעבט זיכ עפּעס אײַכ דאָ, רעב סימכע?

— שײַעכ? מיר בויענ די געגנט. נישקאָשע, מיר וועלנ אויסבויענ אַ שיינע געגנט. אונדזערע ייִדנ קענענ אַרבעטנ. ס׳אַראַ געזונט פאָלק מיר האָבנ... אָט לייענ איכ דאַפקע סמאָליאַרס סיפּער וועגנ מינסקער געטאָ. איר זײַט אַ מייווינ, ווי מענטשנ האָבנ זיכ געבאָרעט?.. אַפילע קליינע קינדער זײַנענ געגאַנגענ אויפ מעסירעס־נעפעש.

מיר האָבנ ניט באַמערקט, ווי ס׳איז אַדורכ די צײַט אינ רייד וועגנ אונדזער סאָוועטיש לאַנד, וועגנ אונדזער ייִדיש פאָלק, וועגנ דער גרויסער צוקונפט פונ דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

ווענ איכ בינ אַרויס פונ דעמ אַלטנ סימכע, איז דער הימל שוינ געווענ געדיכט אויסגעשטערנט. איבער דער טונגוסקע איז געהאַנגענ אַ פולע לעוואָנע. אינ שטעטל איז מענ נאָכ ניט געשלאָפנ. טיר־אונ־פענצטער זײַנענ געווענ אָפנ. בײַ די גאַנעקעס זײַנענ געזעסנ אָנגעהאָרעוועטע ייִדנ אונ ווײַבער אונ געהאַט האַנאָע פונ דער שיינער פרישער זומער־נאַכט. יונגע מיידלעכ אונ באָכערימ האָבנ שפּאַצירט איבער דער באַלויכטענער הויפּט־גאַס, וואָס פירט צו די געדיכטע אַלייעס אויפנ שפּיצ פונ דער סאָפּקע. פונ טײַכ האָט זיכ גע־

הערט א פליעסקערײַ פונ וועסלעס, א שטילער אונ מונטערער גע־זאנג פונ יוגנט, וואָס איז פארליבט אינעמ לעבנ.

טאטע־מאמע הערנ זיכ צו אונ קוועלנ. טאטע־מאמע דערמאָנענ זיכ דעמ ערעוו־שאבעס אמאָליקע יאָרנ, ווענ מע האָט זיכ געפרוווט א ביסל פארגעסנ אָנ דער שווערער דײַגע־וואָכ. מע איז געזעסנ בא די שאבעסדיקע טישנ, אונ די פענעמער זײַנענ געווענ פארזאָרגט: וואָס וועט זײַנ מאָרגנ?

איצט קומט דער רו־טאָג ארײַנ אינ שטוב אָנ אויסגעלײַטערטער פונ זאָרג אונ שרעק. אונ אז עס שטייט ניט הינטער דער טיר דער גרויער, שווערער אינדערוואָכנ, איז דער רו־טאָג א חו־טאָג, דער יאָמטעוו — א יאָמטעוו.

דער ערשטער ארויספאָר

ארומ דעמ הויכנ דעפאָ־קאָרפוס אפ דער סטאנציע אינ דרייט זיכ ארומ אנ אָנגעפעלצטער מענטש. יעדע ווײַלע שטעלט ער זיכ אָפּ, רוקט ארויס פונ קאָלנער דעמ קאָפּ, ווי ער וואָלט אויסגעפרוווט אפנ שפיצ נאָז די שטעכיקײַט פונעמ פראָסט, אונ גייט זיכ ווײַטער. דער מענטש איז שוינ א פאָר מאָל געשטאנענ בא דער טיר פונ דעפאָ, אונ יעדעס מאָל איז ער פונ דאָרט אָפּגעלאָפנ מיט אזעלכע האסטיקע טריט, אז טאָמער וועט עמעצער ארויס א קוק טאָנ, זאָל מענ מיינענ, ס'איז דער ווינט. ווײַל, אייגנטלעכ, וואָס קאָנ אזוי שפעט באנאכט דארפנ האָבנ אינ דעפאָ אבוע דער שוסטער? ס'איז אָבער קיינער ניט ארויס, אונ די גרויסע אויסגעלאָשענע פענצטער האָבנ מיט דער זעל־בער גלײַכגילטיקײַט געקוקט צומ פארשלעפערטנ דרויסנ. פונ מאָל צו מאָל האָט דער ווינט געבראכט צו טראָגנ פונ דער ווײַט א פארשטיקטנ געוויי פונ א לאָקאָמאָטיוו. בא יעדנ פײַפ האָט זיכ אבוע אומגעקוקט אונ ווײַטער גענומענ ארומגייג הינ אונ צוריק ארומ דעפאָ.

— בעדיי כ'ווייס אליין ניט וואָס, נאָר באַלד כ'האָב באַ זיך גע־פּויעלט, מעגן זיך קערן וועלטן, פֿאַרפֿאַלן. וואָס איז דאָ מוירע צו האָבן?

פֿאַרביינגייענדיק, האָט ער געוואָרפֿן אַ קוק אָפּ זיין הילצערן שטיבל מיט די פֿאַרקאָוועטע פֿענצטער, וואָס שטייט פֿאַרוקט אין אַ שמאָל אויסגעקרימטן געסל. ס'האָט אים געצויגן אַריין אין שטוב, אָנוואַרעמען די הענט און פֿאַרייניוועגס שוין נאָכאַמאָל אַ פֿרעג טאָן באַ זיין פֿייגען, צי איז דער שעפּ פֿון דעפּאָ כאָטש אַ ווילער מענטש. זי מוז דאָך אים קענען, זי אַרבעט דאָך אין דעפּאָ.

נאָר צוריק אין שטוב איז אָבער ניט אַריין. ער האָט אַזויפֿיל גע־וואַרט אָפּ אָט דער נאַכט — זאָל ער זי מיטאַמאָל דורכלאָזן? ניין, פֿאַר קיין שום פֿאַל.

— וויל מימאָנעפּשעך, — האָט ער איינגעטייניעט מיט זיך אַליין, גלייך עמעצער זאָל די גאַנצע צייט נאָכגיין און האַלטן אים אין איין אָפּריידן, — מימאָנעפּשעך, וועט זיך אויסלאָזן צום גוטן, איז דאָך אַוואַדע רעכט. עלע ניט, גיי איך מיר צוריק אין אַרטעל, ווידער אַ שוסטער. אַז וואָס ווער איך דאָ אָן? — און ער האָט אָנ־עפּן געטאָן די שווערע טיר פֿונעם דעפּאָ־קאָרפּוס.

אַריין אין פּירהויז, האָט אָבער פֿאַנאַנדערגעשפּיליעט דעם פּעלץ, אַראָפּגעלייגט דעם קאָלנער, פֿאַרקעמט מיט די פֿינגער די שיטערע הערלעך, וואָס זיינען געבליבן ליגן אָפּן קאָפּ מיט אַ גלאַנץ, גלייך ער וואָלט זיי געשמירט מיט שוואַקס, זיך אויסגעהוסט און אַריינ־געשטעלט זיך צום שעפּ פֿון דעפּאָ.

— איך בין פֿון די נייע איבערוואַנדערער. כ'האָב זיך שוין לאַנג געקליבן צו אייך אַריינגיין, און אויב איך בין שוין יאָ אַריין, וועל איך פֿונדאַנען ניט אַוועק, ביז איר וועט ניט באַפֿרידיקן מיין ביטע.

ער האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ צונויפֿגעלייגט פּאַפּירל, עס אַוועקגעלייגט אָפּן טיש און טאַקע גלייך אָפּן אָרט געפֿרעגט:

— נו? וועט איר מיכ צונעמענ ארבעטנ אפּ א לאָקאָמאָטיוו?

— אונ ביז איצט וואָס האָט איר געטאָנ?

—א שוסטער. אלע יאָרנ א שוסטער. פונ קלײנווײַז אָנ א שוסטער. אָט דאָ איז אָנגעשריבנ וועגנ דעמ.

— אונ פארוואָס ווילט איר בײַטנ אײַער פראָפעסיע?

אָט אָפּ אזא פראגע האָט אבע זיכ שוינ גראָד געריכט. נאָר וואָס ענטפערט מענ אָט דעמ מענטשנ מיט די דורכדרינגלעכע אויגנ? זאָגנ א ליגנ, ס'איז ניטאָ קײנ ארבעט? ניינ, פארקערט, ארבעט איז דאָ איבערנ קאָפּ, אונ פארדינענ פארדינט ער אויכ ניט שלעכט. ניט ווייניקער אונ עפּשער טאקע מער וויפל אינ יאמפּאָל, פונוואנענ ער איז הײַנטיקנ ווינטער אהער געקומענ. אויב אזוי, איז פארוואָס זשע וויל ער וואַרפנ שוסטערײַ אונ ווערנ א מאשיניסט? עפּעס איז אימ דאָכ ניט קיינ אכצנ יאָר, ער איז דאָכ א טאטע פונ גרויסע קינדער.

דער שעפ, א הויכער בלאָנדער רוס מיט שטרענגע טיפע אויגנ, האָט באטראכט דעמ קליינוווּקסיקנ שווארצנ אבענ, וועלכער איז געשטאנענ לעבנ טיש אונ געצוקט מיט די אקסלענ. דער שעפ האָט בא אימ מער גארנישט געפרעגט, גלײַכ אינ אבעס אויגנ וואָלט ער געפונענ דעמ ענטפער -- פארוואָס וויל אָט דער מענטש מיטאמאָל ווערנ א מאשיניסט.

אבע שטייט באמ טיש. ער זעט מער ניט פאר זיכ דעמ שעפ, דעמ ווײַסנ פראָסטיקנ דרויסנ, וואָס אפּ יענער זײַט פענצטער. ער זעט אצינד גאָר א שטילנ וואָקזאל אינ א זומערדיקנ אָוונט. פונ גרויסע ווײַטע שטעט קומענ צו לויפנ האסטיקע צוגנ, אונ ער, אבע, א קליינ באָרוועס יינגל, שטייט אפּ דער פלאטפאָרמע אונ קאָנ ניט אָפּרײַסנ די אויגנ פונ די הויכע גלאנציקע רעדער, פונ די טונקל־גרינע וואָגאָנעס. עפּעס אזויפיל בענקשאפט האָט יעדער אוועקגייענדיקער צוג נאָכ זיכ געלאָזט... צו קנאפּע צענ יאָר איז ער שוינ געזעסנ אפּ אנ אויסגעריבנ שוסטער־בענקל, געפלאָכטנ דראטווע, געלאטעט אלטע שקראבעס, אונ אזוי זײַנענ אוועק יאָרנ נאָכ יאָרנ. מ'האָט בא אימ

רעגן געפּרוּווט, צי וויל ער זיצן פון קאַיאַר ביז טיפער נאַכט בא א פלויענדיק קאַנעצל און אַרבעטן אויף יענעם, אַרויסוואַרפן זיינע יאָרן, ווי מע וואַרפט אַרויס אויפן מיסטקאַסטן אָפּגעניצטע שיך?

— מיין פייגע, פייגע אַייננבינדער, קענט איר? — האָט אַבע מיטאַמאָל האַסטיק אָנגעהויבן ריידן. — זי איז אַן איבערגעגעבענע צו דער אַרבעט? אָט אַזאַ סאָרט מענטש בין איך אויך. איך האָב שטאַרק בײשעק ווערן א מאַשיניסט... עס וועט אייך ניט פאַרדריסן, באַוועער נאַטשאַלניק, — האָט ער אַרויסגערעדט מיט האַרץ.

פון צעטומלטקייט האָט אַבע אַפילו פאַרגעסן זיך געזעגענען מיטן שעף. דאָס היטל האָט ער אָנגעטאָן ערשט דערמאָנט, ווען ער איז שוין געווען ווייט פון דעפּאָ. ער איז געלאָפן צווישן די רעלסן, געפּאַבעט מיט די ברייטע אַרבל פון פעלץ. אין אָט דער רעגע האָט עפּעס גאָר אַנדערש אויסגעזען פאַר אים די וועלט. ער האָט די גאַנצע צייט געקוקט, צי זיינען גאַנץ די רעלסן. ער האָט געוואָלט צוגיין פרעגן, פאַרוואָס פּוסטעווען וואַגאָנעס. עפּעס איז ער דאָך איצט באַלעבאָס. ווי קאָן ער עס דערלאָזן, ס׳זאָלן פּוסטעווען וואַגאָנעס.

באַנאַכט איז אַבע עטלעכע מאָל אַראָפּגעקראָכן פון בעט זען, צי ס׳איז נאָך פאַראַן די לעוואָנע. וויפל ער האָט ניט געפּרוּווט זיך איבערדעקן מיט דער קאָלדרע, שטאַרקער צושליסן די אויגן, איז דער שלאָף סיי־ווי ניט געקומען. דאָס האַרץ האָט אים עטלעכע ווײלע אופגעוועקט, ניט געלאָזט רוען. דערוואַרט זיך אויפן ערשטן קריי פון די העגער, האָט ער זיך באַלד אָנגעטאָן און גענומען וועקן פייגען:

— פייגע, דוכט זיך, ס׳טאָגט שוין, אַ, פייגע?

ביז היינט האָט ער פון איר אויסבאַהאַלטן דעם סאָד. אָבער איצט מעג ער איר דאָך שוין אויסזאָגן.

— פייגע, דו ווייסט, אַז איך גיי היינט אין דעפּאָ? — האָט אַבע אַ פרעג געטאָן אויף ציקאַוועס, וואָס וועט זי דערויף זאָגן.

פייגע האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און האָט גאַרנישט געענטפערט.

פונקט זי וואלט ניט דערהערט אונ ווארט, ער זאל נאכאמאל איבערבאזערנ.

— וואס קוקסטו אזוי אפ מיר? איכ גיי אינ דעפא. וואב פארשטייסטו דא ניט?

— גייסט עמעצנ אראפנעמענ א מאס?

— א מאס? נו יא. פארשטייט זיכ. א מאס.

— רופט מענ דיכ, זאגסטו, אבע איינגבינדער? אונ מיכ רופט מענ זואסיל טיכאנאוו. איז אט וואס, אבע. באלד מיר הייבנ אנ צוזאמענ ארבעטנ, וויל איכ, זאלסט מיר זאגנ: ווילסט טאקע אפאנעמעסנ ווערנ א מאשיניסט? נו, אויב אזוי, האסטו אויסגעקליבנ א גוטנ פאכ. א סאכ איבערוואנדערער האבנ זיכ באי מיר געלערנט. גוטע מאשיניסטנ געווארנ. — אונ וואסיל טיכאנאוו, א הויכער ברייטפלייציקער יונגערמאנ, האט פארבעטנ אבענ צו זיכ אינ לאקאמאטיוו.

ווענ טיכאנאוו איז אפ א קורצער צייט פארשוואונדנ אינ דעפא, האט אבע פונדעסטוועגנ א טראכט געטאנ: עפשער גיינ צוריק אינ ארטעל. דערווייל איז נאכ ניט שפעט. דא איז עפעס זייער מאדנע. ער איז, דאכט זיכ, לאכלוטנ זיכער, אז דער לאקאמאטיוו שטייט אפ איינ ארט, היינט פארוואס זשע זשומעט עס אים אזוי געפערלעכ אינ די אויערנ? מיטאמאל דערפילט ער, אז די אנעטשעס אפ די פיס ווערנ שווער אונ קלעפיק, א פראסט פארגייט אונטער די נעגל. אבע קוקט זיכ ארומ אונ דערזעט: פונ א געפלאצטער טרויב כליופעט וואסער, דאס וואסער ווערט וואס אמאל העכער אונ העכער. נייג. מע דארפ באצייטנס זיכ אפטראגנ פונדאנענ. אפאנעמ, ניט פאר אזעלכע, ווי ער, איז אט די ארבעט. אבע רירט זיכ אבער נישט פונעמ ארט. ער איז ווי א טייל פונ דער מאשינ, וואס רירנ פונעמ ארט קאנ אימ נאר א מענטש.

— וואס שטייסטו אינ וואסער?! קריכ אפנ קעסל!

— האָ? — האָט אבע אזש אופגעציטערט פונ דער אומגעריכטער שטימ. ער האָט מיט די הענט זיכ אָנגעכאַפּט אָנ די קראַנענ, פאַרוואָרפנ א פוס אונ זיכ גלײַכ אראָפּגעגליטשט אפ צוריק. דערזענ, אז טיכאָנאָוו לאַכט ניט פונ אימ, האָט ער פונסנײַ גענומענ קלעטערנ. דאָס הארצ האָט בא אימ געקלאַפּט, ווי ער וואָלט געזעסנ אפ א ווילדפערד, וואָס וועט אימ באַלד צעטראָגנ.

טיכאָנאָוו האָט אצינד קיינ צײַט ניט געהאט צו קוקנ אפ אבעס בלייכער נאָז, אפ די דערשראָקענע אויגנ זײַנע. מע דאַרפ זיכ באַלד לאָזנ אינ וועג, אונ דאָ האָט גאָר מיטאמאָל געפּלאַצט א טרויב. האָט ער דערווײַל אײַנגעשטופּט אבענ א האמער, זאָל ער עפּעס טאָנ, זאָל ער כאָטש פאַרבייגנ א שטיק אָפּגעשפּרונגענעמ בלעכ לעבנ פענצטער.

וויאַזוי צו באַגײנ זיכ מיט א האמער, איז שוינ פאַר אבענ גראָד קיינ נײַס ניט. ווייניק פאָדעשוועס איז אימ אפ זײַנ לעבנ אויסגעקומענ צוקלאַפּנ? דערבײַ האָט אבע אָפּטמאָל פאַרגעסנ, אז ס'איז ניט קיינ לעדערנע פאָדעשווע, אונ ער האָט זיכ עטלעכע מאָל געכאַפּט צומ מויל ארויסנעמענ א צוועקל.

טיכאָנאָוו איז ווידעראמאָל פאַרשווּנדנ אינ דעפּאָ. אבע איז געשטאַנענ לעבנ לאָקאָמאָטיוו, עטלעכע מאָל אויסגעפּרוווט זיכ, צי קאָנ ער פלינק ארופ אונ אראָפּ פונ די טרעפּלעכ. ער באַטראַכט די גלאַנציקע רעדער, וויל דערגײנ, וויאַזוי עס הייבנ זיי אָנ באַוועגנ די וואַקל־שטאַנגענ, אָט ווי קינדווײַז שוינ אמאָל געוואָלט דערגײנ, מיט וועלכנ פוס עס הייבט אָנ גײנ א פערד.

פאָרנ אינ צוג איז פאַר אבענ גראָד קיינ נײַס ניט. ער איז שוינ אפ זײַנ לעבנ ניט איינ מאָל געפאָרנ פונ יאמפּאָל קיינ קיעוו, פאַסטאָוו, בעלאָצערקאָוו, אונ וואָס דאַרפ מענ מער, ווי אזא מעהאַלעכ יאמפּאָל — בירָאָבידזשאַנ. ער פלעגט ליגנ צעלייגט אפ דער דריטער פּאָליצע. אראָפּקוקנ אפ אונטנ אינ פענצטער, ווי ס'דרייענ זיכ די ברייטע פעלדער, ווי ס'לויפנ פאַרבײַ די טעלעגראַפ־סלופּעס. א כיעס

צו פאָרנ אינ אַ צוג. אָבער איצינד פאָרט ער ניט ווי אַ פאַסאַזשיר. אצינד פירט ער מיט טיכאָנאָוונ דעם צוג. דערווײַל איז ער דער קעסל־הייצער. נאָר מיט דער צײַט וועט ער דאָכ זײַנ אַ מאַשיניסט.

די ערשטע קילאָמעטערס וועג איז ער אַזוי געווענ פאַרטראָגנ, אַז ער האָט לאַכלוטנ גאָרניט באַמערקט. ערשט שפּעטער האָט ער דערפילט, אַז ס׳ברענענ אימ די הענט. דאָס העמד קלעפּט זיכ צומ לײַב, אונ אינ די אויערנ שטייט אַ גערויש. דער פלאַמ אינ אויוונ ווערט טינקעלער. אַבע וויל גיכער וואַרפנ די לאָפּעטעס קוילנ, נאָר ס׳פאָלגנ אימ ניט די קויכעס. פאַר די אויגנ הרייענ זיכ שוואַרצע רייפנ, ס׳איז אימ שווער, זייער שווער.

— ווער יאָגט דיכ? מיינסט, איכ בינ גלײַכ פונעמ ערשטנ מאָל געוואָרנ אַ מאַשיניסט? רו זיכ אָפּ, — אונ טיכאָנאָוו האָט אַליינ זיכ אַוועקגעשטעלט וואַרפנ די קוילנ.

אַבע איז געזעסנ אַנטקעגנ, געקוקט, ווי לײַכט אונ געשיקט וואַסיל וואַרפט עס די פולע לאָפּעטעס אונ די קוילנ לייגנ זיכ פלאַסטנווײַז אָפנ פײַער, פונקט עמעצער וואָלט זיי דאָרטנ פאַנאַנדערגעשאַרט מיט די הענט. ס׳האָט אימ מיטאַמאָל אָנגעכאַפּט אַ פאַרדראָס אָפ זיכ.

— לאָז מיכ, — איז אַבע אונטערגעשפּרונגענ פונעמ אָרט. — מיינסט, ס׳איז מיר שווער? ס׳איז פאַשעט פונ ניט געוווינטקייט. כ׳וועל זיכ צוגעוווינענ. לאָז מיכ.

נאָר אינ אַ ווײַלע אַרומ האָבנ אימ ווידער אָנגעהויבנ ברענענ די הענט, די ביינער, אַזש די הויט טרעשטשעט אָפ זיי. פונקט זיי וואָלטנ זיכ צעוואַקסנ. די פיס ווערנ אַלצ שווערער אונ שווערער. אַבע האָט פאַרשוויגנ, אַז עס זײַנענ בײַ אימ נאָס די אָנעטשעס. פאַרנ אָפּגייענ פונ צוג האָט ער געוואָלט בעטנ טיכאָנאָוונ, ער זאָל אימ אָפּלאָזנ אַהיימ זיכ איבערטאָנ, אויסטריקענענ די וואַליקעס. נאָר ווי גייט מענ עס אַוועק? ביז מ׳וועט געפינענ אַנ אַנדערנ אָפ זײַנ אָרט, קאָנ זיכ דאָכ דערווײַל פאַרהאַלטנ דער צוג. ס׳ניט קיינ אַרטעל. אונ ווידער — ס׳האָט פאַשעט ניט געפּאַסט.

— הער, אבע, — האָט אימ טיכאָנאָוו א טארקע געטאָנ פארנ אקסל, — האָסט געזענ, ווי איכ האָב אינ גאנג פונעמ צונ געביטנ די זשעזלע? עפשער וועסטו איצטער אלײנ א פרוו טאָנ? האָב ניט מוירע.

— מוירע? וואָס איז דאָ פאראנ מוירע צו האָבנ? גיב א הער.

אָנגעטאָנ אפנ עלנבויגנ די זשעזלע, איז אבע צוגעגאנגענ צו דער אָפענער טיר אונ באלד אָפגעשפרונגענ אפ צוריק. ער האָט נאָכ קײנמאָל ניט געזענ אזא האסטיק לויפנדיקע ערד. דער פאָלוסטאנאָק ווערט אלץ נעענטער. דער לאָקאָמאָטיוו צוזאמענ מיטנ ווינט וויענ געפערלעכ שטארק, גלײכ זיי ווילנ אימ אראָפשלײדערנ אפ דער ערד. אבע האָט אָנגענומענ א פולע ברוסט מיט לופט, איז פאָרזיכטיק אראָפגעקראָכנ נידעריקער אפ א טרעפל אונ מיט בײדע הענט זיכ אָנגעכאפט פארנ אנזוערנעמ הענטל, וואָס איז געווענ צעגליט פונ פראָסט. די וויעס זײנענ אימ אראָפגעפאלנ איבער די אויגנ. ער זעט טאקע לאכלוטנ גאָרניט. ער הערט נאָר, ווי ס'ברעקלט זיכ די ערד אונטער די האסטיקע רעדער, ווי ס'בושעוועט דער שנײ מיטנ ווינט. דער ווינט וויל אימ אראָפשלעפנ. אבע קריצט שטארק צונויפ די צײנ, האלט זיכ פעסט פארנ הענטל, גלײכ ווי ער וואָלט געהאלטנ זײנ אײגנ לעבנ אינ די הענט.

ווענ ער האָט אופגעעפנט די אויגנ, איז דער צוג שוינ געגאנגענ פאמעלעכער. דער פאָלוסטאנאָק איז געבליבנ פונ הינטנ. אנטקעגנ זײנענ אלץ געלאָפנ די טעלעגראפ־סלופעס. א פארשנײטע ראכוועס אונ א קלאָרער שנײיִקער הימל. אפנ ארבל, אינ ווײסנ פראָסט, איז געהאנגענ די זשעזלע.

צי דענ האָט ער זי טאקע ניט אראָפגעוואָרפנ?

נײנ. טיכאָנאָוו האָט אראָפגעוואָרפנ אָנשטאָט אימ. טיכאָנאָוו האָט ביט געשריענ אפ אימ. ער האָט אימ אפילע א צווייטנ מאָל אָנגעטרויט די זשעזלע אונ דערבײ א פרעג געטאָנ:

— זאָג, האָסט ניט קײנ כאראָטע?

— כאראָטע, פארוואָס זאָל ער האָבנ כאראָטע? ער פילט זיכ אָבער שטארק מיד, זייער מיד. נאָר כאראָטע? ניינ, קיינ כאראָטע האָט ער ניט.

צוריק קיינ אינ זײַנע זיי אָנגעקומענ ארומ האלבע נאכט. אבע איז א לאנגע צײַט נאָכ געשטאנענ באמ לאָקאָמאָטיוו אונ געקלערט, ווו איז ער עס ביז אהער געווענ. ס׳האָט זיכ אימ ניט געגלייבט, אז די ערד אונטער די פיס קאָנ זײַנ אזא רויקע, ווי דאָס גאנצע לעבנ זײַנס אפנ שוסטער־בענקעלע. ער וואָלט גרײַלעכ וועלנ וויסנ, וואָס פאר א טאָג איז הײַנט. אָט דעמ טאָג וועט ער דאָכ קיינמאָל ניט פארגעסנ. ווי מיד ער איז ניט אצינד, וואָלט ער פונדעסטוועגנ זיכ נאָכאמאָל געלאָזט אינ רייס. אָט זאָל נאָר טיכאָנאָוו זאָגנ איינ וואָרט.

דערקליבנ זיכ אהיימ, האָט ער זיכ גלײַכ ארײַנגעוואלגערט אינ בעט, אונ ס׳האָבנ זיכ אימ מיטאמאָל גענומענ פלאָנטערנ עפּעס מאָדנע כאלוימעס.

אָט דערזעט ער פאר זיכ א שטילנ זומערדיקנ אָוונט. דער שטויב זעצט זיכ אפ די שטעטלדיקע קלאדקעס. צוזאמענ מיט גענדז אונ ענטלעכ באָדט זיכ אינ די סאזשאלקעס די זונ. אבע גייט ארומ איבער די שטילע יאמפּאָלער געסלעכ. פונ הינטנ גייענ נאָכ יידנ מיט קלומקעס. מע באגלייט אימ ביז דער סאמע פלאטפאָרמע. דאָ שטעלנ זיי זיכ אלע אוועק באטראכטנ דעמ לאָקאָמאָטיוו, די וואגאָנעס, נאָכדעמ קריכנ זיי ארופ אפ די טרעפּלעכ, אפ די דעכער, אבע זעצט זיכ ארײַנ אינ לאָקאָמאָטיוו, גיט אָפּ א לעצטנ גרוס יאמפּאָלער געסלעכ אונ פירט פונדאנענ אוועק א גאנצנ עשעלאָנ איבערוואנדערער קיינ ביראָבידזשאנ.

אונ אָט באָלעמט זיכ אימ, אז ער איז ווידער אינ ארטעל. אינ גרויסנ צימער, אפ נידעריקע בענקלעכ, זיצנ די שוסטערס. אפ די הויכע טישנ, די פיס אונטער זיכ, זיצנ עטלעכע שנײַדער אונ נייענ וואטענע בורקעס. מיטאמאָל כאפּט אימ עמעצער אָנ פאר ביידע פיס, אונ מע הייבט אימ אָנ קלאפּנ צוועקלעכ אינ די פּיאטעס. פונ ווייטעק

פאַרקלעמט אים אַזוי דאָס האַרצ, אַז ער קאָנ שוינ גאָר אַפילע ניט שרײַענ.

— אבע, וואָס איז מיט דיר? וואָס שרײַסטו?

אבע האָט זיכ אויפגעכאַפּט אונ דערזענ: איז פענצטער איז שוינ גרויער טאָג, לעבנ אים שטייט פייגע.

— אבע, וואָס איז מיט דיר? א נאַכט, אַז דו האַלטסט אינ איינ שרײַענ.

זי האָט אים צוגעלייגט די האַנט צום שטערנ.

— ס'א קלייניקײַט, — האָט אבע זי באַרויקט, — איכ האָב א ביסל צוגעקילט די פיס.

עטלעכע טעג איז ער דערנאָכ אָפּגעלעגנ צו בעט. אינ די אָפּדער־נאַכטנ זײַנענ אים געקומענ געווירע ווערנ די שוסטערס פונ אַרטעל. זיי האָבנ אים פאַרכידעשט אָנגעקוקט אונ פאַרנ אַוועקגיינ איבער־געטאַוזערט איינס אונ דאָס זעלבע:

— אַז צו וואָס האָט עס דיר אײַנגעטלעכ געניצט? יכעס זיכ גע־וואָלט אײַנקויפנ. ס'פּאַסט דיר שוינ ניט זײַנ קיינ שוסטער? — אונ מ'איז אַוועק פונ אים מיט א זיכערקײַט, אַז אבע וועט זיכ צוריק אומ־קערנ אינ אַרטעל.

ווי נאָר א פרײַער אָפּדערנאַכט, פלעגט אים קומענ געווירע ווערנ טיכאָנאָוו. טיכאָנאָוו פלעגט לאַנג אָפּזיצנ לעבנ אים באַם בעט אונ דערציילנ, וויאַזוי מע האָט אים געלערנט ווערנ א מאַשיניסט, אונ פאַרנ אַוועקגיינ האָט ער אים שטענדיק געפרעגט:

— נו, האָסט ניט קיינ כאַראַטע?

ס'איז ווידער אויפגעפאַלנ א בלויער פּראָסטיקער פרימאָרגנ. אינ טיפנ הימל האָבנ נאָכ געבעכטיקט איינצלנע שטערנ. אבע איז געשטאַנענ לעבנ דער טיר פונ זײַנ שטוב אונ געקוקט אָפנ גרויסנ שלאָפעדיקנ שטעטל. צוויי וועגנ זײַנענ געלעגנ בא דער שוועל. רעכטס — דער וועג, וועלכער פירט אינ אַרטעל; קעגניבער, לענגויס די רעלסנ — די דעפּאָ. וווהינ זשע זאָל ער זיכ לאָזנ?

לאַנג טראַכטנ איז אבער ניט אויסגעקומענ. די שטאַלענע רעלסנ האָבנ אימ אליינ געבראַכט צו פירנ צו דער הויכער געבירגע פונ דער ליכטיקער דעפּאָ.

קולדור

יעדער אינדערפרי גייט אָפּ פונ דער סטאַנציע איזוועסטקאָווע א צוג צומ באַריומטנ בירָאָבידזשאַנער קוראָרט קולדור. נאָכ גאָר ניט לאַנג איז דער איינציקער וועג אפּ קולדור געלעגנ דורכ דער טייגע. ווינטער איז מענ אַהינ געפאָרנ אָפּ שליטנס, זומער — אָפּ אויטאָס. אָבער פרילינג אונ האַרבסט, ווענ דער וועג איז געווענ צעשווענקט, האָט מענ געמוזט גיינ צופוס.

מיט דער באַנ, פאַרשטייט זיכ, איז א סאַכ באַקוועמער אונ גיכער; פונדעסטוועגנ זײַנענ נאָכ פאַראַנ באַלאָנימ, וואָס נוצנ זיכ מיטנ אלטנ בירָאָקאַנער וועג.

די אַרטעלניקעס פונ „ערשטנ מײַ“, וועלכע האָבנ זיכ געקליבנ אָפּ א גאַנצנ כוידעש אָפּרוענ אינ קולדור, האָבנ מיכ צוגערעדט גיינ אַהינ צופוס.

— ס'וועט אײַכ דאָפּקע ניט פאַרדריסנ. איר האָט נאָכ אזא שיינ־קײַט ניט געזענ.

פונ בירָאָקאַנ זײַנענ מיר ארויס גאַנצ פרי, ס'איז געווענ א פראָס־טיקער זוניקער באַגינענ. זיכ ארופגעקליבנ אפנ הויכנ בירָאָקאַנער באַרג, האָבנ מײַנע מיטגייער זיכ אָפּגעשטעלט באַטראַכטנ, ווי די זונ טרעט זיכ ארויס צווישנ די פאַרשנייטע בערג א גאָלדענע סטעזשקע. דער הימל איבער די בערג — בלוי ווי א יאַמ, אונ דער שניי — ווײַס ווי זילבער. אונטנ זײַנענ געלעגנ, ווי א פאַנאַנדערגעלאָפּענע טשערעדע שאָפּ, די הײַזער פונ בירָאָקאַנ.

— נו, וואָס, מירנ גיינ, — האָט איינער פונ די אַרטעלניקעס, א מיטלוואַקסיקער באַוואַקסענער ייִד, א באָנדער, א זאָג געטאָנ צו זיכ אַליינ. אונ מיר האָבנ פאַרזיכטיק זיכ אַראָפּגעלאָזט אינ טאָל.

ווי געדיכטע וואָלקנס פאַר אַ גוס־רעגן האָבן פון אַלע זײַטן זיך גענומען אַף אונדז רוקן די פאַרוואַקסענע בערג. אָפּטמאָל האָט זיך אונדז אויסגעגעבן, אַז די גאַנצע אַרויף־ און אַראָפּ־בערגיקע ווײַט איז אַ גרויסער צעאַקערטער סטעפּ, און ס'ליגט אַף אים דער הימל ווי אַ מוטנער סאַפּפֿירילינגדיקער שניי. די אַרטעלניקעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט, זיך אומגעקוקט אַף צוריק און דערבײַ אַרויסגעלאָזט פון זיך אַ מאָדנעם קלאַנג, פון וועלכן ס'איז שווער געווען צו וויסן: צי ס'טוט זיי האַנאָע, צי ווילן זיי גיין צוריק. מיט יעדן ווײַטערדיקן טראָט איז דער שניי געוואָרן טיפער, דער הימל — טינקעלער. אַרום און אַרום — אַ מאָדנע, פאַרטײַעטע שטילקײַט. מע הערט, דאַכט זיך, ווי די ערד הייבט אַף אירע אַקסלען דעם געדיכטן וואַלד אַלץ העכער צו די וואָלקנס.

— טשיקאַווע, — האָט זיך אָנגערופן איינער פון די אַרטעלניקעס, אַ קליינוווּקסיקער מענטש, וועלכער האַלט די גאַנצע צײַט אין איין פּאַכען מיט די לאַנגע אַרבל פונעם פּעלץ, — אַז ווו דו טוסט נישט אַ קוק, איז לויטער וואַלד און לויטער בערג. מע זאָל כאָטש אָנזען אַ סימען פון וועג. אָסער, אויב איך הייב אָן פאַרשטיין, וויאַזוי מיר זײַנען פאַרקראָכן אַהער.

דער מענטש איז בעפֿיירעש גערעכט. דער שמאָלער וועג, וועלכער האָט אונדז אַהער דערפֿירט, האָט זיך מיטאַמאָל באַהאַלטן, און ס'איז אויסגעקומען, אַז די גאַנצע צײַט זײַנען מיר געגאַנגען איבערן קאָפּ פונעם פאַרפלאָנטערטן, ניט־גערירטן וואַלד. די טײַגע איז דאָ אַזוי געדיכט, אַז דעם וועג קומט איטלעכע ווײַלע אויס בײַטן די ריכטונג. ווי אַ קוואַל צווישן פעלדזן, אַזוי נישטערט דאָ דער וועג זיך אַ דורכגאַנג צווישן די ביימער און בערג.

מיטאַמאָל האָט לייבע פייגלמאַן, דער, וועלכער זאָגט וועגן זיך, אַז ער קען די טײַגע בעסער ווי זײַנע צען פינגער, אויסגעשריען צו אונדז:

— א שטיבל!

אין דער נידער, ווי אן איבערגעקערטער וואגן, וואס האט זיך אראפגעקייקלט פון בארג, האט זיך געוואלגערט א הילצערן שטיבל. אפ פייגלמאנס געשריי „א־הו!" האט זיך קיינער ניט אפגערופן. איינזאם און פארגעסן איז אין טייגע געשטאנען דאס דאזיקע הייזל. און דא האט לייבע פייגלמאן ארויסגעוויזן זיין קענטשאפט.

— אמאליקע יארן, — האט ער געגעבן צו דערקלערן, — ווען בירא־בידזשאן איז נאך געווען טיכאנקע, פלעגט זיך דא קעסידער רייבערן דער קוימען. א קיילעכיק יאר איז אט דער וועג, מיט וועלכן מיר גייען מיט אייך אצינד, פול געווען מיט מענטשן, וואס פלעגן זיך שלעפן אהער צופוס אזש פון הינטער בייקאל, אזש פון הינטער די סומארער גאלד־גרובן, פון די וייטע ביי־אמורער דערפער. מע איז גע־גאנגען קיין קולדור. עס זיינען געגאנגען בלינדע, קרעציקע, הינקע־דיקע. אפ די רוקנס — אנגעזאטלט טארבעס מיט פארטריקנטע סקא־רינקעס, קניפלעך זאלץ, בינטלעך קנאבל. דא, אין אט דעם שטיבל, פלעגט מען זיך אפשטעלן. ווינטער זיינען דא אפטע געסט געווען יעגערס. לויטן איינגעשטעלטן מינהעג, פלעגן די יעגערס איבערלאזן אפן שוועל א בינטל האלץ און אין אייוועלע — צעגליטע קוילן, ס'זאל זיך דא קיינמאל ניט אויסלעשן דאס פייער. און איצט... אנדערע צייטן.

אין די לאנגע זומער־טעג שלעפן זיך שוין דא מער ניט קיין הינ־קעדיקע, בלינדע טאפן שוין מער ניט צווישן די בערג דעם וועג. די יעגערס האבן זיך שוין לאנג אריבערגעקליבן אפ יענער זייט קולדור, ווו דער שטוי איז ניט באטראטן. שטייט דאס שטיבל איינזאם און פארגעסן, ווי אן אויסגעשעפטער ברונעם.

נאר ווייבאלד ס'האט זיך באוויזן דאס שטיבל, הייסט עס, אז אינ־גיכן דארף שוין זיין די „פאלאווינקע", די אכסאניע אפן מיטן וועג.

און ווירקלעך, נאך א שא גאנג האבן מיר דערהערט א בילן פון הינט, דורכן געדיכטן ביימער־געפלעכט האט זיך אויסגעשיילט א ווייס

שטיבל, א ברונעמ און א פּאָר שטאלנ. ס'איז צו אונדז ארויסגעגאנגענ אנ אלטיטשקע פויערטע און פארבעטנ צו זיך אינ שטוב.

אראָפּגעוואָרפנ פונ זיך די פּעלצנ, די וואַליקעס, האָבנ מיר זיך צוגעזעצט צו דער אויסגעהייצטער הרובע. אינמיטנ צימער, אפ א נידעריק בענקעלע, איז געזעסנ אנ אלטיטשקער מיט א מאָכיק־פארוואקסנ פּאָנעמ און געריניקט א ביקס. אינ די איבעריקע צוויי צימערנ זיינענ געשטאנענ עטלעכע צוגעקליבענע בעטנ, וואָס ווארטנ אפ פארבייפּאָרער. דער אלטער איז די גאנצע צייט געזעסנ צו אונדז מיט דער פּלייצע, זיך געפּאָרקעט מיט דער יעגער־ביקס און געשוויגנ.

— זיידע, וויפל יאָר וווינט איר שוינ הי?

דער אלטער האָט א קוק געטאָנ אפ פייגלמאנענ מיט זיינע קליינע פארכאָלעמטע אויגנ, אָפּגעשארט מיט די פינגער די גרויע האָר פונ ביידע מויל־ווינקלענ און א פּאָכ געטאָנ מיט דער האנט.

— ווער געדענקט עס.

אינ א ווײַלע ארומ האָט ער זיך ווידער אָנגערופנ:

— אמאָל איז דאָ געווענ גאָר עפּעס אנדערש. אמאָל זיינענ דאָ געווענ א סאך ביימ. און איצט?.. א וואָכ אומגעבלאָנקעט אינ דער טײַגע און קימאט גאָרניט געכאפּט.

— און איר האָט גאָר ניט מוירע פארבלאָנדזשענ אינ דער טײַגע?

— וואָס איז עס, א שטאָט, איך זאָל בלאָנדזשענ? — און ער האָט ווידער גענומענ זיך פּאָרקענ בא דער ביקס.

די אלטיטשקע האָט מעכאבעד געווענ די געסט מיט טיי, געבריטע מילכ און, שטייענדיק בא דער הרובע, דערציילט:

— צוריק מיט א יאָר דרײַסיק — פינפ און דרײַסיק, איך געדענק שוינ איצט ניט אקוראט, האָט מענ אינ סוטאר אפ די גאָלד־גרובנ, ווו מיר האָבנ דעמלט געווינט, געהאט דערציילט, אז אינ קולדור איז פאַראנ אזא וואסער, וואָס קערט אומ דעם מענטשנ די אָפּגענומענע פיס. בא מײַנעמ זיינענ דעמלט געווענ זייער קראנקע פיס. נו, האָבנ מיר זיך געלאָזט פונ סוטאר אזש אהער. צופוס זיינענ מיר געגאנגענ. קיינ

צוגן זײַנען נאָך דעמלט ניט געווען. א זומער צײַט איז דער אַלטער מײַנער אָפּגעווען אין א גרוב מיט וואַסער. קיין וואַנעס זײַנען נאָך דעמלט דאָ ניט געווען. ס׳האָט אים אָבער פאַרן זומער דאָס וואַסער ניט געהאָלפן. זײַנען מיר פאַרבליבן נאָך אַף א זומער. געוווינט האָבן מיר דאָ, אין דער דאָזיקער שטוב. שפּעטער, ווען דעם אַלטן מײַנעם איז געוואָרן בעסער, האָט ער גענומען גיין אַף יאָגד, און איך האָב אויסגעקאָרטשעוועט א שטיקל וואַלד, פאַרפלאַנצט א גערטנדל, ס׳זאָל זײַן מיט וואָס צו שפּײַזן זיך און מיט וואָס מעכאַבעד צו זײַן מענטשן, וואָס פלעגן אַהער פאַרפאָרן. אָט אַזוי ווױנען מיר שוין דאָ א האַלב לעבן.

איצט געהערט דאָס שטיבל צום קוראָרט. פאַרבײַפאָרער באַקומען דאָ אומזיסטן אָקרעפּ, א וואַרעמען נאַכטלעגער. ס׳א סטאַנציע, ווי אַלע סטאַנציעס אַף די סיבירער און ווײַטמיזרעכדיקע טראַקטן.

זיך צעזעגנט מיט די גאַסטפרײַנטלעכע באַלעבאַטים, האָבן מיר זיך געלאָזט ווײַטער מיטן זעלבן שמאָלן וועג, וואָס דראַפּעט זיך איבער די פאַרוואַקסענע בערג.

קיין קולדור זײַנען מיר אָנגעקומען צוגלײַך מיט די שטערן. די אַרטעלניקעס פונעם „ערשטן מײַ” האָט מען אָפּגעפירט אין וואַנע־קאָרפּוס, און לייבע פייגלמאַן, דער קענער פון דער טײַגע, איז אַוועק מיט ווײַזן דעם קוראָרט.

וווּנדער־שיין איז דער „אינדזל פון גליק” — קולדור. אומעטום הערט מען דאָס רוישן פון הייסע קוואַלן. צום אויסגעשטערנטן הימל גייען אוף העלע וואָלקנדלעך דאַמף, ווי ס׳וואָלטן אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אין די וואַסערן אָנגעגליטע שטיינער. צופוסנס פון די בערג ליגן צעשאָטן בלויע פײַערלעך. דער קוראָרט מיט זײַנע פּילצאָליקע הײַזער און קאָרפּוסן ליגט אײַנגעצאַמט צווישן צוויי הויכע בערג.

לייבע פייגלמאַן האָט מיך אומגעפירט פון קוואַל צו קוואַל, און איך האָב זיך פון אים דערוווּסט די לעגענדע וועגן דעם קוראָרט קולדור.

...מיט פיל יאָרנ צוריק האָבנ איבער דער טײַגע געוואַנדערט טונגוסנ. רײַזנדער האַלטנ זיכ בא די שטערנ, טונגוסנ — בא די שפּורנ פונ כײַישע טריט. אײנמאָל אינ אָוונט זײַנענ די טונגוסנ אָנגעקומענ צו א הויכער פאַרוואַקסענער סאָפּקע. גײנ װײַטער איז שוינ געווענ שפּעט, מיד איז מענ אויכ געווענ, האָבנ די טונגוסנ אויסגעזאָטלט די פערד, צעשטעלט בײַדלעכ אונ מיט ווײַב־אונ־קינד זיכ אָפּגעשטעלט דאָ האַלטנ נאַכט. אינמיטנ דער נאַכט האָבנ זײ דערהערט א געשרײ פונ כײַעס. עטלעכע טונגוסנ מיט ביקסנ האָבנ זיכ ארופגעקליבנ אפ דער סאָפּקע אונ גענומענ אויסקוקנ די ווײַט. בא דער שײַנ פונ דער לעוואָנע האָבנ זײ דערזענ: צווישנ די בערג ליגט א טאָל, אינ טאָל פליסט א וואַסער, אונ אינ וואַסער שטײענ ציגנ. די טונגוסנ האָבנ קימאט ניט געטראַכט, ס'זאָל דער ווינט זײער מענטשלעכנ אָטעמ צו די ציגנ ניט דערטראָגנ. אזוי זײַנענ זײ אָפּגעלעגנ עטלעכע שאָ. אויסגעשאָסנ האָבנ זײ, ווענ די ציגנ זײַנענ ארויס פונ וואַסער.

באַגינענ האָבנ זײ זיכ אומגעקערט צו זײערע געצעלטנ מיט א רײַכנ געפאַנג.

מאָרגנ באַנאַכט — ווידער דאָס זעלבע. ס'האָט זיכ ווידער דערהערט א געשרײ פונ כײַעס, ווידער זײַנענ עטלעכע טונגוסנ געלעגנ אפ דער סאָפּקע אונ געוואַרט.

אונ אײנמאָל האָבנ זײ אינעמ דורכגעשאָסענעמ האַלדז פונ א הירש געפונענ א פרעמדע קויל.

אזוי איז אנטדעקט געוואָרנ דער סאָד. אהער צומ קוואַל קומענ פאַרוווּנדעטע אונ קראַנקע כײַעס זיכ הײלנ. די טונגוסנ האָבנ פאַרשלאָסנ אינ זיכ דעמ סאָד וועגנ דעמ דאָזיקנ אָרט. זײ דאַרפנ שוינ מער אינ ערגעצ ניט וואַנדערנ, זיכ ניט יאָגנ נאָכ שפּורנ פונ כײַישע טריט. דער קוואַל באַזאָרגט זײ מיט שפּײַז. ער באַזאָרגט זײ אויכ מיט א לאַנג לעבנ.

סאָפּ זומער זײַנענ בא די טונגוסנ אויסגעגאַנגענ די קוילנ. אונ

אז עס גייען אוים די קוילן, האָט מען, ווי שטענדיק, געוואָרפן גורל, ווער פון זיי זאָל פאָרן אײַנקויפן.

נאָך עטלעכע וואָכן רײַזע, — דערציילט ווײַטער די לעגענדע, — איז די שעלוכים אויסגעקומען נעכטיקן אין א דערפל בא די ווײַטע ברעגן פון אמור. געוווינט האָט אין יענעם דערפל א רײַכער קאזאק. בא אים האָט מען געקאָנט אײַנקויפן קוילן. דער קאזאק איז געווען א געליימטער. עטלעכע יאָר איז ער געלעגן צו בעט.

— מײַן האר, — אזוי האָט זיך צו אים געווענדט איינער פון די שעלוכים, — גיב אונדז דײַנע קוילן, וועלן מיר דיר אומקערן די פיס. אויב דו גלייבסט ניט, אז מיר וועלן דיך אויסהיילן, איז נעם פאר א מאשקן איינעם פון אונדז. נאָר איין זאך. פירן וועלן מיר דיך צו זיך מיט פארבונדענע אויגן.

דער קאזאק האָט עטלעכע טעג געקלערט, זיך געהאַלטן אן אייצע מיט די עלטסטע פון דאָרף, נאָכדעם האָט ער געהייסן אָפּקלײַבן פון זײַן טאבון די בעסטע פאָר פערד, און מע האָט זיך געלאָזן אין וועג.

די טונגוסן האָבן געפירט דעם קאזאק דורך בערג און טאָלן, גע־פּלאָנטערט דעם וועג, ווי עס פארפּלאָנטערט דער טיגער זײַן גאַנג. און די גאַנצע צײַט נאָכגעשפּירט, צי זײַנען באם קאזאק גוט פארבונדן די אויגן. עטלעכע וואָכן האָט דער קראַנקער קאזאק זיך געבאָדן אין די הייסע וואסערן פון קולדור און איז געזונט געוואָרן. מע האָט אים ווידער פארבונדן די אויגן, און דער זעלבער טונגוס האָט אים אָפּגע־פירט צוריק אין זײַן דאָרף, באם ווײַטן אמור, וווּ ס'איז געבליבן פאר א מאשקן איינער פון די זייעריקע. אָבער די אמורער קאזאקן האָבן דעם טונגוס ניט אָפּגעלאָזט. זיי האָבן אָנגעבאָטן, וואָס נאָר ער וויל, אבי ער זאָל זיי ווײַזן דאָס אָרט, וווּ קאליקעס שטעלן זיך אַף די פיס, ווו בלינדע ווערן זעענדיק, טויבע באקומען דאָס געהער, שטומע — דאָס לשון.

דער טונגוס האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און באוויזן אָפּן האלדז.

— גיכער וועל איך אויך אָפּגעבן מײַן קאָפּ, איידער אָנווײַזן דאָס אָרט. ס'איז אונדזער סאָד.

אז ס'האָבן ניט געהאָלפן קיין גאָלדענע רענדלעך, האָט מען דעם טונגוס געגומען פּײַניקן. געפּײַניקט אַזוי לאַנג, ביז ער האָט זיך גע־זעצט אַף א פערד און געוויזן דעם רײַכן קאַזאַק דעם וועג.

אַף דער סאָפּקע, וואָס רופט זיך ביז איצט נאָך „כײַזשער שטעג", שטייט נאָך דער צעדער, אַף וועלכן די טונגוסן האָבן אויפגעהאַנגען דעם שוואַכמוטיקן...

— אינעם זעלבן זומער, — האָט פאָרגעזעצט דערציילן לייבע פּײַגלמאַן, — האָבן די טונגוסן פארלאָזט קולדור און זײַנען מיט ווײַב־און־קינד אַוועק טיפער אין דער טײַגע.

שנעל ווי א בליץ איז בײַ די ברעגן פון אמור און בײַקאַל פאַר־שפּרייט געוואָרן א קלאַנג, אז אין דער ווײַטער טיפער טײַגע, ארום בירעקאַן, האָט מען געפונען א וואַסער, וואָס מאַכט פון טויט לע־בעדיק.

ס'האָבן אהער אָנגעהויבן אָנקומען קראַנקע. הונדערטער קילאָ־מעטער איז מען געגאַנגען צופוס. מע האָט אויסגעגראָבן ברונעמס, קרעכעצע צו קרעכעצע, ווי אין דער טײַגע בוים צו בוים. ס'איז דאָ געוואָרן ענג פון קאַליקעס, ווי אין א כאָגע ארום א קלויסטער. לאַנ־גע זומער־טעג איז מען אָפּגעלעגן אין הייסן וואַסער. בלינדע האָבן דאָ געזוכט זייער ליכט, קרעציקע — א נײַע הויט, אָפּגעשוואַכטע — זייער קראַפט.

מיט דער צײַט איז אָבער אַף דער סאָפּקע „כײַזשער שטעג" אויס־געוואַקסן א צווינטער. די טײַגע איז געווען א ווילדע, און דאָס וואַ־סער איז אויך געווען ווילד. ווער ס'איז ניט געווען גענוג פאַרזיכטיק, בײַ דעם האָט דאָס וואַסער אָפּגענומען דאָס לעבן. קולדור — דער איינדזל פון גליק — איז געוואָרן פאַר אייניקע אַן איינדזל פון אומ־גליק. מיט יעדן טאָג זײַנען דאָ געבליבן אַלץ ווייניקער מענטשן. מע

איז געלאָפנ פונדאַנענ, ווי די כּלים זײַנענ מיט יאָרנ צוריק געלאָפנ פונ די טונגוסנ.

ליובע פייגלמאַנ האָט זיכ פּלוצעמ פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט פאַר־געסנ דעמ סאָפ פונ דער לעגענדע, וועלכע ס'האָט אימ מיט יאָרנ צוריק דערציילט איינער פונ די אַלטע איבערוואַנדערער.

— ליו־בע! — האָט זיכ מיטאַמאָל דערהערט א שטימ. — ליו־בע!

— זיי האָבנ זיכ שוינ, אַפּאַנעמ, אויסגעבאָדנ, די אַרטעלניקעס מײַנע, — האָט פייגלמאַנ א זאָג געטאָנ. — נו, מע דאַרפ גיינ.

— ליו־בע! די וואַנע וואַרט דאָכ אופ דיר, — האָט זיכ ווידער־אַמאָל דערהערט די זעלבע שטימ.

— איכ גיי, איכ גיי.

אַראָפּלאָזנדיק זיכ פונ דער סאָפּקע, האָט פייגלמאַנ זיכ אָפּגע־שטעלט אונ, אײַנקוקנדיק זיכ אינ דער נידער, א זאָג געטאָנ:

— א, ווי שיינ אונדזער קולדור איז!.. איר ווייסט, ווי אונדזערע ייִדנ רופנ קולדור? דער ביראָבידזשאַנער קאַווקאַז. פאַר רעוומאַטיקער זײַנענ די קולדורער וואַסערנ מאַמעש א רפואה־שלימה.

דאָס קוראָרט־שטעטל קולדור, וואָס ליגט צווישנ הויכע בערג, האָט געפינקלט אינ דער נאַכט מיט הימלעכע צעשאָטענע פײַערלעכ. דאָס האָבנ זיכ געלויכטנ די פּילצאָליקע פענצטער פונ די סאַנאַטאָריע־געבײַדעס, פונעמ טעאַטער, פונ די וואַנע־קאָרפּוסנ...

— אונדזער קולדור וועט זיכ נאָכ בויענ אונ בויענ, — האָט פייגל־מאַנ זיכ אָנגערופנ, — וואָרעמ פונ זינט דאָ איז געוואָרנ א קוראָרט, קומט מענ זיכ אהער היילנ אפילע פונ דער ווײַטער סיביר. מע שמועסט, אַז די קולדורער בעדער זײַנענ ניט ערגער אונ, עפשער, נאָכ בעסער ווי די אויסלענדישע בעדער, וווּהינ ס'פלעגנ אַמאָל פאָרנ זיכ קורירנ אונדזערע נגידימ. וואָס איז דאָ צו ריידנ, ס'איז בײַ אונדז א געגנט שוינ איינמאָל א געגנט. פאַראַנ וווּ צו אַרבעטנ אונ פאַראַנ וווּ אָפּצורוענ, — אונ ליובע האָט עפּעס מיט א באַזונדער טײַנעג אײַנגעטעמט די שמעקנדיקע קולדורער לופט.

— וואָס רוישט עס דאָ אזוי שטאַרק?

— דאָס רוישט דער קוואַל „אייביקע יוגנט"... איר זײַט אַ מיוונג?

אינמיטן שטעטל האָט געשטראָמט דער קוואַל „אייביקע יוגנט", און ס'האָט זיך געדוכט, אַז די נאַכט שטעלט אונטער אירע בלינדע אויגן, ס'זאָלן די היילנדיקע וואַסערן פונעם קוואַל זי מאַכן זעענדיק...

סטעמפּעניוס פידעלע אין בירָאָבידזשאַן

אומקערנדיק זיך פון מאַרק מיטן שווערן קאָשעק אין האַנט, האָט ציפּע די פאַרבערן מיטאַמאָל דערהערט אַ שטים פון דער הייך:

— וווּהין לויפט איר עס אַזוי, ציפּע־קרוינ? וואַרט אויס אַ רעגע.

דערהערט אָנרופן איר נאָמען, האָט ציפּע אוועקגעשטעלט אויפן מיטן טראָטואַר דעם פולן קויש און זיך ארומגעקוקט, פונוואַנען האָט מען דאָס צו איר געשריִען.

— וועמען זוכט איר עס, ציפּע־קרוינ? דאָס האָב איך דאָך אײַך גערופן.

אויפן אָפענעם באַלקאָן פונעם אַנטקעגנדיקן הויז איז געשטאַנען אַ בלאָנד ווײַבל און געבערשטלט דעם טעפּיך, וואָס זי האָט אַהער ארויסגעטראָגן לופטערן.

— אײַך קומט דאָך מאַזלטאָוו, ציפּע! — האָט דאָס ווײַבל אַראָפּגעשריִען פון באַלקאָן. — כ'האָב געהערט זאָגן, אַז אײַער שלוימקעלע איז עפּעס אַזוינס ווי אַזעלכס. ס'איז דער צווייטער סטעמפּעניו, זאָגט מען. וואָס שפּילט ער, אײַער סטעמפּעניו, מאָרגן אויף די עקזאַמענעס?

— טשײַקאָווסקיס סאָנאַטע שפּילט ער. און אײַערער, טײַבל?

— מײַנער? מײַנער וועט מאָרגן שפּילן שומאַנען מיט פּולווערן.

בײַ די דאָזיקע ווערטער איז ארויסגעגאַנגען פון שטוב אַ יִונגעלע פון אַ יאָר פינף־זעקס, מיט אַ פאַרברוינט פּענעמל, אין קורצע פלוישענע הייזלעך מיט פערלמוטערנע קנעפּ פון בײַדע זײַטן און אין אַ קלאָרע ווײַס העמדל מיט אַ שוואַרצן זײַדענעם באַנד. דער פוטליאַר מיטן פּי־

דעלע, וואָס ער האָט געטראָגנ אונטערנ אָרעמ, איז קימאַט געווענ איינ גרייס מיט אימ.

אָט דאָס יינגעלע, וואָס וועט שפּילנ אַפ די עקזאַמענעס שומאַנענ מיט פּולווערנ. האָט מענ א ווײַלע פריִער געקאָנט טרעפנ זיכ שפּילנ אינ פערדלעכ אָדער באַמ קײַקלענ א הילצערנעמ רייפ איבער דער גאַס. פארכאַפּט פונ דער שפּיל, איז ער ארומגעלאָפנ אונ געשפּרונגענ, ווי פיל אנדערע קינדער פונ זײַנ עלטער. איצט אָבער, ווענ דאָס פידעלע איז געווענ מיט אימ, איז ער געגאַנגענ מיט אײַנגעהאַלטענע טריט אונ אינ זײַנ באַזיניקטנ קוק איז געווענ עפּעס אזויִנס, וואָס האָט אימ געמאַכט ענלעכ צו א דערוואַקסענעמ. נאָר מיטאַמאָל האָט ער זיכ געקאָנט אָפּשטעלנ אופהייבנ א שטיינדל, וואָס קאָנ צוניץ קומענ באַמ שפּילנ אינ צייכנס. זיכ אונטערגאַנווענענ צו א פּליטערל, וואָס האָט זיכ צוגעזעצט אַפנ גראָז, אָדער גאָר זיכ אַוועקשטעלנ שפּילנ אינ קלאַסנ.

— א וואַזשנע באָכערל בא אײַכ, — האָט ציפּע זיכ אָנגערופנ צו טײַבלענ, — קיינ אײַנהאָרע זאָל אימ ניט זײַנ. ער איז שוינ, דאַכט זיכ, אינ איינ הייכ מיט מײַנ שלוימקענ.

בא ציפּענ בלישטשענ בעשאַס־מײַסע די אויגנ. אונ בא טײַבלענ פלאַמט דאָס פּאָנעמ, גלײַכ זי וואָלט נאָרוואָס אָפּגעגאַנגענ פונעמ אויוונ.

— וויפל קענ עס איצטער זײַנ דער זייגער, איר ווייסט ניט, טײַבל? ס'מוז שוינ, אַפּאָנעמ, זײַנ ניט פרי, — אונ א כאַפּ טוענדיק דעמ קאָשעק אינ האַנט, לאָזט זיכ ציפּע אַוועק מיט דער לאַנגער גאַס, וואָס פירט צו דער סאָפּקע. דאָרט, ארומ דער סאָפּקע, שטייט איר שטוב, אינ וועלכער זי וווינט, פונ זינט זי איז אינ ביראָבידזשאַנ. אַפנ וועג צו זיכ אַהיימ האָט זי, ווי שטענדיק, באַגעגנט די יאָמטעוודיק־אויסגעפּוצטע קינדער: יינגעלעכ אינ קורצע פּליושענע הייזלעכ מיט שוואַרצע אויסבינדערס אַפ די העמדלעכ אונ מיידעלעכ אינ בלויע קליידלעכ מיט זײַדענע בענדלעכ, אײַנגעפלאָכטנ אינ די צעפּלעכ. יעדעס קינד האָט

מיט זיך געטראָגן אַ העפטל מיט נאָטן און אַן אינסטרומענט. די עלטערע קינדער זײַנען געגאַנגען באַזונדער, די ייִנגערע — גרופּעס־ווײַז, האַלטנדיק זיך פֿאַר די הענטלעך.

— אַ?! — האָט, אָנקומענדיק אַנטקעגן, זיך אָנגערופֿן צו ציפּען אַן עלטערער ייִד. — אַמאָליקע יאָרן אין אונדזערע שטעטלעך האָט מען אַזוינס ניט געזען.

ערשט איצט האָט ציפּע באַמערקט, אַז אַלע, וואָס האָבן אין דער דאָזיקער אַרבעט־שאָ זיך געהאַט געפֿונען אין גאַס, האָבן זיך אָפּגע־שטעלט קוקן אויף די קינדער.

— אין אונדזערע שטעטלעך אַמאָליקע יאָרן האָט מען אַזוינס ניט געזען, — האָט דער ייִד ווידעראַמאָל אַ זאָג געטאָן, אָנווײַזנדיק מיט דער האַנט אויף די ביראָבידזשאַנער קינדער.

די עטלעכע ווערטער פֿונעם ביראָבידזשאַנער ייִדן האָבן איצט ציפּען דערמאָנט אַ פֿאַרגאַנגענע געשיכטע, וואָס איז זיך פֿאַרלאָפֿן בײַ זיי אין שטעטל. ס'איז צו זיי אײנמאָל אַראָפּגעפֿאָרן אַ ייִנגעלע אַ כאַזן. ווײ, ווײ, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן!.. דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך מיט אים געוויגט. קלײן און גרויס זײַנען זיך צונויפֿגעלאָפֿן אָנ־קוקן גאָטס־וווּנדער. וועגן זײַן קעלעכל האָט מען ניט אויפֿגעהערט צו ריידן. זײַנע ניגונים האָט מען נאָך אַ לאַנגע צײַט געזונגען אין יע־דער שטוב. ציפּע געדענקט, ווי אירע ברידערלעך האָבן, אָנשטאָט טאַלייסימלעך, אַרויפֿגעשלעפּט אויף זיך די טישטעכער פֿון טיש און בישטיקע, טאַטע־מאַמע זאָלן ניט זען, נאָכגעמאַכט מיט אַלע פּישטשעװ־קעס דעם יונגן כאַזנדל...

וואָס איז געוואָרן מיט יענעם ייִנגעלע, אַז ווײַטער פֿונעם אָמעד האָט ער אַמאָליקע יאָרן ניט געקאָנט אַוועקגײן... מע האָט אים מי־סטאַמע אומגעפֿירט פֿון שטעטל צו שטעטל, ביז ער האָט אָנגעווירן די שטים, און נאָכדעם איז ער געווים ערגעץ געבליבן שטעקן אין אַ העק פֿאַר אַ באַל־קוירײע, אָדער אַוועק אין דער יעשיװ'ע, און עפּ־שער גאָר געשטאַנען מיט אַ טישל אויפֿן מאַרק... וויפֿל באַגאַבטע ייִדישע

קינדער זיינענ אינ סאמע בלי פארוועלקט געוואָרנ אינ די ענגע שטאָ־
טישע קוואַרטאַלנ, אינ די אָרעמע יידישע שטעטלעכ! ס'איז, דאַכט זיכ,
גאָר ניט אזוי לאַנג געווענ, מע זאָל דאָס קאָנענ פארגעסנ.

יעדנ אינדערפרי, ווענ אפ די ביראָבידזשאנער גאסנ אונ געס־
לעכ באווייזנ זיכ מיט די מוזיקאַלע אינסטרומענטנ אינ די הענט די
קינדער פונ באלמעלאָכעס אונ אינזשעניערנ, פונ מאשיניסטנ אונ דאָק־
טוירימ, פונ טרעגער אונ סטאָליערס, באקומט די שטאָט עפּעס גאָר
א יאָמטעוודיקנ אויסזענ. ארומ סקווער פארקערעווענ די קינדער צו
דער וואלדהיימער גאס. דאָרט, אפ דער וואלדהיימער גאס, אנטקעגנ
דעמ שטאָטישנ פארק פאר קולטור אונ אָפרו, געפינט זיכ די ביראָביד־
זשאנער מוזיק־שול.

די געביידע פונ דער מוזיק־שול טיילט זיכ מיט גאָרניט אוימ פונ
פיל אנדערע געביידעס אפ דער וואלדהיימער גאס. ס'איז א געוויינלעכ
איינשטאָקיק הויז מיט ברייטע ליכטיקע פענצטער, וואָס גייענ ארוים
צו דער זונ, צו דער בירע, צו דער פרייער אונ אָפענער וועלט.

אפנ פארקנ הענגט א שילד מיט יידישע אויסיעס „מוזיק־שול“,
כאָטש מע וועט אינ ביראָבידזשאנ ניט טרעפנ קיינ מענטשנ, וואָס זאָל
אויכ אָנ דעמ ניט וויסנ, ווו זי געפינט זיכ, פונקט ווי ס'איז דאָ ניטאָ
דער מענטש, וואָס זאָל ניט וויסנ, אשטייגער, ווו איז דאָ דער יידישער
טעאַטער, דער מוזיי, די ביבליאָטעק... יעדער איינער, וואָס קומט אפ
א שפּאציר אינ שטאָטישנ פארק, מוז זיכ כאָטש אפ א רגע אָפּשטעלנ
הינטער די פענצטער פונ דער שול, פונוואַנענ עס גיסנ זיכ וווּנדערבארע
קלאַנגענ. וועלכע טאַטע־מאַמע טרוימענ עס ניט דערביי אָפּגעבנ אהער
זייערע קינדער?.. צי וועלנ פונ זייערע קינדער אויסוואקסנ מוזיקאנטנ,
דאָס וועט מענ שפּעטער זענ. שפּילנ פידל איז בא א ביראָבידזשאנער
ניט דאַפקע קיינ איניענ פונ טאַכלעס. מע גיט אהער אָפּ די קינדער, ווייל
מוזיק מאכט פילבארער דאָס הארצ, צארטער די געפילנ, שענער אונ
ליבער די וועלט. מוזיק — אזוי זאָגנ פּאָשעטע ביראָבידזשאנער יידנ —
דאָס איז די הייליקע שפּראַכ פונ דער מענטשלעכער נעשאָמע, ווי עס

שטייט געשריבן אין די שריפטן פון אונדזערע גרויסע שרײַבער שאָלעם־אַלייכעם און פּערעץ.

די גרעסטע צירונג אין א ייִדישער שטוב איז געווען די פידל, וואָס איז געהאנגען אפ דער וואנט, אויבנאָן. ייִדן פון א גאנץ יאָר פלעגן באם עסן פלוצעם א קלאפּ טאָן מיטן גאָפּל אין ברעג טיש און אונטערטראָגן אים צום אויער, ווי א קאמערטאָן. אז עס פלעגט אָנהייבן קלינגען דער זייגער, פלעגן אלע שטוביקע ווערן אנשטילט... ניט ווײַל מע האָט געדארפט ציילן די אוועקגייענדיקע שאָען, נאָר קעדיי אויסהערן דעם זייגערס ניגן. אפילע עלטערע ייִדן, וואָס זײַנען שוין געווען פארטאָן נאָר אין הימל־זאכן, האָבן אין די זומער־אָפּערנאכטן געקאָנט אָפּזיצן שאָענלאנג אפן גאנעק און הערן דאָס געזאנג פון די דאָרפּישע באָכערים און מיידלעך הינטערן שטעטל. נעגינע, מוזיק — דאָס זײַנען געווען די פליגל, אף וועלכע מע האָט זיך אריבערגעטראָגן אין אן אנדערער, א יאָמטעוודיקער וועלט, אָן גרויע וואָכעדיקע זאָרגן... קימאט יעדעם שטעטל האָט זיך געהאט אירע פארפאסער פון ניגונים, אירע זינגער, אירע פידלער. וויפל וואונדערלעכע ניגונים זײַנען עס פארפאלן געוואָרן!..

איצט, אז מע הערט די קלאנגען, וואָס טראָגן זיך דורך די ליכטיקע פענצטער, קומט ניט־ווילנדיק אפן זינען אן אמאָליקע ייִדישע כאסענע, ווען די קינדער פלעגן זיך צונויפלויפן פון אלע עקן שטעטל און באקלעפּן די קלעזמערישע בוידן אָדער אָפּשטיין שאָענלאנג אונטער די פענצטער, קעדיי כאפּן א שטיקל ניגן. און דאָ שפּילט די גאנצע שטוב אף אלע קייליס, און עפּעס זעט מען ניט קיין קינדער שטיין אונטער די פענצטער און שלינגען דורשטיק יעדן קלאנג... די טיר איז אָפן, און יעדעם קינד, וואָס וויל נאָר, קומט אהער ארײַן. עס זײַנען פאר אים אָנגעגרייט ליכטיקע זאלן, פידלען, ראָיאלן, פלייטן, קלארנעטן... פיר יאָר לערנען דאָ די קינדער, און אז זיי פארענדיקן די בירעבידזשאנער מוזיק־שול, קאָנען זיי אָנקומען אין יעדער קאָנסערוואטאָריע פונעם לאנד.

...עס איז געווען א פּאָלוסטאנאָק טיכאָנקע — ס'איז געוואָרנ

ביראָבידזשאַנ. עס זײַנענ דאָ ניט געווענ קײנ גאַסנ אונ פאַבריקנ, קײנ טעאַטערס אונ קײנ פאַרקנ, קײנ ייִדנ אונ קײנ ייִדישע קינדער. ס'איז נאָכ ניטאָ אינ ביראָבידזשאַנ קײנ קאָנסערוואַטאָריע, ס'וועט אָבער זײַנ אינ ביראָבידזשאַנ אַ קאָנסערוואַטאָריע, אונ די קינדער וועלנ פאַרזעצנ זײער בילדונג אינ דער שטאָט, וווּ זײ זײַנענ געבוירנ אונ וואַקסנ.

אײנעמ טאָג פונ די עקזאַמענס האָבנ פונ אַלע גאַסנ אונ געסלעכ זיכ אַ שאָט געטאָנ אַפ דער וואַלדהײמער גאַס אויסגעפוצטע ייִדנ אונ ווײַבער, קינדער פונ די פאַכ־שולנ, יונגע באָכערימ אונ מײדלעכ. די ברוטקירטע וואַלדהײמער גאַס מיט די גרינע לאַנקעס, וואָס זעענ זיכ אַרויס הינטער די הײַזער, האָט אינ זיכ עפּעס ענלעכס צו אַ שטעטלדיקנ שליאַכ, וווּ ייִדנ פלעגנ שאַבעס נאָכנ שלאָפ זיכ אַרויסכאַפּנ אַפ אַ שפּאַציר. אונ אָט איז הײַנט אַ רו־טאָג. די גאַס איז פול מיט ייִדנ, אָבער דאָס זײַנענ ניט יענע קלײנשטעטלדיקע ייִדנ. בײַ די ביראָבידזשאַנער איז גאָר אַנ אַנדער אויסדרוק אויפנ פּאָנעמ, אַנ אַנדער הוילעכ, אַנ אַנדער טראָט. אָט גײט געאָרעמט די יוגנט. שטײַפע פאַרברױנטע פּענעמער. אַנטוויקלטע ברוסט אונ אַקסלענ. אַ פרײַער שטאָלצער גאַנג. עס גײט דער נײַער ביראָבידזשאַנער דאָר.

צוגעקומענ צו דער מוזיק־שול, בלײַבט מענ שטײנ. אינ אַזאַ פרעכטיקנ זומער־טאָג ווילט זיכ גאָר זײַנ אַפ דער פרײַער לופט. אונ ווײַבאַלד ס'איז נאָכ פרי, שטײט מענ רעדלעכווײַז אינ גאַס אונ מע שמועסט פונ פאַרשײדענע זאַכנ. דערזעט מענ אָבער עמעצנ פונ די, וועמענס קינדער עס לערנענ זיכ דאָ, גיט מענ אימ באַלד אָפּ מאַזלטאָוו, אונ עס גײט אַוועק אַ סעדרע מיט נעמענ: טשײַקאָווסקי, בעטהאָווענ, אויסטראַכ, שומאַנ, שאָסטאַקאָוויטש, הילעלס, פּוליווער. מע רעדט וועגנ זײ אַזוי, ווי זײ וואָלטנ גאָר אַלע געווענ ביראָבידזשאַנער.

ביסלעכווײַז ווערט פול דער זאַל, די קאָרידאָרנ, דער הויפ. ס'איז שוינ באַלד ניטאָ קײנ אָרט אַפילע אונטער די פענצטער, אונ אַלץ קומט אַלץ צו אונ צו. ס'איז טומלדיק. נאָר אָט האָט מענ געגעבנ צו וויסנ, אַז דער קאָנצערט הײבט זיכ אָנ, אונ ס'איז גלײַכ געוואָרנ שטיל.

אפ דער בינע זײַנענ מיט פידעלעכ אינ די הענט ארויסגעגאנגענ אכט ייִנגעלעכ אינ עלטער פונ פינפ־זעקס יאָר. אלע געבוירענע ביראָ־בידזשאנער. גאָר פונ פאָרנט איז געשטאנענ ציפּע דער פארבערנס ייִנ־געלע, דער צווייטער סטעמפעניו, ווי מע רופט אים אינ שטאָט. לעבנ אים איז געשטאנענ טײַבלס ייִנגל. באמ ראָיאל איז געזעסנ די אקאָמפאניאַ־טאָרשע גיטעלע סלאווקינ, א כיינעוודיק מיידעלע מיט א רויטנ באנד, ווי א צײַטיקע רויז, אינ די טונקעלע צעפּלעכ. אויסגעוואַרט א רעגע, האָט גיטעלע אוועקגעלייגט די שיינע צארטע פינגער אפ די ליכטיקע קלאווישנ פונעמ ראָיאל, א ווונק געטאָנ צו די ייִנגעלעכ, אונ ס'האָבנ זיכ א גאָס געטאָנ פונ דער בינע די ליבע טענער פונ בעטהאָווענס „סוראָק". דער אוילעמ האָט באלד פארגעסנ, אז עס שפּילנ אכט פּי־דעלעכ. ס'האָט זיכ אלעמענ געדוכט, אז ס'שפּילט בלויז איינ פּידעלע, סטעמפעניומ פּידעלע, אונ יעדער קלאנג פארקלײַבט זיכ טיפ אינ הארצנ, זעצט זיכ אפּ אינ דער נעשאָמע. סטעמפעניומ פּידעלע אינ ביראָבידזשאנ האָט ניט ארויסגערופנ קיינ טרערנ, ווי אפ די אמאָליקע ייִדישע כא־סענעס. סטעמפעניומ פּידעלע איז הײַנט פריילעכ. ס'פארשווינדנ פונ די אויגנ די פיר ווענט, דער דאכ איבערנ קאָפּ. ס'דוכט זיכ, אז מע זיצט גאָר אינ טײַגע, פייגלענ פליִענ ארויס פונ זייערע נעסטנ. וואלד־כײַעלעכ קריכנ ארויס פונ די נאָרעס, באגעגענענ די מענטשנ, וואָס זײַנענ גע־קומענ אינ טײַגע מיט זעג, מיט העק, מיט דעמ שטארקנ מענטשלעכנ גלויבנ אינ זיכ. עס פאלנ דוירעסדיקע ביימער, אונ ס'פרייט זיכ די ערד, וואָס ווערט פארזייט מיט קערנער, פארפלאנצט מיט סעדער אונ מיט גערטנער. עס גייט דאָס אײַנ אינ אמור... ס'איז פרילינג! ס'איז ווארעמ. ס'איז ליכטיק אפנ הארצנ.

סטעמפעניומ פידעלע פארקישעפט!

אינ זאל אונ אינ הויפ איז אזוי שטיל, אז מע הערט ניט קיינ אָטעמ פונ קיינ מענטשנ. די שמידנ אונ בלעכער, די סטאָליערס אונ שנײַדערס, די אײַזנבאנער אונ טרעגער, די פּאָשעטע הארעפּאשנע ייִדנ, וואָס זײַנענ געקומענ אפנ קאָנצערט, רײַסנ ניט אָפּ די אויגנ פונ

דער בינע. דאָרט אינ דער הייכ, אפ דער בינע, שטייענ קינדער פונעמ נײַעמ ביראָבידזשאַנער דאָר. אפ דעמ דאָזיקנ דאָר וואַרטנ די אויצרעס פונ דער ערד. טאַטע־מאַמע זײַנענ זיכער, אַז זייערע קינדער, וואָס האַלטנ אַזוי געניט דאָס פידעלע אינ די הענט, וועלנ אויכ אַזוי געניט האַלטנ א האַק אונ א זעג. ס'איז פאַראַנ, ווער ס'זאָל פאָרזעצנ די בויונג פונ דער נײַער היימ.

אינ דער אָפענער טיר פונעמ פול־געפּאַקטנ זאַל שטייט א וואָרצלדיקער ייִד מיט א געדיכט־באַוואַקסנ פּאָנעמ. אפ די הענט — א ברעקל קינד. פונ צײַט צו צײַט לאָזט דער ייִד אַרויס א טיפנ זיפצ אונ ווישט אָפ פונ דער האַרטער באָרד א פאַרקײַקלטע טרער. מע קענ אימ שוינ דאָ, דעמ דאָזיקנ ייִדנ, כאָטש אינ ביראָבידזשאַנ האָט ער זיכ באַזעצט ערשט נאָכ דער מילכאָמע. מע ווייסט, אַז דאָס קינד, וואָס ער האַלט אפ די הענט, איז ניט זײַנס, ס'א שאָכנס. בא אימ זײַנענ ניטאָ קיינ קינדער. ניטאָ קיינ אייניקלעכ. געווענ אונ — ניטאָ...

פונקט אַזעלכע־אָ קינדער, צאַרטע, כיינעוודיקע, מיט בלויע אומשולדיקע אייגעלעכ האָט דער דײַטש געוואָרפנ אינ גרוב, געברענט אינ די אויוונס. אונ ס'דוכט זיכ דעמ דאָזיקנ ייִדנ, וואָס איז געבליבנ איינער פונ א מישפּאָכע, אַז די ביראָבידזשאַנער קינדער, וואָס שפּילנ אפ די פידעלעכ, מאַכנ האַזקאָרע נאָכ זייערע יונג־פאַרשניטענע ברידערלעכ אונ שוועסטערלעכ...

— וואָס שפּילנ זיי עס? — האָט דער ייִד א פרעג געטאָנ באַמ ווינונמאַנ, וואָס איז געשטאַנענ לעבנ אימ.

— בעטהאָווענס א מעלאָדיע שפּילנ זיי. ששש... שטילער.

— ווער איז דער בעטהאָווענ?

— א דײַטש.

— א דײַטש?..

דער ייִד, וועמענ די דײַטשנ האָבנ אויסגעקוילעט אַלע קינדער אונ אייניקלעכ, גיט זיכ מיטאַמאָל א שפּאַר צו דער בינע. ער וויל

זויסן, צי וויסן זיי, די קינדער, וואָס זיי שפּילן. ער קוקט זיך אום אויף אַלעמען און זאָגט, צי ווייסט ער, וועמענס בעטהאָווען איז.

יאָ. מע ווייסט. די בּיראָבּידזשאַנער ווייסן, וועמענס היטלער איז און זשער בעטהאָווען איז.

עס האָבן זיך שוין באַוויזן שטערן אין הימל, און דער קאָנצערט האָט זיך נאָך אַלץ געצויגן. מיכעלע דעם בלעכערס האָט געשפּילט אויף פידל טשײקאָווסקיס סאָנאַטן, ריטעלע דעם אָרגאַנאָמס האָט געשפּילט אויפן ראָיאַל מאָצאַרטס „ווינגליד", סאָרעלע דער מעלקערינס — פּולווערס „פרייליכס", דער בּיראָבּידזשאַנער דיכטערנס יינגל האָט געשפּילט ראַכמאַנינאָוו, און דאָס כיינעוודיקע טעכטערל פונעם גע־וועזענעם אַרבעטער פונעם וועגעגער־זאַוואָד, דעם איצטיקן פּאַרזיצער פונעם בּיראָבּידזשאַנער שטאָט־ראַט — טשײקאָווסקיס א וואַלס.

שטיל און באַשיידן איז אַרויס אויף דער בינע א מיידעלע פון א יאָר עלף. דאָס איז געווען כאַנקע גאַרבער. דער עולם האָט זי גלייך באַגעגנט מיט אַפּלאָדיסמענטן, און פון אַלע זייטן האָבן זיך דערהערט שטימען:

— שפּיל אונדז דיינע ניגון אין טייגע!

— עס גייט די בירע!

כאַנקע איז געשטאַנען באַם אָפענעם ראָיאַל און שעמעוודיק גע־קוקט אין זאַל מיט אירע גרויסע פאַרטראַכטע אויגן.

— קינדער, זאָל ווערן שטיל! — האָט אַ מיליטערישן אויפן אויסגעשריגן א געזונטער ברייטפּליייציקער סטעלמאַך. — שפּיל, טאָכטערקע, וואָס דו ווילסט!..

און כאַנקע האָט אָנגעהויבן שפּילן אירע „בּיראָבּידזשאַנער מאָ־טיוון".

אַט הערט מען דעם שטילן און רויקן אָטעם פון די ווייטע בלויע סאָפּקעס, וואָס דרעמלען באַם האָריזאָנט, דעם געבלעטער־רויש פון די פּאַרוואָרצלטע ביימער אין דער אוראַלטער טייגע. זי שלאָפט, די בּיראָבּידזשאַנער טייגע. די טענער ווערן שטאַרקער, אומרויקער. די

טײַגע כאפט זיכ אופ פונ שלאָפ. און ס׳ערשטע מאָל דערזעט זי פאר זיכ מענטשנ. עס דונערט דער ראָיאל, דאָס פאלנ אינ טײַגע די בײַמער. א רעגנ ווערט שטיל, און ס׳דערהערנ זיכ פונ דער בינע מונטערע און הארציקע מעלאָדיעס. דאָס זײַנענ די מעלאָדיעס פונ די לידער, וואָס עס האָבנ דאָ געזונגענ די בירָאָבידזשאנער באם קאָרטשעווענ דעמ וואלד, באם אופהייבנ די רויערד, באם בויענ די נײַע היימ. דער אוילעמ אינ זאל זיצט ווי פארקישעפט. מיטאמאָל האָבנ אינ די לעבנס־לוסטיקע קלאנגענ זיכ ארײַנגעגאנוועט אומרויִקע טענער, אפנ לויטערנ הימל האָט זיכ באוויזנ א שווארצער וואָלקנ. דער וואָלקנ רוקט זיכ אפ דער זונ. ס׳ראנגלענ זיכ צוויי קויכעס. שײַנ און כווישעכ. די בירָאָבידזשאנער פארלאָזנ זייער היימ און גייענ אוועק אפנ פראָנט. דער שטורעמ דויערט לאנג. עס זיגט די שײַנ. ס׳לויכט ווידער אינ הימל די העלע זונ. עס קלינגענ מונטערע טענער — א לויב־געזאנג די זיגער.

אינ א יִשעוו באם אמור

— טאטע! פרעמדע שיפלעכ אפ אונדזער ברעג! אוי, וואָס דאָרטנ טוט זיכ איצטער, טא־טע!

אריע־לייב, דער געוועזענער פעלצנמאכער, שוינ אנ עלטערער ייִד, אָבער נאָכ א גאנצ קרעפטיקער, האָט צעעפנט א פּאָר אויגנ, פונקט זײַנ צוועלפיאָריקער באָכער, דאָדל, וואָלט אימ אָנגעזאָגט א בסורע, אז די שטוב, ארומ וועלכער ער שטייט אצינד און האקט האָלצ, שווימט אוועק מיטנ וואסער. ער האָט געלאָזט שטעקנ די האק אינ סוקעוואטנ האָלצ און גענומענ שרײַענ צו זײַנ דאָדלענ, וועלכער איז געלאָפנ פײַל־אויסנ־בויגנ אראָפ בארג.

— דאָדל, קומ נאָר אהער! וואָס האָסטו עס דאָרטנ געזאָגט, א, בײַסטרוק?! מע פרעגט דאָכ דיכ עפעס. דאָדל, דו הערסט?!

— אז כ׳האָב קײנ צײַט ניט!

נו, טאקע. אז דער גאנצער ברעג איז פול מיט מענטשנ, אלע קינדער פונ דאָרפ זײַנענ שוינ דאָרט, אונ דער אמור איז פארפלײצט מיט שיפלעכ, װעט דאָרל זיכ אױעקשטעלנ דערצײלנ מעשׂים. אײגנטלעכ, װײסט ער נאָכ אלײנ ניט, װאָס דאָרטנ טוט זיכ.

— רעב יאנקל, עפּשער האָט איר פארשטאנענ, װאָס מײַנ קאדיש האָט דאָ אָנגעבאָלבעט? דאכט זיכ, ער האָט געזאָגט: פרעמדע שיפּלעכ אפנ ברעג. װי קומענ גאָר פרעמדע שיפלעכ אפ אונדזער ברעג?..

א, רעב יאנקל? — אונ אריע־לײב איז צוגעגאנגענ נעענטער צו זײַנ שאָכנ, יאנקל דעמ אלמענ, װעלכער איז געזעסנ אפנ גאנעק אונ געמאָלקנ די סיבירסקע קו זײַנע.

װי נאָר יאנקל דער אלמענ האָט דערהערט: „פרעמדע שיפלעכ אפ אונדזער ברעג“, האָט ער באלד אָפּגעשטופּט פונ זיכ די קו אונ איז ארופ אפנ גאנעק. ער האָט אזױ לאנג פאנאנדערגעצױגנ זײַנ װוּקסיקנ קערפּער, ביז ער האָט מיטנ קאָפּ קימאט דערגרײכט דעמ דאכ, אפ װעלכנ עס האָבנ זיכ געטריקנט קירבעסנ פאר דער בעהײמע. יאנקל — אזױ זאָגנ אלע היגע אײַנװױנער — איז דער העכסטער מענטש אינ דער געגנט. װענ ער װאָלט ניט געװענ קײנ קורצזיכטיקער, װאָלט ער פונדאנענ געקאָנט זענ אפילע ביראָבידזשאנ, כאָטש ביז ביראָבידזשאנ איז עטלעכע הונדערט קילאָמעטער.

אריע־לײב איז אױכ ארופגעקראָכנ אפנ גאנעק. ער איז געשטאנענ אפ די שפּיצ פינגער אונ נאָכאנאנד געשטורכעט יאנקלענ אינ די זײַטנ:

— נו, זאָגט שױנ, װאָס זעט איר דאָרטנ?

— דערװײַלע זע איכ נאָכ גאָרניט.

— ט׳האָסטו דיר. באלד אז איר זעט ניט פונדאנענ אהינ, טאָ װאָס נוצט אײַכ, װאָס איר זײַט הױכ װי אױנ־מעלעכ־האבאָשאָנ.

— שא! איכ זע שױנ, — האָט יאנקל א זאָג געטאָנ מיט װירדע, — איכ זע שױנ.

— נו?

— נו, נו. דער גאַנצער ברעג איז פול מיט מענטשנ. אוי, וואָס דאָרטנ טוט זיכ!

ער האָט אַ ציִ געטאָנ אריע־לייבנ פאַרנ אַרבל, אונ מע האָט זיכ געלאָזט לויפנ צום אַמור.

אַראָפּ בארג האָבנ זיי דערזענ: איבערנ אַמור גייענ קריִעס. לענגויס דעמ ברעג טראָגנ זיכ אומ ריַיטער, אונ די האַלבטאָגיקע זונ שפּיגלט זיכ אינ זייערע יעגערשע ביקסנ. וויפל קינדער עס זיַינענ נאָר פאַראַנ אינ דאָרפ, שטייענ זיי אַלע באַמ ברעג, פּאַטשנ מיט די הענטלעכ אונ שריַיענ — אטיו! א־ט־יו! אפ וועמענ שריַיענ זיי עס? דאָדל האָט טאַקע געזאָגט אַנ עמעס: אַ סאַכ שיפלעכ דרייענ זיכ אפנ טיַיכ, צווישנ די קריִעס.

— וואָס זאָל עס באַטיַיטנ? אַ, רעב אריע־לייב?

לאָזט זיכ אויס, אַז די קאָלווירטניקעס פונ פוזינאַ זיַינענ אַרויס אפ יאָגד אפ די ווילדע ציגנ, וועלכע האָבנ זיכ אויסגעלייגט אפ די קריִעס אַיִז, ווי אפ לאָנקעס פאַשע.

— אָט דאָס הייסט אָפּגעטאָנ אַ שפּיצל. אויסטראַכטנ אַזאַ מיַיסע — פרעמדע שיפלעכ גאָר. ווו איז ער עס, דער טאַכשיט מיַי־נער? — אונ אריע־לייב האָט אויסגעווישט מיטנ ברעג פאָלע דאָס פאַרשוויצטע פּאָנעם, — נו, זאָגט שוינ איר, רעב יאַנקל, אויס־טראַכטנ אַזאַ מיַיסע!..

יאַנקל האָט זיכ איַינגעשטעלט פאַר דאָדלענ.

— אַ קינד בליַיבט אַ קינד. מיכ וווּנדערט נאָר, וואָס אַזאַ מענטש, ווי איר, וועלכער וווינט שוינ אינ פוזינאַ אַ קיַימעלאָנ פונ אַכט־ניַינ יאָר, זאָל זיכ אַזוי לאָזנ נאַרנ. מיילע איכ בינ דאָכ אַ ניַיער איבער־וואַנדערער, אָבער איר ווייסט דאָכ, אַז אינ אָט דער ציַיט כאַפּט מענ ציגנ אפנ אַמור.

— עס איז מיר גאָר פונ קאָפּ אַרויסגעפאַלנ.

זיי לאָזנ זיכ אַראָפּ צומ ברעג. אינ איינעמ פונ די שיפלעכ זיצנ

דרייענ: מיילעכ ווײַנשטיינ, כאַימ לאַפּידוס אונ אַנ אַלטער אַמורער קאַזאַק, ניקיטע זאַרודינ. מיילעכ אונ זאַרודינ שטייענ אויפ מיט בלע־כענע קווערטלעכ דאָס אָנגעלאָפענע וואַסער פונ שיפל, אונ כאַימ לאַפּידוס, אַ וווקסיקער באָכער, שטייט מיט פאַרקאַטשעטע הויזנ ביז די קני אונ פאַרשטופּט מיט אַ שמאַטע אינ שיפל דעמ שפּאַלט. ער קוקט אויפנ וואַסער, אונ זײַנע לוסטיקע אויגנ קוועלנ. דער באָכער איז פאַרליבט אינ דעמ אַמור, דאָ האָט ער זיכ אויפגעהאָ־דעוועט אונ געוואַקסנ. אַכצנ יאָר, אַז דאָ איז זײַנ היימ, אונ אינ־גאַנצנ איז ער אַלט עטלעכע אונ צוואַנציק. ער האָט שוינ געיאַרשנט אַלע געוווינהײַטנ פונ די היגע אײַנוווינער. זומער איז ער אַנ ערד־אַרבעטער אונ ווינטער — אַ יעגער. דעמ ווינטער פאַרברענגט ער אינ טײַגע. נאָר די בעסטע צײַט פונ יאָר איז בײַ אימ דער האַרבסט, ווענ די ווילדע ציגנ שווימענ אַריבער מיטנ אײַז פונ דעמ מאַנטשזשורער ברעג אויפ דער זײַט אַמור, לויפנדיק אויפ דאָרעמ, ווו ס'איז נאָכ פאַראַנ פּאַשע. קומט דער האַרבסט, ווענ אויפנ אַמור באַווײַזנ זיכ די ערשטע קריעס אײַז, איז כאַימ לאַפּי־דוסנ ניט אַרויסצושלעפּנ פונ טײַכ.

— נו, יאַנקל, — רופט זיכ כאַימ אָנ צומ נײַעמ איבערוואַנדע־רער יאַנקל שעווצ, — ווי געפעלט אײַכ עפּעס אונדזער אַמור? כ'האָב דאָכ אײַכ געזאָגט, אַז אויב מע איז ניט פויל, קאָנ מענ דאָ זײַנ באַזאָרגט מיט פיש אונ פלייש איבערנ קאָפּ. גיט נאָר אַ קוק, ס'אַרא ציגנ.

בײַ כאַימענ איז הײַנט אַ גליקלעכער טאָג. ער האָט שוינ באַוויזנ כאַפּנ עטלעכע ציגנ, אונ ביז נאַכט איז נאָכ גענוג צײַט. אויב אַלע זאָלנ אַזויפיל באַווײַזנ, וועט קלעקנ פלייש אויפנ גאַנצנ ווינטער. פעט, זיס פלייש. אונ ניט אַזוי דאָס פלייש, ווי די פעלכלעכ, פונ וועלכע מע אַרבעט אויס פעלצנ.

— כאַימ, זאָג נאָר דעמ אוילעמ, מע זאָל אויפהערנ שרעקנ די ציגנ. זע נאָר אַ טומל מע האָט אָנגעמאַכט, — בייזערט זיכ מיילעכ.

— ניקיטא מיכײַלאָוויטש, — האָט כאַמ זיכ אָנגערופנ צו דעמ אמורער קאזאַק, וועלכער איז געזעסנ אפנ ברעג שיפל אונ גע־לאָסנ געפּיפּקעט פונ זײַנ לאַנגער ליולקע, — עפּשער וואָלט איר פארבליבנ אפנ ברעג אָפּשינדנ די פעל? אריע אונ יאנקל וועלנ אײַכ העלפנ. איינער פונ זיי איז א געוועזענער פעלצנמאכער, אונ דער אנדערער איז, דאכט זיכ, א געוועזענער קאַצעוו. מיילעכ, ווי קלערסטו, מירנ אײַנצווייענ זיכ ספּראַווענ מיט די ציגנ?

— ס׳הייסט, איכ וועל שינדנ די פעל?..

אפ אזא ארבעט האָט יאנקל דער אַלמענ זיכ לאַכלוטנ ניט גע־ריכט. ער איז אפ זײַנ לעבנ גאָר קיינמאָל קיינ קאַצעוו ניט געוועזנ. בעסאכאַקל איז ער געוועזנ א בעקער. ווי קומט צו אימ שינדנ ציגנ?

— א מענטש דאַרפ אַלצ קענענ, — האָט אריע־לייב רויק גע־זאָגט.

יאנקל איז געשטאַנענ אינ א זײַט אונ זיכ צוגעקוקט, ווי ניקיטע זארודינ אונ אריע־לייב נעמענ זיכ פאָרענ בא די ציגנ. פּלוצעמ האָט ער אויסגעשריענ ווי ניט מיט זײַנ קאָל:

— צוליב וואָס האָט מענ זיי אָפּגעהאקט די וויידלענ?

— א נײַער באַל־ראַכמאָנעס האָט זיכ אָפּגעזוכט. מענטש וואָס איר זײַט, — האָט אריע־לייב אימ געגעבנ צו דערקלערנ, — ווו האָט איר געזענ א ווילדע ציג מיט א וויידל?.. אָבער גענוג שוינ קאַשעס, שמועסט זיכ בעסער אוועק שינדנ.

פלינק אונ געניט, ווי ס׳האָט אימ געלערנט זײַנ טאַטע, זײַנ זיידע, האָט דער טיפ־באַיאָרטער אמורער קאזאק ניקיטע זארודינ אראָפּגעצויגנ די בלאָנדע פעלכלעכ פונ די ציגנ, דערבײַ האָט ער אכטונג געגעבנ, אז שינדנדיק, זאָלנ אריע־לייב מיט יאנקלענ ניט צערײַסנ די פעלכלעכ, דעריקער ווענ מע שינדט ארומ די אויערנ. בא ניקיטע זארודינענ זײַנענ די אויערנ פונ דער ציג טײַערער פאַר־נעמ גאנצנ פעלכל. ווארעמ אָנ א פעלצ קאָנ נאָכ א יעגער ווי־ניט־איז אויסקומענ, נאָר אָנ א ציגענעמ היטל מיט ציגענע אויערנ האָט

א יעגער ניט וואָס צו גיינ אפ יאגד. די ציגנ וועלנ באלד דערקענענ, אז סע גייט א מענטש.

— פארשטאנענ?

— פארשטאנענ, — ענטפערט יאנקל.

איינ דרויסנ שמעקט מיט פרילינג, ניט מיט הארבסט. אזא זונ ווי היינט טרעפט מאקע נאָר איינ פרילינג. דער אמור אָבער פארגעסט ניט, אז ס'איז שוינ נעכטנ געפאלנ א שניי, און אז עס איז די צייט ניט פונ לויפנ, נאָר פונ שטיינ. נאָכ א וואָכ, נאָכ צוויי, און ער וועט זיכ מוזנ שטעלנ. דערווייל זיינענ אָבער זיינע וואסערנ גענוג שטארק. עס קלעקט זיי קויעכ צו שלעפנ אפ זיכ גרויסע אינדזלענ אייז, וואָס גייענ פונ ערגעצ וויים, וויט...

דער גאנצער אמור איז פארשפרייט מיט קריִעס, און אפ די קריִעס ליגנ גאנצע סטאדעס ציגנ.

כאִימ און מיילעכ זיינענ שוינ אינמיטנ טייכ. זיי שווימענ וויטער. דאָס שיפל דרייט זיכ נאָכאנאנד צווישנ די קריִעס.

— כאִימ! טו נאָר א קוק וויפל! אוי, כ'וועל ניט אויסהאלטנ! זע נאָר וויפל ציגנ! — און מיילעכ וויינשטיינ האָט גענומענ האסטיקער ארבעטנ מיט די וועסלעס. דאָס שיפל הוידעט זיכ, קרעכצט, בלייבט פלוצעמ שטיינ, גלייכ דאָס אייז וואָלט עס בעקיוונ פארהאלטנ, ביז די גרויסע קריִע מיט ציגנ וועט באוויינ אנטלויפנ פונ דער געפאר.

— שטיי! — גיט כאִימ אָפ א קאָמאנדע, — הער אופ רודערנ!

אפנ שיפל רוקט זיכ א גרויסע קריִע אייז. אפ דער קריִע ליגנ עפשער א צוואנציק ציגנ. כאִימ און מיילעכ פארטייענ דעמ אָטעמ. קיינ פיפס טאָר זיכ איצט ניט הערנ. מיילעכ האָט אָבער ניט אויסגעהאלטנ און א געשריי געטאָנ: — טו נאָר א קוק וויפל!..

דערהערט א מענטשלעכע שטימ, האָבנ די ציגנ זיכ אופגעהויבנ פונ די ערטער, און, ווי רייצנדיק זיכ מיט זיי, גענומענ שפרינגענ פונ איינ קריִע אפ דער אנדערער, פארבלענדנדיק מיטנ פלינקנ געפאָכ פונ די דארע וויסע פיסלעכ. עטלעכע פונ זיי האָבנ זיכ

אראָפּגעגליטשט פונ דער קריע אונ זײַנענ ארײַנ אינ וואסער. גע־ווינטע צו טראָגנ זיכ איבער דער געדיכטער טײַגע, קלעטערנ איבער די סאָפּקעס, זײַנענ די ציגנ אויכ געוווינט צו די טיפע אונ האס־טיקע וואסערנ פונעמ אמור. מײַלעכ האָט שוינ אפ זײַנ לעבנ געזענ, ווי סע שווימענ קאטשקעס, פערד, הינט, אָבער קיינער פונ זיי קאָנ זיכ ניט פארגלײַכנ מיט די ווילדע ציגנ. ניט זיי שווימענ, נאָר זיי לויפנ איבערנ וואסער. כאַימ אונ מײַלעכ טרײַבנ גיכער דאָס שיפל. די סאַזשלקעס וואסער ארומ די ציגנ ווערנ וואָס אמאָל שמעלער, שמע־לער. צוגעשווומענ צו א קלײנער קריע, האָבנ די ציגנ אפּגיכ פארוואָרפנ די פאָדערשטע פיס, געוואָלט ארופכאפּנ זיכ אפ איר, נאָר דאָס אײַז איז צו גליטשיק. דאָס שיפל האָט זיי אָנגעיאָגט.

— מײַלעכ, האַלט! — אונ כאַימ האָט אָנגעכאַפּט א ציג פאר די אויערנ.

מײַלעכ פארשטייט ניט, וואָס שרײַט ער אפ אימ, כאַימ. וואָסי, ער וועט אײַנלאָזנ אזעלכע ציגנ?..

דער טאָג האַלט שוינ בא פארגיינ — אזא פארדראָס. מאָרגנ דארפ מענ ארויספאָרנ אפ יאָגד פרי קאיאָר. מע טאָר ניט דורכלאָזנ אזא צופאַל.

איצט, ווענ דאָס שיפל איז שוינ פול מיט ציגנ, פארגינט זיכ כאַימ פארײַכערנ א ציגאר. אינ דער זעלבער רעגע דערזעט ער, ווי פונעמ מאנטשזשורער ברעג טיילט זיכ אָפּ א נײַע גרויסע קריע מיט א גאנצער טשערעדע ציגנ. אזא פארמעגנ! מײַלעכ שטרעקט אזש אויס די הענט. ער וויל זיי אָנכאַפּנ.

— ע, כאַימ, — רופט זיכ מײַלעכ אָנ, — ווענ מע קאָנ אײַנשפּאַ־נענ א פאָר פערד אונ צושלעפּנ די קריע צו אונדזער ברעג!

— וואָס נאָכ וועט דיר אײַנפאלנ? — אונ כאַימ קוקט שוינ אליינ אויכ צומ אנטקעגנדיקנ ברעג אונ קאָנ ניט אָפּרײַסנ דאָס אויג.

דער מאנטשזשורער ברעג איז זיי בײַדנ גוט באקאנט. אכצנ

יאָר, אַז זיי וווינענ דאָ. אכצנ יאָר אינ נאָענטער שכיינעם מיט מאַנטשוזשוריע, ווו באַלעבאַטעוועט האָבנ די סאַמורײַענ. איצט זײַנענ די יאַפּאַנער צעקלאַפּט. די רויטע אַרמיי האָט באַפרייט מאַנטשזשוריע. כאַיִם און מײלעכ זײַנענ אויכ געווענ אַפּ יענער זײַט. זיי זײַנענ ביידע געווענ טאַנקיסטנ...

אריע-לייב און יאַנקל האָבנ פונ ברעג די גאַנצע צײַט נאָכגע־קוקט נאָכנ שיפל, אינ וועלכנ עס זײַנענ געזעסנ דער טראַקטאָריסט מײלעכ ווײַנשטיינ און דער גאָרטנ-בריגאַדיר כאַיִם לאַפּידום.

— אַפּאָנעם, דער אַמור איז טאַקע גרעסער פונעם דניעפּער. ווי מיינט איר, אריע-לייב?

— אַ מאָשל. ס'איז דענ אַ טײַכ? ס'איז דאָכ אַ יאַם. גיט נאָר אַ קוק, ס'אַרא ברייט.

ס'איז שוינ באַלד אָוונט, נאָר דער אַמור איז נאָכ אַלצ פאַר־פלייצט מיט שיפלעכ און מולטערס. לענגויס דעם ברעג שטייענ רײַ־טערס און גיבנ אַכטונג נאָכ די ציגנ, וואָס לויפנ אַהער פונ די שווימענדיקע קרײַעס. פונ מאָל צו מאָל דערהערט זיכ אַ קנאַל פונ אַ ביקס, אַ געביל פונ יעגערשע הינט.

— וואָס זאָל איכ אײַכ זאָגנ, רעב אריע-לייב — האָט יאַנקל זיכ ווידער אָפּגערופנ, — דאָ איז דאָכ טאַקע אַ לאַנד פונ האָניק און מילכ. ווילסטו פיש, איז פיש, פלייש — איז פלייש, און די ערד איז דאָ, דאַכט זיכ, אויכ ניט צו פאַרזינדיקנ. עס וואַקסט דאָ קיינ אײַנ־האָרע ניט ערגער ווי בײַ אונדז אַרום שקלאָוו.

— מיר ווייכנ עס שוינ פונ לאַנג, — האָט אריע-לייב אימ דערופּ געענטפערט... — שאַט, וואָס פאַר אַנ אוילעם האָט זיכ עס דאָרט צונויפגעקליבנ אַרום זאַרודינענ?

אַפּ אַ הויכנ אַרומגעוואַשענעם שטיינ איז געזעסנ דער באַיאָר־טער אַמורער קאַזאַק ניקיטע זאַרודינ. אַרום אימ זײַנענ געשטאַנענ עטלעכע ייִדישע איבערוואַנדערער און געהאָרכט, וואָס דער אַלטער דערציילט.

...די שיפלעכ אונ מולטערס, וואָס שווימענ איבערנ אמור, ־ער־מאַנענ זאַרודינענ די מולטערס, אינ וועלכע מע האָט געטריבנ די טראַנסבײַקאַלער קאַזאַקנ איבערנ טײַכ שילקא אהער, צומ ווײַטנ אמור. ס'האָבנ נאָכ דאַנ די דאָזיקע ערטער קיינ נעמענ נישט גע־האַט. א ווילדע טײַגע אונ א טויטער ברעג.

ניקיטע זאַרודינ געדענקט: צו זיי אינ טראַנסבײַקאַלער דאָרפ זײַנענ אָנגעלאָפנ א סאַכ רײַטער, פאַרטריבנ אַלעמענ אינ קלויס־טער אונ געמאָלדנ דעמ באַפעל: אַלע דאַרפנ אריבערפאָרנ אפנ אמור. מע האָט איבערגעלאָזט די הײַזער אונ דאָס גוטס, די פערד אונ די בעהיימעס, אונ מע האָט זיכ געלאָזט מיטנ וואַסער אינ אומבאַקאַנטנ וועג. לאַנגע כאָדאָשימ האָט מענ געוווינט אפנ וואַ־סער. אַז מע איז אָנגעקומענ אפנ אָרט, האָט אפנ זעלבנ ברעג זיי באַגעגנט דער פּאָרעצ פּוזינ. ניקיטע געדענקט, ווי מע האָט דאָ זײַנ טאַטנ, מיכײַלאָ זאַרודינ, פאַרשמיסנ אפ טויט פאַר ניט אראָפּ־נעמענ דאָס היטל פאַרנ פּאָרעצ, אונ דעמ זיידנ זײַנעמ האָט מענ אַוועקגעשיקט צוריק צופוס אפ בײַקאַל, ער זאָל ברענגענ דעמ עלטערנ זונ זײַנעמ, וועלכער איז אפנ וועג אַנטרונענ. צוויי יאָר איז דער זיידע געגאַנגענ צופוס, אונ, גייענדיק, געשטאָרבנ ערגעצ אינ וועג.

דער אמורער קאַזאַק ניקיטע זאַרודינ דערציילט וועגנ דעמ ערשטנ יידנ, וועלכנ ער האָט דאָ באַגעגנט. דאָס איז געווענ מיט א יאָר פערציק צוריק. אינ א הייסנ זומער־טאָג האָט באַמ זעלבנ ברעג זיכ אָפּגעשטעלט א שיפ, אונ מע האָט פונ דאָרט אַרויסגע־פירט עטלעכע פאַרשיקטע. מיט איינעמ פונ זיי האָט ניקיטע זיכ נאָכדעמ שטאַרק באַפרײַנדעט. דאָס איז געווענ א מיטליאָריקער פעסט־געזעצטער מענטש. א ייד. איסאַק האָט מענ אימ גערופנ. אָט דער איסאַק פלעגט זײַנ אַנ אָפטער אַרײַנגייער צו זאַרודינענ. ער פלעגט צונויפקלײַבנ זײַנע דערוואַקסענע קינדער, די יוגנט פונ דאָרפ אונ זיי דערציילנ וועגנ די שטרײַקנ אינ די גרויסע שטעט.

וועגנ אופשטאנדנ פונ די פויערימ קעגנ די פריצימ. איסאק איז אויכ געווענ א פויער, פונ די יידישע קאָלאָניעס אפ אוקראינע איז ער געווענ.

— זומער פלעגט ער אונדז העלפנ באארבעטנ דאָס פעלד אונ ווינטער גייג מיט אונדז אפ יאגד. א העלדישער מענטש געווענ. אונ א הארצ האָט ער פארמאָגט א גאָלדנס. צוויי יאָר האָט ער באַ אונדז געוווינט, אונ אפנ דריטנ איז ער פונדאנענ אנטלאָפנ. א טייערער מענטש געווענ. דאָס איז געווענ דער ערשטער ייד, מיט וועלכנ מיר האָבנ זיכ דאָ געטראָפנ.

— אונ ווער איז געווענ דער צווייטער ייד? — האָט דער אוילעם געפרעגט.

— איר! — האָט ניקיטע זארודינ אָנגעוויזנ אפ די פארזאמלטע. — וויפל איז שוינ, אז מיר וווינענ דאָ מיט אייכ צוזאמענ?

— וויפל? באלד צוואנציק יאָר, — האָט אריע־לייב געענטפערט.

נאָר אלעמענ האָט זיכ געדוכט, אז מע וווינט דאָ שוינ א סאב לענגער. מע איז שכיינימ פונ קאמע־וועקאמע יאָרנ.

מייער אלבערטאָנס
ליכטיקנ אָנדענק

די ביראָבידזשאנער מישפּאָכע

I

— יינגעלע, ווו וווינט דאָ שיע לאנדמאנ?

— שיע לאנדמאנ ווו וווינט? — אונ דאָס יינגעלע, וואָס האָט געקייקלט א הילצערנע רייפ איבער דער שטילער שאָלעמ־אליכעמ־גאס, האָט ארויסגעשטעלט א פאָר פארוווּנדערטע אויגנ, פונקט מע וואָלט באַ אימ געפרעגט, ווי, אשטייגער, רופט זיכ די שטאָט, אינ וועלכער מיר געפינענ זיכ אצינד. לויט דעמ, ווי ער האָט מיכ באַ־

טראכט, אונטערגעשמייכלט אונ דערבײַ א דריי געטאָנ מיטנ קור־
טשעראָווע קעפּל, האָט זיכ געפילט, אז ער נעמט אָנ מײַנ נאָכ־
פרעגנ זיכ אפ שײַע לאַנדמאַנס אדרעס עפּעס ווי א מײַנ קאָטאָוועס.

— אזוי גאָר? — האָט ער זיכ צו מיר אָנגערופנ, — איר ווייסט
גאָר ניט, וווּ שײַע לאַנדמאַנ וווינט?

— פאַרוואָס מוז איכ עס וויסנ?

דאָס יינגעלע האָט זיכ מיטאַמאָל געענדערט אינ פּאָנעם, איז
געוואָרנ ערנסט.

— איר זײַט ניט קיינ ביראָבידזשאַנער!..

דאָס האָט ער שוינ ניט געפרעגט, נאָר געזאָגט אפ זיכער.

דער ענטפער זײַנער איז פאַר מיר געווענ ניט אומדערוואַרט
אונ דאָכ זייער מאָדנע. ביראָבידזשאַנ איז דאָכ ניט די אַמאָליקע
טיכאָנקע. דאָס איז שוינ א גאַנצ היפּשע שטאָט, מיט גאַסנ אונ
געסלעכ, וואָס האָבנ זייערע באַזונדערע נעמענ, אונ ווו יעדעס
הויז, יעדע קוואַרטיר האָט א נומער. ווי אַנדערש? ס'איז דאָכ א
שטאָט פונ עטלעכע צענדליק טויזנט אײַנוווינער. קאָנ מענ דענ עס
אַלעמענ קענענ, וויסנ יעדערנס אדרעס?

— פונוואַנענ, אשטייגער, האָסטו עס גענומענ, אז איכ בינ
ניט קיינ ביראָבידזשאַנער? — האָב איכ געפּרוווט מיטנ יינגעלע
פאַרפירנ א געשפּרעכ.

— ווײַל אַלע אונדזערע ביראָבידזשאַנער וויסנ, אז שײַע לאַנד־
מאַנ וווינט אפ דער שאָלעמ־אַליכעמ־גאַס, אינ יענעמ־אָ הויפ מיטנ
גרינעמ טויער. אז איר וועט אַרײַנ אינ הויפ, וועלנ אײַכ דאָרטנ
אַלע אָנווײַזנ זײַנ שטוב. זי איז מיט א גרויסער וועראַנדע, — אונ
דאָס יינגעלע האָט זיכ ווידער גענומענ קײַקלענ די הילצערנע רייפ
איבער דער ברוקירטער שאָלעמ־אַליכעמ־גאַס, וואָס איז פונ ביידע
זײַטנ פאַרבויט מיט שיינע צווייעטאָקיקע הײַזער.

אַמאָל, אינ א קליינ שטעטל, האָט יעדער אייגער געוווּסט, ווו
עס וווינט דער רופע, דער אַפּטייקער. אינ א שטאָט, אָט אַנ ערעכ

אזא, ווי בירָאבידזשאנ, האָבנ קימאט אלע געוווּסט די וווינונג פורנעמ פראָפעסאָר, וואָרעמ אמאָליקע יאָרנ איז ער געווענ איינער אינ שטאָט. אָבער שיִע איז דאָכ ניט קיינ פראָפעסאָר, און בירָאבידזשאנ — ניט די אמאָליקע פראָווינציעלע גובערניע־שטאָט. לאנדמאנ איז א געוויינלעכער סטעלמאכער. פאראנ דאָ א סאכ אזוינע באלמעלאָכעס ווי ער.

און דאָכ איז דאָס ייִנגעלע פאָרט גערעכט. בירָאבידזשאנ איז טאקע ניט קיינ שטעטל, ניט די אמאָליקע פראָווינציעלע גובערניע־שטאָט, ס'איז אָבער בירָאבידזשאנ. דער, וואָס האָט דער ערשטער זיכ פארמאסטנ מיט דער האק אפ דער בירָאבידזשאנער טײַגע, דעמ קענ מענ דאָ. שיִע לאנדמאנ איז פונ די סאמע ערשטע איבערוואנדערער. און כוץ דעמ: ווענ מע קלײַבט צונויפ אלע זײַנע קרויווימ, וועלכע ער האָט אהער אראָפגעבראכט פונ טערנאָווקע — א קליינ שטעטל אפ דער אוקראינע, — וואָלט מענ מיט זיי געקאָנט באזעצנ גאנצ שאָלעמאליכעמ־גאס. הונדערט אכצנ מענטשנ האָט שיִע אראָפגעבראכט פונ טערנאָווקע קיינ טיכאָנקע און צוזאמענ מיט זיי געבויט בירָאבידזשאנ. אז ס'זײַנענ געזונט די וואָרצלענ, וואקסנ געזונטע ביימער. פאר די פארלאָפענע נײַנצנ יאָר זײַנענ אינ יעדער מישפאָכע צוגעקומענ שניר און איידעמס, קינדער און אייניקלעכ. מע האָט זיכ דאָ געמערט און געפרוכפערט. פונ יעדער מישפאָכע זײַנענ אויסגעוואקסנ עטלעכע, ווי פונ א פארזייטנ קערנדל וואקסט אויס א זאנג מיט נײַע קערנדלעכ. ניטאָ, דוכט זיכ, אינ בירָאבידזשאנ די גאס, וווּ עס זאָל ניט וווינענ עמעצער פונ לאנדמאנס קרויווימ, און ס'איז קימאט ניט פאראנ די פאבריק צי דער אנשטאלט, וווּ זיי זאָלנ אויספעלנ. וויל מענ עמעצנ פונ זיי לויבנ, זאָגט מענ: ער איז פונ די טערנאָווקער, פונ די לאנדמאנס.

איז דאָכ דאָס ייִנגעלע טאקע גערעכט. אזא מענטשנ, ווי שיִע לאנדמאנ, קענ מענ אינ בירָאבידזשאנ. מע קענ אימ אויכ אינ דער געגנט.

געטראָפנ האָב איכ שיִענ בא אימ אפנ גאָרטנ, וואָס אַרומ זיינ שטוב. ער האָט באַגאָסנ די בייטנ. אינ דער אַרבעט האָט אימ צוגעהאָלפנ א קליינ מיידעלע מיט קורצע שווארצע צעפּלעכ. דערזענ אינ הויפ אנ אומבאַקאַנטנ מענטשנ, האָט דאָס מיידעלע אויסגעשריִענ:

— זיידע, צו דיר! — אונ זי האָט זיכ א לאָז געטאָנ צו מיר אַנטקעגנ.

— איר דאַרפט צומ זיידנ? קוממ.

לויט דעמ, ווי דאָס מיידעלע האָט מיכ באַגעגנט, איז געווענ קלאָר, אז צו שיִענ קומענ א סאַכ מענטשנ. ס'איז געווענ, אז אינ טויער זאָל זיכ באַווײַזנ אנ אומבאַקאַנט פּאַנעמ, ווייסנ שוינ שיִעס אייניקלעכ, אז דאָס גייט מענ צומ זיידנ.

שיִע האָט זיכ מיט מיר באַגריסט, ווי מיר וואָלטנ יאָרנלאַנג געווענ באַקאַנט.

— איכ בינ זייער צופרידנ, וואָס איר זײַט געקומענ. זייער צופרידנ.

שוינ פונעמ ערשטנ וואָרט זײַנעמ האָט זיכ געפילט די אָפנהערציקײַט פונעמ געזונטנ פאָלקס־מענטש. פאַנאַנדערפרעגנ זיכ, נאָכ וואָס מע איז צו אימ געקומענ, האָט לאַנדמאַנ געהאַלטנ פאַר איבעריק. ער ווייסט פאַרפריִער: קוממט צו אימ א פרישער מענטש, איז עס מיסטאָמע א נײַער איבערוואַנדערער, אָדער אַזוינער, וואָס פאַרנעמט זיכ מיט באַשרײַבנ די געשיכטע פונ ביראָבידזשאַנ. דער גײַנצניאָריקער ביראָבידזשאַנ האָט שוינ זײַנ געשיכטע, אונ ווער ווייסט נאָכ אַזוי אַלע אײַנצלהײַטנ, ווי שיִע לאַנדמאַנ. וויפל געשיכטעס קאָנ מענ זיכ אָנדערציילנ וועגנ יעדער גאַס, וועגנ יעדנ פאַרפלאַנצטנ בוימ. וויפל שוועריקײַטנ איז מענ דערבײַ אויסגעשטאַנענ. צומ גליק, איז דאָס שוינ אַלצ געשיכטע. וויכטיק איז אָבער, וואָס דאָ איז פאַרפלאַנצט געוואָרנ א לעבנ אונ עס זײַנענ פאַראַנ גרויסע, גאָר גרויסע אויסזיכטנ אפ ווײַטער. ער קאָנ עס

מיר באווייזנ מיט אָנ א שיר בײַשפּילנ. ער דאַרפ זיי אפילע ניט גייג זוכנ. ער אליינ איז דער בײַשפּיל. אונ אויב מע מיינט — ער איז עפּעס אנ אויסנאמ, איז ער אײַך גרייט באַקענענ מיט א סאַך אַזעלכע אויסנאמענ. פאַראַנ מישפּאָכעס, וואָס לעבנ נאָך שענער ווי ער. וואָס שײַעך ברענגענ די קינדער צו טאַבלעס, האָבנ דאָ קימאַט אלע גוט באווייזנ. ווער צו וואָס עס האָט געשטרעבט, האָט דאָס דאָ דערגרייכט.

—איר זײַט בא אונדז אינ בירָאָבידזשאַנ ניט ס׳ערשטע מאָל,— האָט שוינ א זאָג געטאָנ, — מיר האָבנ זיך מיט אײַך מיסטאַמע געזענ בא אונדז אינ אָרטעל „מעטאַליסט”?

פונ דאַנ אָנ איז שוינ אָבער אדורך באַלד עלפ יאָר, אונ נאָך וועלכע יאָרנ!.. דורכגעלעבט אזא מילכאָמע, אויסגעשטאַנענ אַזוינע ניסיוינעס. ווער פונ אונדז האָט פאַר די דאָזיקע יאָרנ זיך ניט געענדערט. דער יינגערער אונ מיטעלער דאָר האָט איבערגעטראָגנ די שווערקייטנ פונ דער מילכאָמע אפנ שלאַכטפעלד, אונ די עלטערע — אפ די זאַוואָדנ אונ פאַבריקנ אינ הינטערלאַנד. טאַטע-מאַמע זײַנענ גרוי אונ אַלט געוואָרנ ניט אזוי פונ שווערער אָנגעשטרענגטער ארבעט, ווי פונ אומרויִקע טעג אונ שלאָפלאָזע נעכט, וואַרטנדיק אפ בריוו פונ זייערע קינדער אפנ פראָנט, אונ אינ דעמ איז שוינ לאַנדמאַנ ניט געווענ קיינ אויסנאמ. פינפ זינ — אונ אלע זײַנענ זיי געווענ אפנ פראָנט. איז דענ א וווּנדער, וואָס דער מענטש האָט זיך אזוי געענדערט, קיינ איינ שוואַרצע האָר איז אימ ניט געבליבנ אינ קאָפ. אָבער ווי קיינ זאַקנ זעט שוינ ניט אויס, כאָטש ער איז שוינ בא די זיבעציק. ער געהערט צו די מענטשנ, וועלכע לאָזנ זיך ניט איינברעכנ אפילע בא די סאַמע שווערסטע ניסיוינעס.

בא לאַנדמאַנענ אפנ גאָרטנ שטייט א בוימ. ער איז אנ ערעב אינ איינ עלטער מיט שוינ. צווישנ אימ אונ דעמ בוימ איז פאַראַנ זייער א סאַך אַלגעמיינס. זיי זײַנענ ביידע שטאָלצע, וווּקסיקע,

פאַרוואָרצלטע. ווי שטאַרצנדיקע צווײַגנ זײַנענ לאַנדמאַנס אַקסלענ, אונ דער טראָט — אַזאַ לײַכטער אונ פלינקער, קימאַט אַ יונגלשער. לויט די שטריכנ פונ פּאָנעמ איז צו זענ, אַז אינ דער יוגנט איז שײַע געווענ אַ פאַרשוינ. ער איז נאָכ איצטער פול מיט כיינ. בײַ אימ איז אַ מילד לענגלעכ פּאָנעמ, אַ הויכער ליכטיקער שטערנ אונ אויגנ — טונקל־בלויע, ווי דער ביראָבידזשאַנער הימל. אַז מע דערזעט אַזעלכע אויגנ, באַמערקט מענ גאָר ניט, אַז בײַ דעמ מענטשנ איז אַ גרויער קאָפּ האָר. זײַנ רויִקע שטימ, די אײַנגעהאַלטענע באַוועגונגענ זײַנענ ניט קיינ סימענ פונ אײַנגעשטילטער ענערגיע, וואָס איז אָפטמאָל גאַנצ נאַטירלעכ בײַ אַזאַ עלטער. ניינ, שײַע איז ניט פונ די מענטשנ, וואָס רעכענענ זיכ מיט דער עלטער. ער איז ווי דער בוימ, וואָס בײַ אימ אַפנ גאָרטנ. דער בוימ קאָנ ניט לעבנ אָנ וואָרצלענ. שײַע קאָנ ניט לעבנ אָנ אַרבעט. ער מוז זײַנ אינ באַוועגונג, שטענדיק עפּעס שאַפנ. וואָס שווערער ס׳איז די אַרבעט, אַלצ מער האָט ער פונ איר האַנאָע, אונ שוועריקײַטנ האָט שײַע שוינ דאָ איבערגעטראָגנ טאַקע נאָר אָפּ צו דערמאָנענ זיכ אינ פרײַדנ. לויט די יאָרנ האָט שײַע שוינ לאַנג רעכט אָפּ רו. נאָר די דאָזיקע רעכט אָנערקענט ער ניט פאַר זיכ. ער איז גרייט זיכ נעמענ פאַר דער סאַמע שווערסטער אַרבעט, אָט ווי אַמאָל, אינ די יונגע יאָרנ.

דאָס, וואָס ער האָט שטענדיק געפאָדערט פונ זיכ — אַרבעטנ מיט לײַב־אונ־לעבנ — האָט ער אויכ געפאָדערט פונ זײַנע קינדער, אונ אַזוי דערציִט ער אויכ זײַנע אייניקלעכ, וועמענ עס שטייט דאָ נאָכ פאַר זייער אַ סאַכ אַרבעט. שײַע לאַנדמאַנ איז פאַרגלייבט אינ דער צוקונפט פונ דער געגנט, ווי אַ גערטנער איז פאַרגלייבט אינ דער פרוכטבאַרקײַט פונעמ סאָד, וועלכנ ער האָט פאַרפלאַנצט. מיט וואָס פאַר אַ נוסעכ ער טוט עס אַ פרעג:

— ווי געפינט איר אונדזער ביראָבידזשאַנ? געוואָרנ קיינ אײַנהאָרע אַ פײַנע שטאָט. איר ט׳מיר גלייבנ: ניטאָ בײַ מיר קיינ

גרעסערער פאַרגעניגנ, ווי זיכ דורכגיינ איבער דער שטאָט. עס קוועלט אָנ דאָס האַרצ. פאַר מײַנע אויגנ איז דאָכ דאָס אַלצ אופ־געקומענ. מיט אונדזערע הענט האָבנ מיר דאָכ דאָס אַלצ אויסגעבויט.

— מיר דוכט, — האָב איכ זיכ געווענדט צו לאַנדמאַנענ, — אַז אייניקע שאַצנ אַ ביסל איבער דאָס, וואָס ס'איז שוינ פאַראַנ, אונ דערשאַצנ ניט, וואָס ביראָבידזשאַנ פעלט נאָכ.

— פאַראַנ אַזעלכע מענטשנ, לעמײַ זאָל איכ לייקענענ... מיט מיר אַליינ טרעפט אויכ אַמאָל דאָס זעלבע. איכ ווער אויכ אַמאָל פאַרכאַפּט פונ דעמ, וואָס איז שוינ אויסגעבויט, — האָט שיִע זיכ מוידע געווענ, — דאָס איז שוינ אונדזערע אַנ אַלטע זינד. איר מיינט, מיר ווייסנ עס נישט? מיר ריידנ אָפט צווישנ זיכ וועגנ דעמ. וואָרעמ דאָס, וואָס מיר האָבנ שוינ באַוויזנ אויסבויענ, איז נאָכ פאָרט אָנ אָנהייב. די רעכטע בויונג דאַרפ זיכ ערשט אָנהייבנ, אונ זי האָט זיכ שוינ אָנגעהויבנ. אַ מענטש בלײַבט אָבער אַ מענטש. אַז איכ גיי זיכ מיר דורכ איבער דער שטאָט, צי איכ פאָר זיכ דורכ מיטנ נײַעמ טראַקט קיינ אַמורזעט, ווער איכ אַזוי פאַרכאַפּט פונ אונדזער אָפּגעטאָנענער אַרבעט, אַז איכ פאַרגעס, בעשאַס־מײַסע, וואָס אונדז פעלט נאָכ. הערט איר, אויב מע פאַרלייגט אַ פעסטנ פונדאַמענט, וועט מענ אויסבויענ אַ פעסטע געבײַדע. אונ אַ פונ־דאַמענט האָבנ אונדזערע ביראָבידזשאַנער ייִדנ דאָ פאַרלייגט אַ גאַנצ פעסטנ.

— וואָס שטייט איר עס אינ דרויסנ? — קומט אַרײַנ אינ שטוב, — האָבנ מיר פונ דער וועראַנדע דערהערט אַ ווײַבעריש קאָל.

אפ דער וועראַנדע איז געשטאַנענ שיִעס פרוי, כאַנע, אַ מיטל־וואוקסיקע פולבלעכע ייִדענע, מיט אַ שוואַרצכיינעוודיק גאַסטפרײַנט־לעכ פּאָנעמ. אינ פאַרגלײַכ מיט שיִענ זעט זי אויס אַ סאַכ ייִנגער.

זי איז אַ רירעוודיקע, אַ מונטערע, פול מיט לעבנס־לוסט, מיט ענערגיע. זי איז שוינ אָבער אויכ בא די זעכציקער. ווי שיִע, איז זי אַ גרויסע קענערנ פונ דער אַמאָליקער טיכאָנקע אונ איצטערדיקנ

ביראָבידזשאַנ. פאַרגעסט עפּעס שיִע, דערמאָנט זי עס איִמ מיט אַלע איינצלהייטנ.

— ווייִדע, די באָבע רופט דאָך דיך אינ שטוב, — איז צו איִמ צוגעשטאַנענ דאָס מיידעלע מיט די קורצע שוואַרצע צעפּלעך, וועלכע האָט נאָך געהאַלטנ אינ באַגיסנ די בייטנ אפנ גאָרטנ.

שיִע לאַנדמאַנס שיינע שטוב מיט די פּילצאָליקע כאַדאָרימ האָט ער באַקומענ אַ מאַטאָנע צומ צענטנ יאָרטאָג פונ ביראָבידזשאַנ. דאָס האָט דער געגנטלעכער אויספיר־קאָמיטעט אַזוי באַערט דעמ ערשטנ ביראָבידזשאַנער טוישעוו, דעמ כאָשעווונ בענ־איר שיִע לאַנדמאַנ.

עס שײַנט דאָ אינ יעדנ ווינקעלע. ריינ, ציכטיק, געמיטלעכ. מעבלירט זײַנענ די צימערנ מיט שיינעמ ביראָבידזשאַנער מעבל; קימאַט אפ אַלע טישנ אונ פענצטער שטייענ בלומענ. מע קאָנ מיינענ, סע וווינט דאָ אַ גערטנער. אינ עס־צימער אפ דער וואַנט זײַנענ פאַנאַנדערגעהאַנגענ אַ סאַכ בילדער.

— דאָס זײַנענ מײַנע קינדער, — האָט שיִע זיכ אָנגערופנ מיט שטאָלצ, — פינפ זינ אונ דרײַ טעכטער, זאָלנ זיי מיר געזונט זײַנ. אַלע קאָמוניסטנ. דער נײַנטער קאָמוניסט אינ דער מישפּאָכע — דאָס בינ איכ אַליינ.

אַלע זינ שטייענ אפ די בילדער אינ מיליטערישע קליידער, באַהאַנגענע מיט קליי־זײַענ. די זינ זײַנענ ענלעכ אפ דער מוטער: פּולבלעכע, שוואַרצכיינעוודיקע. אונ די טעכטער — אפ שיִענ: לענגלעכע פּנימער אונ העלע אויגנ.

— די זינ אײַערע זײַנענ אויכ סטעלמאַכערס?

— ווי זאָל איכ אײַכ זאָגנ? די מעלאָכע קענענ זיי אַלע. דאָס איז שוינ בײַ אונדז אַ יערושע־זאַכ, נאָר עמעסע סטעלמאַכערס זײַנענ בײַ מיר אַווראָמ, דאָוויד אונ איציק. לייב איז געוואָרנ אַ קינסטלער, אונ דער יונגערער, יִסראָעל, דער איז נאָך אינ דער אַרמיי אונ וועט שוינ מיסטאָמע בלײַבנ אַ מיליטער־מאַנ. אונ דאָס

זײַנען מײַנע טעכטער: מאַניע, עסטער און בײלקע. א גאַנצ היפּשער פאַרמעגנ, געזונט און שטאַרק זאָלנ זײ מיר זײַנ. און דאָס, זעט איר, זײַנען מײַנע אײניקלעך. כאַנע, אַװו זײַנען עס די איבעריקע בילדער פונ אונדזערע אײניקלעך? כ'פאַרמאָג, קײנ אײַנהאָרע, זעכצנ אײניקלעך, און אַלע — ביראָבידזשאַנער. ס'הײסט, טאַקע געבױרנ דאָ, אינ ביראָבידזשאַנ. איצט פאַרשטײט איר שױנ, װאָס ביראָבידזשאַנ באַטײַט פאַר מיר? כאַנע, װו האָסטו עס אַװעק־געלײגט די בילדער?

— זײ דאַרפנ דאָך ליגנ אינ אַלבאָם, — האָט כאַנע געענטפערט, אַרײַנקומענדיק פונ קיך. — צוליב װאָס דאַרפ מענ אָבער קוקנ די קאַרטעס, אז מע קאָנ זײ אַלײנ זענ. זײ װעלנ דאָך דעמ עלפטנ אַלע זײַנ דאָ. כ'גלײב, אַז איר װעט דעמ עלפטנ קומענ צו אונדז אפ יאָמטעװ?!

— װאָס פאַר א יאָמטעװ איז דאָס דער עלפטער יונ?

די דאָזיקע פראַגע מײַנע האָט זײ באַלד דערמאָנט, אַז איך בינ ניט קײנ ביראָבידזשאַנער אײַנװױנער.

— דער עלפטער יונ, — האָט שױ געגעבנ צו דערקלערנ, — דאָס איז דער טאָג, װענ איך בינ געװאָרנ א ביראָבידזשאַנער טױ־שעװ. שױנ באַלד נײַנצנ יאָר, אַז איך בינ הי, און יעדנ יאָר, אינ דעמ טאָג, איז בא מיר א גרױסע סימכע. עס קומענ זיך צונױפ די קינדער מײַנע מיט זײערע מישפּאָכעס, קרױװים, באַקאַנטע. די טיר איז בא מיר אָנ אָפענע. װער עס זאָל ניט קומענ, איז ער בא מיר זײער אָנ אָנגעלײגטער גאַסט. דער עלפטער יונ איז בא מיר זײער א גרױסער יאָמטעװ. געדענקט זשע, דעמ עלפטנ זײַט איר מײַנער א גאַסט.

— פאַרװאָס עפּעס דײַנער? כ'האָב דעמ זעלבנ ביראָבידזשאַנער סטאַזש, װאָס דו, — און כאַנע האָט זיך צו מיר באַלד געװענדט מיט דער זעלבער פראַגע, װאָס איר שױע:

— ווי געפעלט אײַך עפּעס אונדזער ביראָבידזשאַנ? געוואָרנ א וואַזשנע שטאָט?..

וויכטיק איז דאָ געווענ ניט אזוי דאָס פרעגנ, ווי דער אויפנ פונ פרעגנ. דער זעלבער, וואָס בא שיִענ. אזוי פרעגט מענ זיכ נאָכ אפ א מענטשנ, וואָס איז דיר טײַער. ווי דאָס לעבנ.

— פונ וואָס כאַפּסטו עס אזוי היספּײַלעס? — האָט שיִע זיכ צו איר אָנגערופנ. — מע דאַרפ נאָכ היפּש בויענ אונדזער ביראָ־בידזשאַנ.

כאַנע האָט א קוק געטאָנ אפ שיִענ מיט אזעלכע אויגנ, אז יענער האָט זיכ א ביסל פאַרלאָרנ.

— זאָג מיר נאָר, שיקע, פונ וועמ אָנ האָט עס דיר אָנגעהערט צו געפעלנ ביראָבידזשאַנ?

— כ'האָב דענ געזאָגט, אז ער געפעלט מיר ניט, — האָט יענער גענומענ זיכ פאַרענטפערנ, — איכ זאָג נאָר, אז מע דאַרפ...

— בויענ? אוודאי דאַרפ מענ נאָכ דאָ א סאַכ בויענ. נו? ביסט דאָכ עפּעס א מיטגליד פונ שטאָט־סאָוועט, א באַלעבאָס — עמעצער לאָזט דיכ ניט? — אונ ווײַטער האָט זי זיכ שוינ געווענדט צו מיר:

— ניט מיר אנ אייצע, וואָס טו איכ מיט מײַנ אַלטנ. ניט אויסצוהאַלטנ פונ אימ. פאַראיאָרנ איז ער, ניט פאַר קיינעמ געדאַכט, זייער שווער פאַרשלאַפט געוואָרנ. מע האָט אימ געמוזט אָפּערירנ. די דאָקטוירימ האָבנ אימ פאַרווערט אַרבעטנ. ס'הייסט פאַרווערט?.. ער טאָר אפילע קיינ שטרוי ניט אופהייבנ פונ דער ערד. איז עס דאָכ שיִע לאַנדמאַנ. וויפל האָט מיכ אָפּגעקאָסט געזונט, ביזוואַנענ כ'האָב בא אימ געפּויעלט, ער זאָל כאָטש דערווײַל פאַרלאָזנ דעמ אַרטעל. אינ שטוב, פאַרשטייט איר דאָכ אליינ, לאָז איכ אימ גאָרניט טאָנ. מיר האָבנ טאַקע א גאַנצ היפּשע ווירטשאַפט, אָבער ס'איז פאַראַנ, ווער ס'זאָל מיר העלפנ. איז וואָס טוט ער, דער מאַנ מײַנער? ווערט ער אפ גאַנצענע טעג נעלעמ. כ'מיינ, ער איז אינ פאַרק, אָדער ער ליגט ערגעצ אפנ גראָז. די דאָקטוירימ האָבנ

אים געהייסנ וואָס מער זײַנ אַפּ דער פרישער לופט. ווײַזט זיכ אַרויס, ער גייט נאָר אַרומ איבער דער שטאָט מיט פולע קעשענעס טשוועקעס, אונ אינ די כאַליעוועס פונ די שטיוול ליגט בא אימ באַהאַלטנ א האמער מיט א צווענגל. דערזעט ער, מע זעגט א בוימ, שטעלט ער זיכ העלפנ זעגנ, טראָגט מענ קלעצער, שטעלט ער אונטער דעמ אַקסל. איז אָפּגעשפּרונגענ א ברעט פונ א פּאַרקאַנ צי פונ א טראָטואַר, שטעלט ער זיכ אַוועק פאַריכטנ. אונ אַנזומלטנ דערוויס איכ זיכ, אַז ער איז אַנ אָפּטער אַרײַנגייער אינ אַרטעל. קלוימערשט, ער קומט אַרײַנ נאָר א קוק טאָנ, אונ דערווײַל אַרבעט ער דאָרטנ אָפּ א פּאָר שעה. וואָס טראַכסטו זיכ, שיקע?

— אײַ, כאַנעלע. דו אַפּ מײַנ אָרט וואָלסט דענ אַנדערש געווענ?..

— א גוטנ-אָוונט דיר, שיקע. א גוטנ-אָוונט אײַכ, כאַנע!

דער, וואָס איז אַרײַנגעקומענ, האָט נאָכ ניט באַוויזנ צומאַכנ די טיר, ווי אינ שטוב האָט זיכ אַרײַנגעשטעלט נאָכ א מענטש. עס זײַנענ דורכ עטלעכע מינוט, אונ די טיר האָט זיכ ווידער געעפנט. פאַר א קורצער צײַט זײַנענ שוינ אַלע בענקלעכ אונ דער ווייכע דיוואַנ אײַנעמ עס-זאָל געווענ פאַרנומענ. ס'האָט זיכ צונויפגעקליבנ א גאַנצ היפּשער אוילעמ.

שיקע לאַנדמאַנס שטוב איז יעדנ אָוונט פול מיט מענטשנ. ס'קומענ קרויווימ, לאַנדסלײַט, די סמעלמאַכערס אונ סטאַמ באַקאַנטע. די טיר פונ זײַנ שטוב איז בא אימ אַלעמאָל אָנ אָפּענע. ווער ס'זאָל ניט קומענ, איז ער דאָ אַנ אָנגעלייגטער גאַסט.

אַפּנ פאַרשפּרייטנ טיש האָט זיכ באַוויזנ דער סאַמאָוואַר, געבעקס אונ פולע שיסעלעכ מיט געטריקנטע קערלעכ אונ וואַלד-ניסלעכ.

אינ מעשעכ פונעמ אָוונט האָט כאַנע יעטווידנ באַזונדער עטלעכע מאָל דערמאָנט:

— געדענקט זשע, אַז דעמ עלפטנ זײַט איר אונדזער גאַסט. הײַנט האָבנ מיר שוינ דעמ צווייטנ. ט'איר ניט פאַרגעסנ? דעמ עלפטנ יונ.

אינ דעמ עלפטנ טאָג פונ כוידעש יונ, א געוויינלעכ־וואָכעדיקער טאָג, איז די שטילע שאָלעמ־אַלייכעמ־גאַס מיטאַמאָל געוואָרנ שטאַרק באַלעבט. בא שיִע לאַנדמאַנ דעמ סטעלמאַכער איז הײַנט יאָמטעוו. ביראָבידזשאַנער ווייסנ שוינ: די טיר פונ לאַנדמאַנס שטוב איז הײַנט אָפנ פאַר יעדנ איינעמ פונ זיי. ווער ס'זאָל ניט קומענ, וועט זײַנ אַנ אָנגעלייגטער גאַסט. געדעקטע טישנ שטייענ ניט נאָר אינ אַלע צימערנ, נאָר אויכ אַפ דער באַלויכטענער וועראַנדע. אונ אויב עס וועט אויספעלנ אָרט, וועט מענ אַרויסשטעלנ טישנ אינ הויפ. ס'איז הײַנט א גרויסע סימכע בא שיִע לאַנדמאַנ.

וויפל מענטשנ די שטוב קאָנ אַרײַננעמענ, האָט זי שוינ לאַנג אַרײַנגענומענ, נאָר עס קומענ צו אַלץ נײַע אונ נײַע געסט. אינעמ מיטלסטנ צימער, אינעמ עס־זאַל, האָט באַמ סערווירטנ טיש זיכ פאַרזאַמלט לאַנדמאַנס מישפּאָכע. פונ איינ זײַט טיש — די זינ מיט זייערע ווײַבער, די טעכטער מיט זייערע מענער. פונ דער אַנדערער זײַט — די זעכצנ ביראָבידזשאַנער אייניקלעכ, אונ אויבנאָנ — שיִע מיט כאַנענ. באַמ זעלבנ טיש זיצנ אויכ די סאַמע כאָשעווע געסט, די, וואָס זײַנענ אינ איינ יאָר מיט שיִענ געקומענ בויענ די הויפּטשטאָט פונ דער יִדישער אווטאָנאָמער געגנט. מע האָט נאָכ די סודע ניט אָנגעהויבנ, ס'איז שוינ אָבער גאַנצ טומלדיק. קיינ געזאַנג הערט מענ נאָכ דערווײַל ניט. עטלעכע עלטערע מענטשנ האָבנ שוינ דאַפקע א פּאָר מאָל געפּרוווט פאַרציִענ א ניגנ, נאָר די יוגנט האָט זיי ניט אונטערגעהאַלטנ. וואָס איז די אײַלעניש? מע וועט נאָכ באַווײַזנ אי זינגענ אי טאַנצנ. די סימכע איז דאָכ אַפ א גאַנצער נאַכט. די יוגנט איז נאָר איצט אופגעלייגט אויסצוהערנ, וואָס דערציילנ די עלטערע. מע קאָנ זיכ דאָ הײַנט אָנהערנ א וועלט מיט ביראָבידזשאַנער מײַסעס. אונ פונ די דערציילטע מײַסעס איז שוינ זייער לײַכט זיכ דערוויסנ די גאַנצע געשיכטע פונ דער געגנט.

דער הײַנטיקער יאָמטעוו איז אַוואָדע ניט גאָר קיינ אַלטער. טאַכאַקל נײַנצנ יאָר, אָבער ער האָט זיכ שוינ זײַנע אייגענע טראַדיציעס, וואָס ווערנ אָפּגעהיט פונ יאָר צו יאָר. ס'איז אײַנגעפירט, אַז די סודע הייבט זיכ אָנ, ווענ אינ דרויסנ איז נאָכ גוט ליכטיק, אונ ענדיקט זיכ, ווענ עס ווערט ווידער ליכטיק. דאָס ערשטע וואָרט גערערט שוינ לאַנדמאַנענ, אונ באַלד עס דאַרפ ריידנ שוינ, ווערט איכ שטוב אַזוי שטיל, אַז מע הערט אַפילע ניט דעמ רויש פונ די יאָמטעוודיקע קליידער.

— אונדזער טײַערער כאַווער סטאַלינ!

ווי נאָר שוינ האָט דערמאָנט דעמ נאָמענ סטאַלינ, האָט דער עולעמ זיכ אויפגעהויבנ פונ די ערטער. ס'איז אָנגעקומענ די פײַערלעכסטע מינוט פונעמ הײַנטיקנ יאָמטעוו. בא אַלעמענ איז געווענ אַ געפיל, ווי דער געערטסטער גאַסט אַפ אַלע סימכעס וואָלט איצט געווענ צווישנ זיי, געזעסנ מיט זיי בא איינ טיש, אונ דערפאַר איז דאָ הײַנט אַזוי ליכטיק, אַזוי גוט, אַזוי לײַכט אַפ דער נעשאָמע.

— אונדזער ליבער כאַווער סטאַלינ!.. — אונ צוזאַמענ מיט שוינ האָבנ אַלע אויפגעהויבנ די פולע בעכער ווײַנ. — הײַנט איז געוואָרנ נײַנצנ יאָר, אַז איכ בינ געוואָרנ אַ ביראָבידזשאַנער טוישעוו. כ'האָב פאַרלאָזנ טערנאָווקע ניט צוליב נויט, כאָלילע, לעמײַ זאָל איכ זאָגנ. די ערשטע צײַט איז דאָ אונדז אַפילע געווענ שווערער ווי דאָרטנ, פונוואַנענ מיר זײַנענ געקומענ. מע דאַרפ זאָגנ דעמ עמעס. ניט אַלע אונדזערע איבערוואַנדערער האָט געקלעקט מוט בײַשטיינ קעגנ די שוועריקײַטנ, אונ ניט אַלע, וואָס זײַנענ דעמלט פאַרבליבנ בויענ טיכאָנקע, האָבנ געגלייבט, אַז מע וועט דאָ אויסבויענ אַ לעבנ. וואָס איז דאָ צו לייקענענ? געווענ צײַטנ, ווענ כ'האָב אַליינ אַ טראַכט געטאָנ, עפּשער פאָרנ צוריק קיינ טערנאָווקע. אַ הוימ, וווּהינ צו פאָרנ, האָב איכ דאָכ געהאַט פונקט ווי אַלע אונדזערע ייִדנ. אָבער אַ מענטש לעבט ניט נאָר מיטנ הײַנטיקנ טאָג, אונ ניט נאָר צוליב זיכ אַליינ. אַ קווצ איז קומענ אַפ גרייטנ. די

סאָוועטנמאַכט אונדזערע און דער כאַווער סטאַלינ, זאָל לעבנ, האָבנ געגלייבט, אַז מיר, ייִדנ, וועלנ זיכ ניט דערשרעקנ פאַר די שוועריקייטנ און וועלנ אויסבויענ אַ ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט. טראַכט זיכ נאָר אַרייַנ, מייַנע ליבע געסט, וואָס פאַר אַ שטיק גאָלדנ לאַנד די מעלוכע האָט פאַר אונדז אויסגעטיילט. איז לעכאַיִמ פאַר אונדזער פירער און פרייַנט דעמ ליבנ כאַווער סטאַלינ.

— לעכאַיִמ, ייִדנ!

— לעכאַיִמ, כאַווײרימ!

און אַז מע האָט אויסגעטרונקענ ביזנ דעק דעמ ערשטנ קאָס, האָט מענ זיכ אַרומגענומענ, זיכ צעקושט, ווי ס'קושנ זיכ מענטשנ אינ די מינוטנ פונ גרויסער מענטשלעכער פרייד.

— די בעכער, די בעכער פילט אָנ! — האָט איינ עק טיש אויסגעשריענ איינער פונ לאַנדמאַנס טערנאָווקער קרויווימ, — איכ וויל אויכ עפּעס זאָגנ.

— שיקע, — האָט דער טערנאָווקער זיכ אָנגערופנ צו לאַנדמאַנענ, — גיב אַ קוק, שיקע, וויפל פרייַנט עס האָבנ זיכ הייַנט פאַרזאַמלט בײַ דייַנ טיש. ווענ יעדער איינער פונ אונדז וואָלט אײַנגעפירט דעמ זעלבנ יאָמטעוו, וואָס דו האָסט אײַנגעפירט, וואָלסטו בײַ אונדז געווענ דער ערשטער פאַרבעטענער גאַסט. ווען מענ האָבנ מיר, טערנאָווקער, צו פאַרדאַנקענ, וואָס מיר זייַנענ געוואָרנ ביראָבידזשאַנער? דיר און דייַנ כאַנענ. דאָס האָט איר אונדז אַראָפּגעבראַכט אַהער. איז לאָמיר אופהייבנ דעמ קאָס פאַרנ ערשטנ ביראָבידזשאַנער ייִדנ, פאַר שיִע לאַנדמאַנענ, מיט כאַנענ, פאַר אַלע אײַערע קינדער און אייניקלעכ. לעכאַיִמ, איר אַ גוטער און איר אַ מאַזלדיקער שאָ, לעכאַיִמ!

נאָכ דער רעדע פונעמ טערנאָווקער קאָרעוו האָבנ גערעדט די ערשטע ביראָבידזשאַנער מעראַגלימ. ס'האָבנ גערעדט די שמידנ און בלעכער, די דאָקטוירימ און אַרטיסטנ, די סטעלמאַכער און מאַשיניסטנ פונ דער אײַזנבאַנ, די שוסטער און שנײַדער. יעדער איינער

פון זיי האָט געהאַט וואָס צו דערציילן און וואָס צו זאָגן. פריער פון אַלץ האָט מען אויסגעדערציילט, וואָס שוין לאַנדמאַן אַליין האָט וועגן זיך פאַרשוויגן. דערנאָך איז מען איבערגעגאַנגען צום איצטערדיקן לעבן דאָ. עס וואַקסט די נייע היים, יאָרן קומען צו, דאָס לעבן ווערט בעסער, די קינדער געבראַכט צו אַ טאַכלעס. מע האָט צוגעוואונטשן שיין, ער זאָל דערלעבן אויסגעבן אַלע זיינע אייניקלעך און פראַווען כאַסענעס בא זיינע אוראייניקלעך.

— מאַמע, דו געדענקסט, ווי איך האָב דיך דאָס ערשטע מאָל געפירט וויזן טיכאָנקע? — האָט זיך אָנגערופן צו כאַנען דער מיטלסטער זון אורער, איציק.

— שוויג שוין בעסער. האָסט דאָך מיך דעמלט שיר ניט דערטרונקען.

— ווו, אף דער בירע? — האָבן די געסט געפרעגט.

— שטעלט איך פאָר, אז נישט אף דער בירע, נאָר דאַפקע אף דער וואַלדהיימער גאַס.

— ווי קאָן מען זיך עס טרינקען אף אַ גאַס?

— ע, ס'איז אַ גאַנצע געשיכטע.

אָבער אז די געסט זיינען צוגעשטאַנען, האָט כאַנע שוין געמוזט אויסדערציילן די געשיכטע.

— געקומען קיין טיכאָנקע בין איך מיט אַ פאָר כאַראַשים שפּעטער פון מיין שוין. ער מיט די עלטערע קינדער האָבן געוווינט אין צענטער שטאָט. טאַקע גופא אין הויף פונעם אַרטעל, וואָס זיי האָבן דעמלט געבויט. ער האָט דאָרטן געהאַט אַ פיינעם פּאַלאַץ, אַ ביידל אף היינערשע פּיסלעך, און איך מיט די קלענערע קינדער האָבן געוווינט אין אַ באַראַק הינטערן שטאָט, דאָרט, ווו ס'שטייט איצט דער ברויט־זאַוואָד. אַ סאַך מישפּאָכעס האָבן דאָרט דעמלט געוווינט. דורכויס וויבער מיט קליינע קינדער. עס איז דורך מיסטאַמע אַ וואָך, קומט איינמאָל צו גיין מיין איציק און זאָגט: מאַמע, קום, איך וועל דיר ווייזן טיכאָנקע. נו, נו, האָט איר געדאַרפט זען, ווי עס זיינען

מיך באַפֿאַלן די ווײַבער: — וווּהין ט'איר גיין. ס'איז דאָך סאַקאַ־נעס פֿאַרן לעבן. וועלף לויפֿן אַרום איבער די גאַסן. און אומעטום איז אַ וואַסער ביז איבערן קאָפּ. בעקיצער, זיי האָבן מיך אַזוי אָנ־געשראָקן, אַז איך בין שוין דערמלט ניט געגאַנגען. איין עטלעכע טעג אַרום קומט ער ווידער, מײַן איציקל, און רעדט מיך ווײַטער צו, איך זאָל מיט אים גיין באַקוקן טיכאָנקע.

— לאָז זיך אויס, — זאָגט ער, — מאַמע, פֿון די וועלף, ס'זײַ־נען דאָ ניטאָ קיין וועלף.

— נו, און דאָס וואַסער? — פֿרעג איך בײַ אים.

— מע האָט שוין אויסגעלייגט טראָטואַרן.

די ווײַבער זײַנען מיך ווידער באַפֿאַלן, נאָר דאָס מאָל האָט שוין אויסגעפֿירט מײַן איציק. בעקיצער, כ'האָב אָנגעטאָן אַ פּאָר שטיוול, און מיר לאָזן זיך גיין. אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג, צו דערלײַדן. פּלוצעם אַ וואַסער, און אַ וועלכס! כ'האָב בעפֿירעש געמיינט, ס'איז די בירע.

— וווּ זײַנען דײַנע טראָטואַרן, איציקל? — פֿרעג איך בײַ אים.

— זעסט ניט, — זאָגט ער, — און ער ווײַזט מיר אָן אויף עטלעכע צונויפֿגעפּלאַכטענע קלעצער, וואָס שווימען איבערן וואַסער. — האָב ניט מוירע, מאַמע.

— א שיינער טראָטואַר!..—און ווי איך גיב זיך עס אַ שטעל אויפֿן קלאָץ, אַז ער טוט זיך עס ניט אַ הוידע און פּליוך גלײַך אין וואַסער אַרײַן.

— איציק, — שרײַ איך צו אים, — איך טרינק זיך!

— ס'איז גאָרניט, — זאָגט ער צו מיר און שמייכלט, — טיפֿער וועט שוין ניט זײַן. און, צווייטנס, וועלן מיר באַלד האָבן די טריקע־ניש.

— דעם עמעס געזאָגט, האָב איך געוואָלט גיין צוריק, נאָר ס'האָט מיר עפּעס ניט געפּאַסט. וואָס וועלן זאָגן די ווײַבער אין

באראק?.. וואָס זאָל איך אײַך דערציילן? ביזוואַנען איך האָב זיך דערקלײַבן צו שיִעס פּאַלאַץ, האָב איך געמײנט, אַז כ'עק זיך. נאָר פֿון דעמלט אָן האָב איך אױפֿגעהערט זיך שרעקן פֿאַר ביראָבידזשאַנער שוועריקײַטן.

— זי איז בײַ מיר אַ עמעסע ביראָבידזשאַנערן, — האָט שיִע מיט שטאָלץ זיך אָנגערופֿן צו די געסט,—זי האָט אײַן ביראָבידזשאַן אַרײַנגעלײגט גאַנץ האַרעוואַניִע.

— איר דאַרפֿט אונדז דערציילן? — האָט עמעצער פֿון די אַלטע טױשוויִמ אים איבערגעשלאָגן, — וואָסי, מיר געדענקען ניט, ווי זי פֿלעגט צונױפֿקלײַבן די ווײַבער פֿון שטאָט און גײן מיט זײ ברוקירן די גאַסן?!

— נו־אַ, מאַפּסיק, — האָט לאַנדמאַנס טערנאָווקער קאָרעוו, מײַסע גאַבע, אַ קלאַפּ געטאָן איבערן טיש. — דער ווײַן ווערט דאָך קאַלט. לעכאַימ!

אין אַ צײַט אַרומ איז אין אַלע צימערן און אַפֿ דער באַלױכטענער וועראַנדע ווידעראַמאָל געוואָרן שטיל. שיִע לאַנדמאַן האָט באַדאַנקט די געסט.

— מײַנע ליבע געסט, — האָט שיִע אָנגעהױבן מיט זײַן שטילער, רויִקער שטימ, — איך בין איבערגליקלעך, וואָס בײַ מײַן טיש האָבן זיך הײַנט פֿאַרזאַמלט אַזױפֿיל פֿרײַנט. בײַ אונדז, יִדן, זײַנען געװען אַ סאַך יאָמטױויִמ, נאָר צונױפֿקומען זיך בײַ אײן טיש פֿלעגט מען בלױז אײן מאָל אין יאָר, פּורימ צו דער סודע. נאָר וואָס פֿאַר אַ פֿאַרגלײַך איז דער ראָשע האָמאָן מיט אַזאַ צוירער, ווי היטלער יִמאַך־שמוי. מעגן מיר זיך דאָך הײַנט אוואדע פֿרייען. בײַ מײַן טיש פֿעלן הײַנט אױס אַ סאַך אונדזערע פֿרײַנט. אונדזערע ביראָבידזשאַנער יִדן האָבן זיך געשלאָגן מיט די דײַטשן, מיט די יאַפּאָנער, ווי עס דאַרפֿן זיך שלאָגן ביראָבידזשאַנער יִדן. זײ האָבן דאָס לעבן ניט געשאַנעוועט פֿאַר אונדזער לאַנד...

שיִע האָט אַראָפּגעלאָזט די אױגן און אַנשוויגן געוואָרן. אַ טױטע

שטילקייט האָט זיכ ארייגגעכאפט אינ שטוב. ס'איז אָפגעגאנגענ א מינוט, אז אָט די שטילקייט זאָל צעריסנ ווערנ פונ א געוויינ. נאָר אינ דער זעלבער מינוט האָט זיכ ווידער דערהערט שיִעס רויִקע, מונטערע שטימ:

— אז איכ טו עס א טראכט, ווער איכ בינ אמאָל געוועג אונ צו וואָס האָב איכ דערגרייכט אינ ביראָבידזשאנ! ווענ האָט עס שיִע דער אָרעמער סטעלמאכער געקאָנט טראכטנ, אז ער וועט זיצנ מיט מיכאַיל איוואנאָוויטש קאלינינענ, אָט ווי איכ זיצ אצינד אָט דאָ מיט איַיכ. היפשע עטלעכע יאָר איז שוינ אינ דעמ פאראנ, נאָר יענעמ טאָג וועל איכ קיינמאָל ניט פארגעסנ. ער האָט אופגענומענ אונדזער ביראָבידזשאנער דעלעגאציע ווי א טאטע, אָפגעזעסנ מיט אונדז שיינע עטלעכע שאָ, אונ יעדערנ פונ אונדז פאנאנדערגעפרעגט, ווי האָט מענ געלעבט אמאָל, ווי לעבט מענ איצטער. אויסגעהערט אונדז, האָט מיכאַיל איוואנאָוויטש געבעטנ, מיר זאָלנ אימ אָפטער שרייבנ, אינ וואָס מיר נייטיקנ זיכ, אונ האָט געזאָגט, אז ער גלייבט, אז מיר וועלנ דאָ מיט דער מעלוכעס הילפ אויסבויענ א שיינ יִדיש לאנד.

אונ דאָ האָט שיִע זיכ געווענדט צו זייַנע קינדער אונ אייניקלעכ.

— ס'וועלנ נאָכ בא איַיכ זייַנ א סאכ ליכטיקע יאָמטויווימ, נאָר דער הייַנטיקער יאָמטעוו — דאָס איז א באזונדער יאָמטעוו, א ביראָבידזשאנער יאָמטעוו. אינ דעמ דאָזיקנ טאָג זאָלט איר זיכ אלע צונויפקלייַבנ צוזאמענ, אונ די טיר פונ איַיער שטוב זאָל זייַנ אָפנ פאר יעדנ איינעמ, וואָס וועט קומענ אפ דער סימכע. איר זאָלט שטענדיק געדענקענ, אז די געגנט אונדזערע האָבנ געבויט אונ בויענ ניט נאָר יִדנ אליינ. אונ איצטער, כאנע־לעבנ, לאָמיר אויסטאנצנ אונדזער ביראָבידזשאנער טאנצ, וועלכנ מיר טאנצנ אלע יאָר אינ דעמ דאָזיקנ טאָג.

מע האָט פאנאנדערגערוקט די טישנ, ארויסגעטראָגנ די בענק־

לעבנ, אונ שוינ מיט כאנענ זײַנענ אוועק א טאנצ, ווי גאר אמאל, אינ די יונגע יארנ.

מע האט איצט געטאנצט אינ אלע צימערנ, אפ דער וועראנדע. ביראבידזשאנער ייִדנ האבנ זיכ מעסאמעיעכ געוועזנ אפ זייער ביראבידזשאנער יאמטעוו, וואס פאלט אויס אינ דעמ עלפטנ טאג פונעמ זומערדיקנ כוידעש יונ.

אפ יענער זײַט פענצטער איז געשטאנענ א לעוואנעדיקע, אויס־געשטערנטע נאכט. זייער פרי פאלנ אויס אינ ביראבידזשאנער הימל די שטערנ. פונ אנהייב זײַנענ די שטערנ זייער גרויסע, הענגענ אראפ אזוי נידעריק, אז סע דוכט זיכ, פונ די דעכער ביזנ הימל איז מיט דער האנט צו דערלאנגענ. בישלעכווײַז הייבנ זיי זיכ אנ פארקלע־נערנ, דערווײַטערנ זיכ, קוימ־קוימ, וואס מע זעט זיי. נאר צו האלבער נאכט דערנעענטערנ זיי זיכ ווידער, אונ יעדער שטערנ ווערט דעמלט אזוי גרויס אונ העל, כאטש שטעל זיכ אונ צייל. בײַ דער שײַנ פונ דער לעוואנע האבנ די בוימער אויסגעזעענ ווי אינ אנהייב פרילינג, טונקל גרינ אונ פריש, אונ אויכ די הײַזער האבנ באקומענ גאר אנ אנדער קאליר, ווי מע וואלט זיי נארוואס ארומגעטעסעט, אונ די נעווײַסטע מויערנ — ווי מע וואלט זיי אקארשט אויסגעבאדנ אינ מילכ. פונ דער בירע צײַט א לײַכט אונ פריש ווינטל, ס'הערט זיכ א מורמל פונ וואסער. וואנדער־שיינ איז די ווײַטמיזרעכדיקע נאכט אינ דער שטאט ביראבידזשאנ.

— ווי געפעלט אײַכ עפעס די נאכט? — האב איכ, שטייענדיק אינ הויפ, דערהערט הינטער זיכ שוינ שטימ, — אנ עמעסע ביראבידזשאנער נאכט.

שוינ איז געווענ ניט אליינ. אינ הויפ האט זיכ פארזאמלט די גאנצע מישפאכע זײַנע: כאנע, די קינדער, די אייניקלעכ. אייניקע פונ זיי האבנ געהאלטנ אנגעצונדענע לאמטערנס, מיט וועלכע ס'באנוצנ זיכ פויערימ אינ פינצטערנ סטעפ.

— עפּשער האָט איר מישעק זיכ דורכשפּאַצירנ מיט אונדז איבער דער שטאָט?

דאָ האָב איכ זיכ דערוווּסט וועגנ נאָכ א טראַדיציע פונעמ הײַנטיקנ יאָמטעוו. אינמיטנ דער סימכע, ווענ ס'הייבנ זיכ אָנ די טענצ, לאָזט זיכ די מישפּאָכע לאַנדמאַנ איבער דער שטאָט, מיט די זעלבע גאַסנ אונ געסלעכ, מיט וועלכע זיי זײַנענ מיט נײַנצנ יאָר צוריק געגאַנגענ, טאַפּנדיק אינ דער פינצטער, פונעמ פּאָלוסטאַנאָק טיכאָנקע.

פאָרויס זײַנענ געגאַנגענ געאַרעמט שיִע אונ כאַנע. הינטער זיי — די אייניקלעכ, אונ ווײַטער — די זינ מיט זייערע ווײַבער, די טעכטער מיט די מענער. האַלטנדיק אינ די הענט אָנגעצונדענע לאַמטערנס, וואָס האָבנ אויסגעשניטנ ליכטיקע פּאַסנ אָפנ טראָטואַר.

דער שפּאַציר האָט געדויערט ניט לאַנג. אָנגעהויבנ האָט מענ פונ דער הילצערנער כאַטקע, וואָס אָפ יענער זײַט באַנ־ליניע. מיט נײַנצנ יאָר צוריק איז עס געווענ דער וועלטבאַרימטער פּאָלוסטאַנאָק טיכאָנקע. פונ דאָרט איז מענ מיטנ מאַרק אַוועק צומ ברויט־זאַוואָד, ווו עס זײַנענ אַמאָל געשטאַנענ די באַראַקעס פאַר די ערשטע איבערוואַנדערער. נאָכדעמ האָט מענ פאַרקערעוועט אָפ דער וואַלד־היימער גאַס, זיכ געגומענ רעכטס אונ אַרופ אָפ דער הויפּט־גאַס, אָפ דער שיינער גרינער לעניג־גאַס. וואָס ווײַטער, אַלצ אָפטער האָט שיִע לאַנדמאַנ זיכ אָפּגעשטעלט אונ דערציילט זײַנע אייניקלעכ, וואָס פאַר א זומפּ ס'איז געווענ דאָ, ווו ס'איז איצט דער סקווער, וואָס פאַר א געדיכטע בלאָטע איז געווענ דאָרטנ, ווו ס'שטייענ איצט מויערנ. כאַנע, פונ איר זײַט, האָט צוגעגעבנ אַזעלכע אייזנצלהײַטנ, וועלכע די אַלטע בירָאָבידזשאַנער טוישווימ אפילע האָבנ שוינ לאַנג פאַרגעסנ.

אָפנ ראָג האָבנ זיכ מיטאַמאָל דערהערט שווערע קלעפּ פונ א האַק. שיִע אונ נאָכ אימ די גאַנצע מישפּאָכע איז געבליבנ שטיינ: קעגנאיבער אײַנעמ ארומגעצאַמטנ הויפ, ווו עס בויט זיכ א נײַער

מויער, זײַנען געשטאַנען פֿורן מיט געהילץ. ס'האָבן דאָרט געאַרבעט עטלעכע מענטשן. איינער פֿון זיי האָט אויסגעהאַקט א בוים, וואָס איז געוואַקסן אינמיטן הויף און געשטערט דער בויונג.

שיִע האָט מיטאַמאָל א ציטער געטאָן.

— כאַנע, — האָט ער זיך אָנגערופֿן צו דעם ווײַב, — דערקענסט דעם בוים?

— א שיינע זאַך, ס'הייסט, איך דערקען ניט דעם בוים? מיר האָבן דאָך געוווינט אין דעם זעלבן הויף א היפּש ביסל יאָר. איך געדענק, ווי דו פֿלעגסט אין די גרויסע היצן ליב האָבן זיך אויסציִען דאָ אין שאָטן.

— יאָ, כאַנע, ס'איז יענער בוים, — און שיִע האָט א זיפֿץ געטאָן.

— וואָס זיפֿצסטו עס אַזוי, טאַטע? — האָבן די קינדער בא אים געפֿרעגט.—ס'טוט דיר באַנק דער בוים?

— אײַ, קינדערלעך, קינדערלעך! איר מיינט מיסטאָמע, אַז ס'טוט מיר ווי, וואָס מע האַקט אויס דעם בוים. כ'האָב דאָ געזען ביימער אויסגעהאַקט און אויסגעקאָרטשעוועט אין שטאָט. א סאַך שענערע ווי דער. עס פֿאַרדריסט מיך, וואָס איך אַליין קאָן שוין ניט האַקן די ביימער, אַט ווי אַמאָל אין יענע יאָרן.

פּלוצעם האָט ער אָוועקגעשטעלט דעם טשאַמאָדאַן אויפֿן ברוק און איז אַרײַן אין הויף. אין א ווײַלע אַרום האָט מען אין זײַנע הענט דערזען א האַק. שיִע לאַנדמאַן, דער בען־שיוויִם, האָט געזעצט מיט דער האַק אינעם קרעכצנדיקן בוים.

— טאַטע, וואָס טוסטו? — זײַנען די קינדער צו אים צוגעלאָפֿן מיט א געשריי.

— אײַ, קינדערלעך, קינדערלעך, איר אויף מײַן אָרט וואָלט דען געווען אַנדערש?.. איר זעט דאָך, די קויכעס דערלויבן מיר נאָך האַלטן א האַק אין די הענט. שלוימעלע, קום נאָר אַהער, — האָט שיִע צוגערופֿן צו זיך דאָס עלטסטע אייניקל זײַנס, א וווּקסיק ייִנגל

מיט א טונקל פּענעמל, — קום נאָר אהער, שלוימעלע. כ'וויל א קוק טאָן, וויאַזוי האַלטסטו א האַק.

ער האָט איבערגעגעבן דעם אייניקל די האַק, און שלוימע האָט זיך געשטעלט אַפן זיידנס אָרט.

שוין לאַנגהמאַן איז געשטאַנען בא דער זײַט, דאָס פּאַנעם האָט בא אים געשײַנט.

— אָט אַזוי, שלוימעלע, — האָט ער געשריען צום אייניקל, — שטאַרקער א ביסל. אָ! אָט אַזוי! פאַראַן וועד ס'זאָל פאַרבײַטן דעם זיידן. קלײַב נאַכעס, כאַנע. שטאַרקער, שלוימעלע, שטאַרקער, זיכער־ רער! האַק אַזוי, שלוימע, אַז מע זאָל זען, אַז דו ביסט פון די לאַנד־ מאַנס, פון די ביראָבידזשאַנער!..

די מישפּאָכע האָט זיך אומגעקערט צוריק צו די יאָמטעוודיקע טישן, וואָס זײַנען געווען צעשטעלט אין אַלע צימערן פון דער גרויי־ סער, שיינער שטוב. די סימכע איז נאָך ניט געווען געענדיקט. מע וועט זיך נאָך מעסאַמייעך זײַן, ביז ס'וועלן אָנקלאַפּן אין שויב די ערשטע שטראַלן פונעם אויפגייענדיקן ביראָבידזשאַנער טאָג.

דער ביראָבידזשאַנער דאָר

איין און פופציק קילאָמעטער איז פונעם געגנטלעכן צענטער ביז בירעפעלד, און געפאָרן איז מען די איין און פופציק קילאָמעטער ווי אמאָל: בא א גוטן וועטער—צוויי־דרײַטהאַלבן מעסלעס, אין פרילינג, ווען עס צעגייט דער שניי צי סאָפּ זומער, אין די רעגנס, — א פּאָר וואָכן. אַזוי דערציילן יענע איבערוואַנדערער, וועלכע האָבן שוין ניט איין מאָל פאַרזוכט דעם טאַם פון בלײַבן שטעקן מיט פערד־און־ וואָגן אין דער געדיכטער קלעפּיקער בלאָטע.

איצט פאָרט מען קוין בירעפעלד מיטן צוג, וואָס גייט אַף יעדן אינדערפרי פונעם ביראָבידזשאַנער וואָקזאַל. צוויי שאָ, און מע איז שוין דאָרט. מיט א מאַשין אַפן נײַעם וועג דויערט די נעסיע נאָך

ווייניקער. דער נײַער וועג ציט זיך די גאַנצע צײַט באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ צווישן געדיכטן וואַלד און פֿאַרוואַקסענע סאָפּקעס. וואָס לענגער מע קוקט זיך אײַן אין אים אַרום, אַלץ מער ווײַזט זיך אַרויס, אַז דער וואַלד איז דאָ אַ צווייטשטאָקיקער. דער ערשטער שטאָק ענדיקט זיך אַף די שפּיצן פֿון די סאָפּקעס, און דאָרט אין דער הייך, אַף די באַמע קעפּ פֿון די סאָפּקעס, הייבט זיך אָן דער אַנדערער שטאָק פֿונעם אוראַלטן וואַלד, וואָס דערגרייכט מיט זײַנע צווײַגן און קרוינען צו דער בלויער לויטערער הייך.

אַפֿן איין־און־פֿופֿציקסטן קילאָמעטער באַגעגנט זיך דער שאָסיי מיטן הימלעכן וואָקזאַלכל פֿון דער נײַער אײַזנבאַן־סטאַנציע ביראַ־פֿעלד. לינקס פֿון דער סטאַנציע גייט אַ וועג צום איבערוואַנדערישן קאָלווירט „בירעפֿעלד“, צו דעם בירער פֿרווו־פֿעלד, און לינקס — אַ שמאָלע, ווייניק־אײַנגעפֿאָרענע סטעזשקע, וואָס פֿירט אין דער ריכטונג צו דער אושומונער קוילן־שאַכטע.

אָפּגעפֿאָרן מיט דער סטעזשקע אַ פּאָר קילאָמעטער, איז די מאַשין געבליבן שטיין. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די זומפּן, וואָס שנײַדן אָפּ דעם צוטריט צו דער אושומונער שאַכטע. זיבן קילאָמעטער דאַרף מען פֿונדאַנען גיין צופֿוס איבער די אויסגעלייגטע ביימער, וואָס ציִען זיך ווי רעלסן אין איין לאַנגער שורע און וויגן זיך אונטער די פֿיס, ווי אַ שיפֿל אַפֿן וואַסער. אָפּקערעווען איז דאָ ניטאָ וווהין.

— נו, לייבע, — האָט קאַלמען זעווין, דער שעף פֿון דער אושומונער שאַכטע זיך אָנגערופֿן צו לייבע מעלמאַנען, וועלכער איז געזעסן פֿאַרטראַכט אין דער לײַכטער מאַשין, — מירן גיין?!

— ניין, קאַלמען. מיר׳ן פֿליִען! אנו, צאָדעק, — האָט מעלמאַן זיך געווענדעט צו זײַן שאָפֿער, — בינד נאָר אָקאָרשט צו אַ פּאָר פֿליגל צום אווטאָמאָביל.

— פֿאַראַן צובינדן אַ פּאָר פֿליגל צום אווטאָמאָביל, כאַווער דירעקטאָר! — האָט צאָדעק דער שאָפֿער געענטפֿערט אַפֿן מיליטערישן אופֿן.

— וואָס מיינסטו, ליבע? ס'איז טאַקע א געדאַנק. ביז מע וועט דאָ דורכלייגנ די אײַזנבאַנ, וואָלט גאָר ניט שלעכט געווענ, זיצנדיק אינ אווטאָמאָביל, אריבערפליענ די בלאָטע. נאָר וויבאַלד דו האָסט זיכ נאָכ צו דעמ ניט דערטראַכט, — האָט זעווינ פאַרגעזעצט מיטנ זעלבנ האַלב־ערנסטנ טאָנ, — וועסטו שוינ מוזנ בימכילע שפּאַנענ צופוס.

— אונ פונ דאָרטנ אהער, דאַרפ מענ פאַרשטיינ, אויכ צופוס. כ'האָב מוירע, קאַלמענ, אז ס'איז א מײַסע אפנ גאַנצנ טאָג.

— האָסט ניט וואָס מוירע צו האָבנ. סײַווי, פריער ווי מאָרגנ וועל איכ דיכ ניט ארויסלאָזנ פונ מײַנ אינדזל. נישקאָשע, אויב דו וועסט אײַנ נאַכט איבערנעכטיקנ ניט אינ א קאָלווירט, נאָר אפ דער שאַכטע. באַ אונדז זייט מענ אויכ די ערד. אונ, צווייטנס, ווילסטו דאָכ זענ, ווי מע בויט שוינ דאָס אײַזנבאַנ־צווײַגל.

— איז ווענ זאָל איכ נאָכ אײַכ קומענ, כאַווער דירעקטאָר? — האָט דער שאָפער א פרעג געטאָנ, אײַנשלעסנדיק דעמ מאָטאָר.

— מאָרגנ אינ דער צײַט, — האָט, אָנשטאָט דעמ דירעקטאָר, געענטפערט זעווינ אונ א ווונק געטאָנ צומ שאָפער, ער זאָל זיכ אָפּטראָגנ. ארומגעהאַקט זיכ א פּאָר שטעקנס פונ גראָבע צווײַגנ, האָבנ די צוויי ביראָבידזשאַנער יונגעלײַט זיכ געלאָזט אינ וועג ארײַנ.

דער דירעקטאָר פונ דער מאַשינ־טראַקטאָר־סטאַנציע ליבע מעלמאַנ איז, אנ ערעכ, אינ איינ עלטער מיט זעווינענ. ס'איז א ווּקסיקער יונגערמאַנ פונ א יאָר זעקס־זיבנ אונ דרײַסיק, מיט א פּאָר ברייטע געזונטע אקסלענ, מיט א שטײַפ קײַלעכדיק פּאָנעמ אונ ענערגישע אויגנ. זײַנ ווּקסיקער קערפּער איז מאַמעש אָנגעשטאָפּט מיט גווורע. ווענ אזעלכע יונגעלײַט זאָגט מענ אינ ביראָבידזשאַנ, אז די ביימער אינ טײַגע זײַנענ זיי מעקאַנע אפ דער גווורע.

קאַלמענ זעווינ איז אינ ווּקס פיל נידעריקער פונ מעלמאַנענ. ער פאַרמאָגט ניט אזעלכע ברייטע אקסלענ, אזא קײַלעכיקע ברוסט, ער

איז אָבער אויכ א גאנצ פעסטער יונגערמאנ. ער געהערט, ווי לייבע מעלמאנ, צו יענעמ ביראָבידזשאנער דאָר, וואָס איז אויסגעוואקסנ ניט אונטער א שטילנ הײמישנ דאכ, נאָר אונטערנ פרײענ אָפענעמ הימל. ס'האָט אימ גענעצט דער רעגנ, ס'האָט אימ געבראָטנ די זונ. דער שטײפער ווינט האָט אימ געבויגנ אונ געריסנ, אונ ער איז געוואקסנ ווי א בוימ אינ דער טײגע. קוקנדיק, ווי זיכער אונ פעסט די צוויי יונגעלײט שפאנענ עס איבער דער שורע ביימער, וואָס ציִענ זיכ איבערנ זומפ, האָט מענ געקאָנט מיינענ, אז אונטער זייערע פיס געפינט זיכ אנ אספאַלטירטער טראָטואַר.

— וואָס זאָל איכ דיר זאָגנ, קאַלמענ, — האָט לייבע זיכ אָנגערופנ צו זעווינענ, א מעסט טוענדיק דערבײ מיטנ שטעקנ די טיפקײט פונעמ זומפ, — קיינ היספײלעס פונ אָט דעמ וועג איז ניטאָ וואָס צו כאפנ. איכ, פארשטייסטו מיכ, האָב ליב, אז גיינ זאָל זײנ געגאנגענ. כ'האָב פײנט גיינ מיט געמאָסטענע טריט.

— ניט געזאָרגט, לייבע! מירנ אויסטריקענענ די בלאָטע, אז ס'וועט פונ איר קיינ זייכער ניט בלײבנ. ווענ ניט די מילכאָמע, וואָלטנ מיר מיט דיר איצט געפאָרנ קיינ אושומונ מיט דער באנ.

— ע, ווענ ניט די מילכאָמע!..

לייבע איז פלוצעמ געבליבנ שטיינ. צווישנ די שיטערע ביימלעכ פונ וועלדל האָט ער דערזענ א שורע טעלעגראַפ־סלופעס. ס'האָבנ זיכ פונ דאָרט אהער געטראָגנ אָפגעהאקטע מענטשלעכע קוילעס.

— דו זעסט? — מיר דערנעענטערנ זיכ צו דער בויונג פונ דער אײזנבאנ־צווײג, וואָס וועט פארײניקנ די סטאנציע בירעפעלד מיט אונדזער שאכטע, — האָט זעווינ געגעבנ צו דערקלערנ. — אינגיכנ וועט מענ שוינ צו אונדז קאָנענ פאָרנ מיטנ צוג.

אינ עטלעכע מינוט ארומ זײנענ זיי ארײנ אינ וועלדל, וואָס איז געוואקסנ אפנ זומפ. פונ די צווײגנ האָבנ זיכ אָפגעריסנ עטלעכע פאזאנעס אונ זײנענ פארשוווּנדנ אינ דער ווײט. מעלמאנ האָט אינסטינקטיוו זיכ א כאפ געטאָנ פארנ אקסל.

— עכ, ווענ כ׳האָב מיט זיכ מײַנ יעגער־ביקס!..

— כ׳וועל דיר הײַנט אנטלײַענ מײַנ ביקס. ארומ דער שאכטע איז די טײַגע גרעסער און געדיכטער ווי דאָ. דאָרט זײַנענ נאָכ קימאט קײנ מענטשנ ניט געווענ. אָט ווענ דו קומסט צו מיר צוגאסט ווינטער, וואָלטנ מיר מיט דיר צוזאמענ געגאנגענ אפ יאגד.

א נײַע שורע ביימער, אויסגעשפּרייטע אפנ זומפּ, האָט אָפּגעקערעוועט פונ וועלדל אינ דער ריכטונג צו די טעלעגראַפּ־סלופּעס.

דער אוילעמ, וואָס האָט געאַרבעט אפ דער בויונג פונ דער אושור־מונער אײַזנבאַנ־ליניע, האָט נאָכ פונדערווײַטנ דערקענט די צוויי יונגעלײַט, וואָס האָבנ מיט פאַרבלאָטיקטע שטעקנס און די הענט געשפּאַנט איבער די אויסגעלייגטע ביימער.

— או, א גאַסט, לייבע מעלמאַנ! ווי קומסטו אהער, לייבע?

דער נאַטשאַלניק אײַעדער האָט מיכ געבראַכט צו פירנ. ווי גייט דאָ באַ אײַכ די אַרבעט? ווענ ט׳מענ שוינ צו אײַכ קאָנענ פאָרנ מיטנ ערשטנ קלאַס?

— אינגיכנ, כאַווער דירעקטאָר, — האָט זיכ אָפּגערופנ א יונגער באָכער, וואָס האָט געטראָגנ אפנ אַקסל א שטיק רעלס, — מיר אַרבעטנ ווי ביראָבידזשאַנער!

אפ דער בויונג פונ דער אײַזנבאַנ־ליניע האָבנ הויפּטזאַכלעכ געאַרבעט יונגע באָכערימ און מיידלעכ פונ ביראָבידזשאַנ, אלעקסייעווקע, בירעפעלד און פונ אנדערע אַרומיקע יִשוּווימ און דערפער. ס׳האָבנ דאָ אויכ געאַרבעט באַזאָרטע מענטשנ — יִדנ און רוסנ. איבער די אײַנגעלייגטע רעלסנ האָבנ מיידלעכ געפירט וואַגאָנעטקעס מיט שטיינער און זאַמד אפ פאַרשיטנ די זומפּנ. מע האָט געגראָבנ ריוונ אפ אָפּציִענ דאָס וואַסער, געזעגט ביימער, געשטעלט טעלעגראַפּ־סלופּעס, אײַנגעלייגט שפּאַלנ. אינ דער זונ איז געשטאַנענ א ניגנ פונ מעטאַל.

לייבע מעלמאַנ האָט דאָ אָנגעטראָפנ א סאַכ באַקענטע יונגעלײַט, וואָס זײַנענ צוזאַמענ מיט אימ מיט נײַנצנ יאָר צוריק געקומענ אינ

דער געגנט. אייניקע פונ זיי האָט ער שוינ לאַנג ניט געזעג. קאַלמאַנ ער האָט זיכ דאָ מיט אַלעמענ געגריסט, האָט קאַלמענ שוינ באַוויזנ זיכ אַרופקלײַבנ אַפ א וואַגאָנעטקע אונ צוזאַמענ מיט די פאַרברוינטע מיידלעכ געוואָרפנ פולע לאָפעטעס שטיינער אונ זאַמד אינ זומפ אַרײַנ.

לייבע מעלמאַנ איז ניט געוווינט צו שטיינ אָנ א זײַט, ווענ יענער אַרבעט. האָט ער אַראָפגעוואָרפנ פונ זיכ דאָס רעקל, גענומענ א לאָ־פעטע אינ די הענט אונ געוואָלט אַרופשפרינגענ צו קאַלמענענ, נאָר אינ דער זעלבער רעגע האָט ער הינטער זיכ דערהערט א קענטלעכע שטימ.

— לייבע, דאָס ביסטו?

איבער די רעלסנ איז צו אימ געלאָפנ א מיטלוווּקסיקער יונגער־מאַנ אינ הויכע פאַרבלאָטיקטע שטיוול אונ אינ א ברעזענטענעמ מאַנטל. דאָס איז געווענ דאַניעל כייפעצ — דער באַפולמעכטיקטער פונעמ געגנטלעכנ אויספיר־קאָמיטעט אַפ דער בויונג, א מענטש אינ די מיטעלע יאָרנ מיט א הויכנ ליכטיקנ שטערנ פונ א געלערנטנ.

שוינ אַכצנ יאָר, אַז כייפעצ איז אינ דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט, אונ ביז איצט האָט ער נאָכ ניט קיינ באַשטימט וווינ־אָרט. הײַנט איז ער דאָ, אונ מאָרגנ קאָנ מענ אימ טרעפנ ערגעצ באַמ אַמור, אינ דער טײַגע, אַפ די כינגאַנער בערג. זײַנ היימ איז דאָרט, ווו סע גייט א נײַע בויונג.

ווענ דער וויטעבסקער באָכער דאַניעל כייפעצ וואָלט זיכ געווענ פאַרנעמענ בלויז מיט זײַנ אייגענעמ ווילזײַנ, וואָלט ער די אַלע אַכצנ יאָר געקאָנט זיצנ אַפ איינ אָרט אונ פירנ א שטיל, רויִק לעבנ. ער איז פונ דרײַצנ יאָר אָנ א שמיד, אונ שמידנ האָבנ אינ ביראָבידזשאַנ שטענדיק גוט געלעבט. דאַניעל געהערט אָבער צו יענעמ ביראָבידזשאַ־נער דאָר, וואָס האָט דעמ אייגענעמ ווילזײַנ פאַרבונדנ מיטנ ווילזײַנ פונ דער גאַנצער געגנט. ער האָט געבויט אַמורזעט אונ בירעפעלד, ניט פאַרטראַכטנדיק זיכ דערבײַ, צי אימ פערזענלעכ וועט דאָ אויס־קומענ וווינענ. נאָר געבויט האָט ער מיט יענער איבערגעגעבנקײַט, מיט וועלכער א מענטש בויט זײַנ אייגענע שטוב. ער האָט געקאָרטשע־

וועט די טײַגע, ניט וויסנדיק אפריער, צי וועט אים אויסקומענ צו זייענ
אונ פלאנצנ אפ דער דאזיקער ערד. אונ אז ער האט איינ יארנ ארומ
זיך גענומענ ארבעטנ אינ דער דארפישער געברויכ־קאאפעראציע, האט
ער מיט דער זעלבער איבערגעגעבנקײַט באזארגט די דערפער מיט
סכוירעס. ער איז געווענ פארזיצער פונ א ראיאנעמ אויספיר־קאמי־
טעט, געארבעט אינעמ געגנטלעכנ אויספיר־קאמיטעט, אינעמ בירא־
בידזשאנער שטאט־סאוועט, אנגעפירט מיטנ געגנטלעכנ האנדל, אונ
קיינעמ האט ניט געוווּנדערט, וואס דאניעל כײַפעצ האט זיך מיטאמאל
ארויסגעוויזנ דא אפ דער בויונג פונ דער נײַער אײַזנבאנ־ליניע, אונ
אוודאי האט דאס ניט פארוווּנדערט ליבע מעלמאנענ.

— אפאנעמ, אז אנ דיר, דאניעל, — האט מעלמאנ זיך אנגערופנ
צו כײַפעצנ, — באגייט זיך ניט אינ דער געגנט קיינ איינ בויונג.
ס'איז מיר א וווּנדער, וואס דו ביסט ניט אפנ כינגאנער צינ־קאמבי־
נאט. דארט בויט זיך דאך א נײַע שטאט.

— מיר וועלנ נאך דארטנ אויך זײַנ... וואס הערט זיך עפעס בא
דיר, ליבע? ווי איז בא דיר דורכ דער פארזיי? כ'האב די טעג געליי־
ענט אינ „טאז"*, אז דײַנ מאשינ־טראקטאר־סטאנציע פארנעמט
אויכ האיאר דאס ערשטע ארט אינ קאנט. וועסט זיך דא לאנג
פארהאלטנ?

— ביז מארגנ. כ'וויל נאך צוגיינ מיט קאלמענענ אפ דער
שאכטע.

— נו, אויב אזוי, וועלנ מיר נאך באוויזנ זיך דורכרײַדנ. איכ
גיי הײַנט אויכ אפ דער שאכטע, — אונ דאניעל כײַפעצ האט זיך
אומגעקערט צוריק צו די בריגאדעס.

גייענדיק אזוי איבער די שפאלעס פונ דעמ באנ־אנשיט, האט
ליבע מעלמאנ געטראפנ א גרופע ארבעטער, וואס האבנ אפ־
גערוט נאכנ ווארמעס. איינער פונ זיי, דער, וואס איז געזעסנ אינמיטנ,
א דעמאביליזירטער רויטארמייער, האט געהאלטנ אינ דערציילנ עפעס

* די קאנטישע צײַטונג „טיכאאקעאנסקאיא זווענדא".

א געשיכטע. דער אוילעם איז געווען אזוי פארכאפט פון דער געשיכטע, וואָס דער מענטש האָט זיי דערציילט, אז מע האָט גיט באמערקט, ווי מעלמאַן האָט זיך דערנעענטערט.

דער דעמאָביליזירטער רויטארמייער, שלוימע ראָדינ, א מענטש פון א יאָר עטלעכע און פערציק, האָט דערציילט פארשיידענע צופאַלן פון דער מילכאָמע, וועלכע ער האָט אַליין געזען און איבערגעלעבט. ס'איז מאַמעש צו באַוווּנדערן, ווי אָט דער ביזרעפעלדער קאָלווירטניק קען עס אייראָפּע. ער האָט אָנגערופן א שלאַל מיט נעמען פון פאר־שיידענע דײַטשישע, רומענישע, טשעכישע שטעט, סטאנציעס, דער־פער... הײַנט זײַן באַהאַוונטקײַט אין דער ארטילעריע!.. לייבע זאָל ניט געווען קענען אָט דעם בירעפעלדער קאָלווירטניק פון פריִער, וואָלט ער געווען זיכער, אז שלוימע ראָדינ האָט דאָס גאנצע לעבן זײַנס געהאַט צו טאָן בלויז מיט האַרמאַטן.

— אײַ, האָבן מיר זיי געגעבן שמעקן פולווער באַם אײַנעמען קעניגסבערג. זיי וועלן עס האָבן צו געדענקען און געדענקען. איר האָט געדאַרפט זען, ווי פריצקע דײַטש האָט עס געשריִען: — היטלער קאַפוט! רוס גוט! געגאָסע רוס! א נײַער געגאָסע האָט זיך בא מיר אָפּגעזוכט, פריצקע! אויסגעקוילעט אין סימפעראָפּאָל אַלע מײַנע ברידער און שוועסטער מיט זייערע מישפּאָכעס, און אז ס'איז געקומען צום פאַנאַנדערצאָלן זיך, וויל ער מיר גאָר ווערן א געגאָסע...

— וועדליק איך פארשטיי, שלוימע, — האָט א זאָג געטאָן אן עלטערער ייִד, — האָסטו דאָרטן מיסטאָמע ניט איין מאָל געכאַפּט מיט זיי א רייד, מיט די דײַטשן, וועגן זייערע רעציכעס. וואָס זאָגן זיי דערויף?

— מענטש אײנער! ווער האָט עס דעמאָלט צײַט געהאַט מיט זיי צו ריידן?! דער האַרמאַט מײַנער האָט מיט זיי גערעדט... הערט איר, כאַוויירים! — האָט שלוימע אין א ווײַלע ארום זיך אָנגערופן, אויס־ציִענדיק דערבײַ דעם נאָך ניט פארהיילטן פוס, וואָס איז געווען אָנ־געטאָן אין א טיפן קאַלאָש, — איך בין פאר די פיר יאָר מילכאָמע

אויסגעווען א שטיק וועלט, כ׳האָב זיך אָנגעזען א היפש ביסל שטעט, נאָר געצויגן האָט מיך אהער. וואָס איז אזוינס בירעפעלד?.. א דאָרף. ס׳איז אָבער אייגנס, און אייגנס איז ליב. אז מע איז אין דער פרעמד, פילט מען ערשט, ווי ליב ס׳איז די היים. וויפל יאָר זיינען מיר שוין דאָ אין דער געגנט?..

— ווי ווער.

— איך וווין דאָ שוין ניינציק יאָר. כ׳האָב שוין באלד פארגעסן, אז כ׳בין אמאָל געווען א סימפעראָפאָלער.

אין סימפעראָפאָל איז שלוימע ראָדין געווען א טרעגער. אין דער יידישער געגנט איז ער געוואָרן א טראַקטאָריסט. ניינציק יאָר איז דער דאָזיקער מיטליעריקער מענטש א טוישעוו פון דער געגנט, נאָר די געוווינהייטן פון א טרעגער האָט ער טיילווייז פארהיט נאָך ביז איצט. דעם קאָפּ האַלט ער עטוואָס אראָפּגעלאָזן און די ברייטע קיילעכדיקע אקסלען פאנאנדערגענומען, ווי ער וואָלט זיך אָט געקליבן ארויפוואַלגערן אויף זיך א שווערע מאסע. א גרויסע אינערלעכע קראַפט פילט זיך אין אָט דעם מענטשן מיטן אָפענעם שמייכל אויפן פארברוינטן גוטמוטיקן פּנים.

לייבע מעלמאַן, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אומבאַמערקט אין א זייט, איז צוגעגאַנגען נענטער צום הערדל.

— האָסט מיך דערקענט, שלוימע?

— זע! לייבע מעלמאַן! געדענקסט, ווי מיר האָבן מיט דיר געקאָרטשעוועט די טייגע! פונוואַנען קומסטו עס?

— פון שטאָט. שוין לאַנג, אז ביסט פון דער ארמיי, שלוימע?

— היפּשלעך. האָסט זיך אויך א ביסל געעלטערט, לייבע. מילכאָמע! וואָס מאַכט כאַנע? דיינע טעכטערלעך? שאַ, די עלטערע דאַרף שוין זיין א גרויס מיידל.

— לערנט זיך שוין אין צענטן קלאַס. קום צו פאָרן אויף א פּאָר טעג, וועסט בא אונדז זיין א גרויסער גאַסט. ווייסט דאָך, וווּ איך וווין.

— איכ וועל שוינ ווי־ניט־איז געפינענ... זאָג מיר, לייבע, ווו איז דאָס איצטער יעכיעל קרייצמאַנ?

— יעכיעל? וועגנ יעכיעלנ האָסטו געדאַרפט הערנ. ער איז איצט בריגאַדיר פונ א טראַקטאָר־אָטריאַד. דער ערשטער טראַקטאָריסט אינ דער געגנט.

— ס'איז פונ אונדזערע כעוורע. א בערדיטשעווער באַלעגאָלע.

— דו ביסט דאָכ, דאַכט זיכ, געווענ א טרעגער, ניט קיינ באַלע־גאָלע.

— אַלציינס, א טרעגער איז אויכ א שטיקל באַלעגאָלע. וועסט זענ יעכיעלנ, לאָז אימ גריסנ. מיר האָבנ מיט אימ צוזאַמענ אינ איינ צײַט זיכ געלערנט אפ טראַקטאָריסט.

ער האָט אַרופגעצויגנ אפ דעמ נאָכ ניט אײַנגאַנצנ פאַרהיילטנ פוס דעמ אַראָפגעגליטשטנ קאַלאָש אונ זיכ אופגעהויבנ.

— נו, כעוורע, צו דער אַרבעט!

— שווער פאַרווונדעט? — האָט מעלמאַנ שטיל א פרעג געטאָנ בא אימ.

— ס'פאַרהיילט זיכ שוינ. נאָכ א פאָר כאַדאָשימ, אונ כ'וועל זיכ שוינ קאָנענ זעצנ אפנ טראַקטאָר. דערווײַל אַרבעט איכ דאָ.

— אינ קאָלווירט האָסטו ניט געקאָנט געפינענ קיינ גרינגערע אַרבעט?

— איכ בינ ניט געוווינט צו גרינגער אַרבעט. אונ, ווידער, רעכנ איכ אָנקומענ אַרבעטנ אפ דער שאַכטע. כ'וויל ווערנ א שאַכטיאָר. מיכ ציט אַלצ צו אזעלכע אַרבעט, צו וועלכע מע פלעגט אומאָליקע יאָרנ, אינ דער צאַרסקער ראַסייע, אונדז, ייִדנ, ניט צולאָזנ. כעוורע באַלע־גאָלעס! צו די וואַגאָנעטקעס!

עטוואָס אונטערהינקענדיק אפנ פאַרווונדעטנ פוס, איז שלוימע ראַדיינ נאָכגעגאַנגענ נאָכ דער וואַגאָנעטקע, וואָס האָט זיכ פונ דערעכ־ערעצ צו זײַנ פאַרבאָרגענער קראַפט אַליינ, דאַכט זיכ, געקײַקלט איבער די רעלסנ.

אז די וואַגאָנעטקעס האָבן זיך אומגעקערט, האָבן לייבע מעלמאַן מיט זעווינען ווידער זיך גענומען אויסלאָדן די שטיינער און זאַמד.

אין דעם, וואָס דער שעף פון דער שאַכטע קאַלמען זעווין, דער באַפּולמעכטיקטער פונעם געגנטלעכן אויספיר־קאָמיטעט דאַניעל כייפעץ, דער דירעקטאָר פון דער מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציע לייבע מעלמאַן זיינען מיט לאָפּעטעס אין די הענט געשטאַנען און געאַרבעט, איז גיט געווען דער מינדסטער סימען פון אָנשטעל. דאָס איז געווען א נאַטירלעכע ביראָבידזשאַנער געוווינהייט... א מענטש פונעם ביראָבידזשאַנער דאָר קאָן ניט שטיין אָן א זייט, ווען אַנדערע מוזן ז״ב. פאַר יעדן איינעם פון זיי איז א גרויסער קאָוועד, ווען ער קאָן וועגן זיך זאָגן: אָט דעם ייִשעוו האָבן מיר געבויט. אָט דעם וועג האָבן מיר אויסגעלייגט. אָט די טייַגע האָבן מיר געקאָרטשעוועט. אָט די סאָפּקע האָבן מיר געשפּאָלטן...

ניט איין מאָל וועט נאָך לייבע מעלמאַנען אויסקומען פאָרן מיטן זעלבן וועג. ער וועט דעמלט זיצן אין צוג, קוקן דורכן אָפענעם פענצטערל פון וואַגאָן אף די פאַרזייטע פעלדער, וואָס וועלן צו יענער צייט וואַקסן אף דער איצט פאַרזומפּיקטער ערד, און פילן וועט ער זיך, ווי עס קאָן זיך נאָך פילן א פּאַסאַזשיר, וואָס פאָרט מיט די וועגן, וועלכע ער האָט אליין דורכגעלייגט...

נאָך דער אַרבעט איז מען אוועק צום טייַכל, וואָס איז שטיל געפלאָסן אין דער נידער.

אויסגעבאָדן זיך, האָט דער אָנגעהאָרעוועטער אוילעם זיך פאַרקליבן אין די ביידלעך, וואָס זיינען געשטאַנען באַם אָנשיט, און איינגיכן האָבן זיך פון דאָרט דערהערט פאַרשיידענע ניגונים, א האַרציקער מיידלשער געלעכטער, א גאַנצע וואָכעדיקער געשפּרעך. שלוימע ראָדין איז געזעסן אף אן איבערגעקערטער וואַגאָנעטקע און געלייענט פאַר זיין בריגאַדע א פרישע צייטונג, וואָס דער פאָרזיצער פונעם נאָענטן קאָלווירט אווראָם קראַמער האָט נאָרוואָס געבראַכט צו פירן.

אין איינעם פון די ביידלעך האָט עמעצער געשפּילט אף א פידל א

נײַעמ ייִדישנ ניגנ, אונ אנטקעגנ האָט א יונגער באָכער מיט א האַרמאָשקע צונויפגעקליבנ ארומ זיכ די יוגנט. צווישנ די נײַ־אויס־געלייגטע שפּאלנ, וואָס האָבנ זיכ געצויגנ אינ דער פּרי־אָוונטיקער ווײַט, האָבנ ארומגעשפּאצירט באָכערימ מיט מיידלעכ.

דערזעענ לייבענ, וואָס האָט זיכ נאָכ אלצ דאָ ארומגעדרייט, וואַרטנ־דיק אפ זעווינענ, איז שלוימע ראַדינ צו אימ צוגעגאנגענ, אונ אײַנ־גיכנ האָט זיכ ארומ זיי צונויפגעקליבנ א רעדל יונגעלײַט, זייערע ביידנס אלטע באַקאַנטע.

שפּאצירנדיק אזוי איבערנ באַנ־אָנשיט, האָט מענ זיכ גענומענ דער־מאָנענ די באָכערשע יאָרנ. איצט זײַנענ זיי שוינ אלע פינפ־, זעקס־אונ־דרײַסיקיאָריקע יונגעלײַט, טאַטעס פונ קינדער. נאָר די יוגנטלעכע ראָמאַנטיק, דאָס פײַערל, וואָס האָט אינ זיי געברענט, ווענ זיי זײַנענ מיט אוועלכע צוואַנציק יאָר צוריק צומ ערשטנ מאָל ארופגעטראָטנ אפ דער בירע־בידזשאַנער ערד, האָבנ זיי פאַרהיט ביז איצט. בא פיל פונ זיי זײַנענ געהאַנגענ אפ דער ברוסט אָרדענס אונ מעדאלנ פונ דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, באַלוינונגענ פאַר העלדישער מי.

פונ פאַרשיידענע שטעט אונ שטעטלעכ זײַנענ די דאָזיקע יונגע־לײַט זיכ צונויפגעפאָרנ אינ דער ייִדישער געגנט, נאָר מעלמאָנענ האָט זיכ געדוכט, אז מע איז אלע פונ איינ שטעטל, פונ זײַנ שטעטל. נאָכ מער: זיי זײַנענ מיט אימ אויסגעוואַקסנ אונטער איינ דאַכ. מע האָט זיכ אזויפיל יאָר שוינ ניט געזענ, די מילכאָמע האָט צעשיידט, מע אַרבעט אינ פאַרשיידענע ווינקעלעכ פונ דער געגנט, אונ דאָכ איז בא זיי אלע דער אײַנדרוק, ווי מע וואָלט די גאַנצע צײַט געווענ צוזאַמענ.

די זעלבע יוגנט, וואָס געווענ.

אָט גייט דער פּרעזיצער פונ קאָלווירט אווראָמ קראַמער. לייבע דערמאָנט זיכ קראַמערנ פונ יענע יאָרנ. א שטיל שעמעוודיק באָכערל, וואָס איז ניט אָפּגעטראָטנ פונ זײַנע לוקאַשאָווקער לאַנדסלײַט, מיט וועלכע ער איז געקומענ קיינ טיכאָנקע. מענטשנ האָבנ דעמאָלט גערעדט וועגנ טײַגע, וועגנ סאָפּקעס, וועגנ אמור, אונ אוורעמל — וועגנ זײַנ

לוקאַשאָווקע. ער איז דאָרטנ געווענ א בעקער, ער וויל דאָ זײַנ א בעקער.

— איז נאָכ וואָס ביסטו אוועקגעפאָרנ פונ לוקאַשאָווקע? — האָט אימ ליבע איינמאָל א פרעג געטאָנ.

וואָס האָט אימ דעמאָלט אווראָמ קראַמער דערויף געענטפערט, קאָנ זיכ איצט ליבע ניט דערמאָנענ. נאָר ווענ ער האָט אימ אײַנ א צײַט ארומ געטראָפנ אינ א דערפל ארומ בירעפעלד, איז עס שוינ געווענ ניט יענער אווראַמל. אפילע אויסערלעכ האָט ער זיכ געענדערט, גע־יאַרשנט אלע געננ פונ א געבוירענעמ ווײַטמיזרעכדיקנ פויער. דער מראַט — א געלאַסענער, די באַוועגונגענ — רויקע, זיכערע. יעדעס וואָרט זײַנס איז געווענ זאַכלעכ, אָפּגעוויגנ. ס'האָט אימ ניט געאַרט די היצ, דער רעגנ, דער שטויביקער ווינט... דאָס דאָזיקע לוקאַשאָווער קער באַבערל איז געקומענ קיינ בירָאָבידזשאַנ זײַנ א בעקער, נאָר אָנשטאָט זיכ אוועקשטעלנ קנעטנ דיזשעס טייג, האָט ער זיכ נעשטעלט קאָרטשעווענ די טײַגע. דער אימפּעט פונ בויונג האָט אימ פאַרכאַפּט אונ געענדערט. אויסגעבויט אײנ ישעוו, איז ער אוועק בויענ א צווייטנ, א דריטנ. ווידער געקאָרטשעוועט די טײַגע, ווידער געשלאָפנ אינ א בײַדל, זיכ ווידער געברענט אפ דער זונ אונ געווייקט אונטערנ רעגנ.

די, וואָס האָבנ צוזאַמענ מיט אימ דורכגעמאַכט אלע שוועריקײַטנ פונ יענע יאָרנ, האָבנ נאָכדעמ אויסגעקליבנ קראַמערנ פאַרנ פאָר־זיצער פונ קאָלווירט. אונ אז ער איז געקומענ צוריק פונ דער מיל־באַמע, א נאָכ מער שטײַפער אונ געשליפענער, איז ער נאָכ ליבער געוואָרנ די פויערימ מיט זײַנ גוט האַרצ, מיט זײַנ גרויסער דערפאַ־רונג. ניט יעדער אגראָנאָמ ווייסט אזוי גוט די ווירטשאַפט אונ די ערד, ווי דאָס ווייסט דער געוועזענער לוקאַשאָווקער בעקער־יונג, וואָס איז איצט פאָרזיצער פונ א באַרימטנ קאָלווירט אינ דער געגנט.

פיל אלגעמיינס איז פאַראַנ צווישנ אווראָמ קראַמערנ אונ דעמ שעפ פונעמ שטאָטישנ וואָקזאַל הירשע טאַגער. טאַגער איז אויכ א בעקער אונ האָט געאַרבעט בא בעקערײַ ניט נאָר דאָרט, אינ דער

אלטער היימ זיינער, אינ טשערקאס, נאָר אויכ דאָ, אינ דער געגנט, אינעמ זעלבנ קאָלווירט, ווו דער געוועזענער בעקער אווראָמ קראמער איז געווענ פאָרזיצער. נאָכ דעמ איז הירשע אוועק דינענ אינ דער ארמיי, אונ דאָ האָט ער באקומענ א נייעמ פאכ — ער איז געוואָרנ אנ אייזנבאנער. געקומענ פונ דער ארמיי, האָט טאגער שוינ מער זיכ ניט אומגעקערט צו די דייזשעם טייג. ער איז אוועק אפ דער אייזנבאנ, געווענ א שטיקל צייט א דעזשורנע אפ א סטאנציע. אונ אט איז שוינ היפשע עטלעכע יאָר, ווי דער געוועזענער טשערקאסער בעקער הירשע טאגער איז דער שעפ פונ א גרויסנ וואָקזאל אינ דער געגנט. אהער איז טאגער היינט געקומענ מיטנ מאשיניסט מאָטיע ריווקינ, וועלכער האָט געבראכט צו פירנ פאר דער אושומונער אייזנבאנ עטלעכע וואגאָנעמ מיט בוי-מאטעריאלנ.

יעדעס מאָל, ווענ מאָטיע ריווקינ, דער בערדיטשעווער באלעגאָלע-יונג, פלעגט אראָפברענגענ פאסאזשירנ אפנ וואָקזאל, פלעגט ער זיכ פארהאלטנ אפנ פעראָנ. דער טאטע זיינער, מוישע דער באלעגאָלע, איז געלאָפנ פונ וואגאָנ צו וואגאָנ אויסכאפנ פאסאזשירנ, אונ מאָטיע איז זיכ בעשאס-מיישע געשטאנענ, ווי א צוגעקאָוועטער צומ לאָקאָמאטיוו. די מאשיניסטנ האָבנ שוינ געקענט דאָס באָכערל מיטנ ביימש-שטעקל אינ דער האנט, וואָס האָט ליב ארייגצוקוקנ אינעמ אָפענעמ פענצטערל פונעמ לאָקאָמאָטיוו.

שטייענ אינ בערדיטשעוו אפנ פעראָנ מיטנ ביימש-שטעקל אינ דער האנט אונ קוקנ אפנ לאָקאָמאָטיוו מיט די גלאנציקע וואגאָנעמ איז אוואדע געווענ א סאכ גרינגער ווי הייצנ דעמ קעסל פונ לאָקאָמאָטיוו. נאָר מאָטיע ריווקינענ, וואָס איז צוויי יאָר אָפגעווענ א קאָטשעגאר, האָט זיכ קיינמאָל ניט געגלוסט קיינ לייכטערע ארבעט. אפנ דריטנ יאָר איז ער שוינ געווענ א געהילפ-מאשיניסט. אליינ געפירט צוגנ, אנגעפאָרנ בא עטלעכע אונ פופציק טויזנט קילאָמעטער — קימאט זיבנ מאָל אזויפיל וועג, ווי פונ בערדיטשעוו ביז ביראָבידזשאנ — האָט ער באקומענ דעמ טיטל מאשיניסט.

איצט פֿירט דער געוועזענער בערדיטשעווער באַלעגאָלע־יונג פּאַסאַזשירן און פֿראַכט־צוגן איבער דער ווײַטמיזרעכדיקער אײַזנבאַן.

ער דערלויבט זיך צײַטנווײַז א טרוים טאָן: אַמאָל האָט ער געפֿירט א בערדיטשעווער ייִדן פֿון שטאָט צום וואָקזאַל, פֿון וואָקזאַל אין שטאָט, און איצט וואָלט ער אַ באַלן געווען אַראָפּברענגען אויף זײַן לאָקאָמאָטיוו א גאַנצן עשעלאָן ייִדן פֿון בערדיטשעוו קיין ביראָ־בידזשאַן.

ער וואָלט אויך געוואָלט, אַז דעם ערשטן עשעלאָן מיט קוילן פֿון דער אוישומונער שאַכטע זאָל פֿירן ער, ניט קיין אַנדערער.

אין יעדן ייִשעוו, אין יעדן קאָלווירט, אויף יעדער סטאַנציע, ווו לייבע מעלמאַנען איז אויסגעקומען צו זײַן, האָט ער זיך געטראָפֿן מיט יונגעלײַט פֿון זײַן דאָר, מענטשן, וואָס זײַנען צוזאַמען מיט אים געקומען בויען און געבויט די ייִדישע געגנט. יעדן איינעם פֿון זיי האָט ער געקענט, ווי ער קען זיך, ווי ער קען קאַלמען זעווינען, דאַניעל כײַפּעצן, הירשע טאַגערן, שלוימע ראָדינען, אַווראָם קראַמערן און פֿיל אַנדערע, וועלכע ער האָט דאָ היינט אָנגעטראָפֿן אויף דער אוישומונער אײַזנבאַן־צווײַג.

און פּונקט ווי ער קען זיי, אַזוי קענען זיי אויך אים, לייבע מעלמאַנען.

ניט ווײַט פֿון אומאַן, אינעם שטעטל פּאָגרעבישטשע, האָט געוווינט א ייִד וועלוול מעלמאַן. בײַ דעם דאָזיקן ייִדן איז, קיין אײַנהאָרע, געווען אַ גאַנצע היפּשע מישפּאָכע פֿון זין און טעכטער, און אַלע ביז איינעם, פֿונעם עלטסטן ביז ייִנגסטן, געראָטן אינעם טאַטן: וווּקסיקע, יאָדערדיקע, באָטש מאַך זיי אַלעמען פֿאַר שמידן. א שטעטל האָט זיך געוווּנדערט: פֿונוואַנען נעמט זיך צו זײַנע קינדער אַזאַ טוווּרע? פֿון די קאַרטאָפֿל, מיט וועלכע ער פֿילנעוועט זיי? האָבן זיי קיין קאַרטאָפֿל אויך ניט אַלעמאָל געהאַט צו זאַט. פֿאַרשטייט זיך, ווען וועלוול מעלמאַן וואָלט געווען איינער מיט א טישל אויפֿן מאַרק, וואָלט ער נאָך עפּשער ווי־ניט־איז פֿאַרדינט אויף דער הוצאָע. זײַנען אָבער אַמאָליקע

יאָרן געווען אין פאַגרעבישטשע א סאך אזעלכע, ווי ער. מער סאַך רים ווי קונדן. איז טאקע געווען שלעכט. ביטער. מיילע, ער, וועלוול אליין, וואָס קאָן ער שוין מאכן, ער וועט גיין אף דער עלטער זיך לערנען א מעלאָכע?.. אָבער וואָס טוט מען מיט די קינדער? עפשער זיי טאקע מאכן פאר שמידן? א טאכלעס איז עס, אָבער אף דער כאיונע וועלן זיי פון דעם אויך ניט האָבן, ווארעם דער גאנצער פלאץ ארום מארק און ארום באָד איז געווען פול מיט קוזניעס און יעדער איינער האָט זיך אויסגעקוקט די אויגן אף א קונה. זאָלן זיך שוין זיינע קינדער אליין אויסקלייבן א מעלאָכע. מע קאָן גיין אר־בעטן אף דער מיל, אפן צוקער־זאוואָד.

נאָך דעם מיזיניק לייבקען האָט אָבער געצויגן נאָך צו שמידעריי. זומער־לעבן, קינדער פון זיין עלטער שפילן זיך באַם טייך, לויפן אום איבערן שטעטל, און ער, לייבקע, קריכט ניט ארויס פון די קוזניעס.

— נו, איז וואָס? — האָט וועלוול זיך געזיצעט מיטן ווייב, — עפּ־שער אים אָפּגעבן פאר א שמיד?

לייבקע האָט געהאט אן אָפענעם קאָפּ, גוורע ניט צו פארזינדיקן און א גרויסן כיישעק צו דער לער. צו פופצן יאָר איז ער שוין גע־ווען באַם שמיד די רעכטע האנט. נאָך א יאָר, און יענער וועט זיך שוין אף אים קאָנען פארלאָזן, ווי אף זיך אליין. מע זעט שוין איצט, וואָס פאר א גאָלדענער באַלמעלאָכע עס וואַקסט.

קומט ער אָבער, לייבקע, איינמאָל צו גיין אפן מארק, אויסגעפוצט ווי א כאָסן, און רופט זיך אָן צום טאטן:

— טאטע, איך פאָר אוועק.

וועלוול האָט פארכידעשט א קוק געטאָן אף זיין באָכערעץ און גע־פרעגט מיט א שפאַס:

— וווהין פאָרסטו עס, אָנקוקן א קאַלע? עפשער וואָלסטו מיך אויך מיטגענומען?..

— וואָס מיינסטו? — ענטפערט לייבל אָפּ גאנץ ערנסט, — אזא ווי דו קאָן נאָך דאָרטן ברענגען גענוג נוצן.

— ווו, אשטייגער, איז עס?

— אינ בירָאבידזשאנ.

— בירָאבידזשאנ, זאָגסטו? — וועלוול האָט זיכ א רעגע פאר־טראכט, — וואָס הייסט, דו פאָרסט איינער אליינ אינ אזא וויטער נייש?

— איכ פאָר ניט אליינ, טאטע. עס פאָרנ איצט אהינ א סאכ מענטשנ.

— אונ אפ לאַנג פאָרט איר עס אהינ?

— אפ שטענדיק. מיר פאָרנ בויענ בירָאבידזשאנ. מיט דער צייט וועל איכ אייכ אלעמענ ארויסנעמענ אהינ. וועסט נאָכ זענ, טאטע, וואָס פאר א לעבנ מיר וועלנ דאָרט מאכנ, אינ אונדזער בירָאבידזשאנ.

געווענ איז דאָס מיט קנאפּע צוואנציק יאָר צוריק. לייבע מעלמאַ־נעג איז דעמלט געגאנגענ דאָס זעכצנטע יאָר, כאָטש אויסגעזעענ האָט ער ווי א באָכער פונ די פולע צוואנציק — הויכ, געזונט אונ שיינ.

קוימאט א דריטל פונעם עשעלאָנ, מיט וועלכנ לייבע איז ארויסגע־פאָרנ פונ אוקראינע, איז באשטאנענ דורכויס פונ יוגנט. אונ אראָפּ־געשטיגנ איז די יוגנט ניט אינ טיכאָנקע, נאָר אינ כאבאראָווסק. דאָרט האָבנ זיי זיכ איבערגעזעצט אפ דער שיפ, וואָס איז געגאנגענ מיטנ אמור קיינ סטאלינסק — דאָס אָרט, ווו מע האָט באשטימט בויענ א טוויע־סאָווירט.

א קאלטער רעגנדיקער פרילינג איז אינ יענעמ יאָר געשטאנענ אפנ וויטנ מיזרעכ, אונ די ערשטע איבערוואנדערער איז אויסגעקומענ נעבטיקנ אונטערנ אָפענעמ הימל. אויסער ווילדגראָז אונ טייגע איז נאָכ דעמלט גאָרנישט ניט געווענ. נאָר אפ מאָרגנ זיינענ שוינ בא די ברעגנ פונ אמור געשטאנענ ביידלעכ, ס'האָבנ געברענט שייטערס, אונ ס'האָט זיכ געטראָגנ איבער דעמ ווילדנ ארומ א מונטערער געזאנג. מיט זעג, מיט העק, מיט לידער איז די יוגנט ארוים פונ די ביידלעכ קאָרטשעווענ די טייגע אונ פארגרייטנ געהילצ פאר די ערשטע ביניאָ־נימ. אָנגעפירט מיט דער בויונג האָט לייבע מעלמאנ, וועלכער האָט

נאָכ אינ וועג זיכ אויסגעצייכנט צווישנ דער יוגנט מיט זײַנ פילבאַר־קײַט צו כאַווייִרים, מיט זײַנע אָרגאַניזאַטאָרישע פעיִקײַטנ, מיט זײַנ גרויסנ דראַנג בויענ אונ בײַקומענ שוועריקײַטנ.

מיט יעדער שיפ זײַנענ אהער צוגעקומענ אלצ מער אונ מער יוגנט־לעכע. דער איז אינ דער היים געווענ א קירזשנער, דער א בלעכער, יענער א פורמאַנ, א בעקער, געווענ אויכ שאָפערנ, טראַקטאָריסטנ, נאָר ווייניק. אונ דאָ האָט מענ גראָד געדאַרפט מער מענטשנ, וואָס זאָלנ קאָנענ זיצנ אפ א טראַקטאָר.

יוגנט איז יוגנט, אונ ס'האָט זי א צי געטאָנ ווערנ טראַקטאָריסטנ, קאָמבײַנערנ, מעכאַניקער. צי וועמענ ווענדט מענ זיכ?.. האָט לייבע אָנגעשריבנ קיינ טיכאָנקע, אונ ס'האָט זיכ געעפנט אינ סטאַלינסק א לאַנדווירטשאַפטלעכע שול.

דער ערשטער לימעד איז פאַרגעקומענ אינ פעלד, באַם אקערנ די ניט־געריִרטע ערד. די יִידישע יוגנט פונ די שטעטלעכ האָט זיכ גע־זעצט אפנ טראַקטאָר.

איצט איז לייבע מעלמאַנ א דירעקטאָר פונ א גרויסער מאַשינ־טראַקטאָר־סטאַנציע, וואָס איז באַרימט אינ גאַנצנ קאַנט.

אומגעהייערע מי האָט לייבע מעלמאַנ אינ מעשעכ פונ די אַלע יאָרנ אַרײַנגעלייגט אינ די קאָלווירטנ. עס זײַנענ אים באַקאַנט די וועגנ אונ סטעזשקעס, וואָס פירנ אינ די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעכ פונעמ ראַיאָנ, פונקט ווי עס זײַנענ אים אַמאָל געווענ באַקענט די געסלעכ אינ זײַנ געבורט־שטעטל פאָגרעבישטשע. פונ אָנהייב פרילינג ביז טיפ אינ האַרבסט איז ער אפנ פעלד צוזאַמענ מיט די מעכאַניקער, טראַקטאָריסטנ, קאָמבײַנערנ.

צווישנ די מעכאַניקער, טראַקטאָריסטנ אונ קאָמבײַנערנ, וואָס אַרבעטנ אינ דער מאַשינ־טראַקטאָר־סטאַנציע, זײַנענ שוינ פאַראַנ גע־בוירענע בירָאָבידזשאַנער. דאָס איז שוינ דער דאָר, וואָס ווייסט ניט קיינ אַנדער היים כוצ בירָאָבידזשאַנ. פאַר דער דאָזיקער יוגנט איז דאָ אַלצ נאַטירלעכ — אי די טײַגע, אי די סאָפקעס, אי די גרויסע

אונ שווערע ארבעט, וואָס זיי טוענ. אומנאטירלעכ קלינגענ פאר זיי די געשיכטעס, וואָס מע דערציילט זיכ אָנ וועגנ דעמ אמאָליקנ לעבנ אינ די שטעטלעכ. צו דעמ זעלבנ דאָר געהערט אויכ לייבע מעלמאַנס זיבעצניאָריקע טאָכטער, וואָס איז א געבוירענע בירָאָבידזשאַנערינ. דאַכט זיכ, אַז ער, לייבע אַליינ, האָט שוינ אויכ באַלד פאַרגעסנ, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזענ דאָס אמאָליקע לעבנ אינ זיינ געבורטשטעטל פאָגרעבישטשע. העכער א העלפט פונ זיינע זעקס אונ דרייסיק יאָר זיינענ דאָכ דורכ דאָ, אינ דער טייגע, אַפ די פעלדער פונ דער ייִדישער געגנט.

די ניינצנ יאָר, וואָס מעלמאַנ וווינט אינ דער געגנט, האָט ער זיכ קיינמאָל ניט באַנוגנט בלויז מיט דער ארבעט, אַפ וועלכער מע פלעגט אימ שטעלנ. ווו נאָר א בויונג אינ דער געגנט, איז זי אימ אָנגעגאַנגענ, ער האָט זיכ געפילט פאַר איר פאַראַנטוואָרטלעכ.

אָט איז ער היינט צופעליק פאַרפאָרנ אַהער, ווו מע בויט די אור־שומונער אייזנבאַנ, נאָר ער פילט זיכ דאָ ניט ווי קיינ זייטיקער מענטש. ס'גייט אימ דאָ אָנ יעדער קלייניקייט.

וועגנ קלייניקייטנ, פונ וועלכע עס ווערט געבוירנ דאָס גרויסע, איז עס געגאַנגענ דער געשפרעכ, וואָס לייבע מעלמאַנ האָט געפירט מיט די כאַווירימ פונ זיינ דאָר, שפאַצירנדיק נאָכ דער ארבעט צווישנ די צעשטעלטע ביידלעכ.

די זונ איז שוינ געשטאַנענ נאָר נידעריק, ווענ קאַלמענ זעווינ, לייבע מעלמאַנ אונ דאַניעל כייפעצ האָבנ זיכ אָוועקגעלאָזט צו דער אושור־מונער שאַכטע. פאַזע דעמ אָנשיט האָבנ זיכ געצויגנ פרישע טעלעגראַפ־סלופעס, אָנ האָקנס, אָנ דראָטנ. ארומ די סלופעס האָבנ זיכ געדרייט פייגלענ, געזוכט די אָנגעצויגענע דראָטנ, ווו מע קאָנ זיכ צוזעצנ אָפרוענ, אונ ניט געפינענדיק זיי, זיכ אומגעקערט צוריק אינ טייגע, פונ וואַנענ זיי זיינענ אַהער אָנגעפלויגנ.

ניט דערגייענדיק צומ וועלדל, האָט זיכ דער באַנ־אָנשיט גע־

ענדיקט, אונ ווײַטער איז אויסגעקומענ שפאנענ מיט די אויסגעלייגטע בײמער, וואָס האָבנ זיכ געוויגט אונטער די פיס.

דער צוקינפטיקער ישעוו אוישומונ צײלט דערווײַל אָנ עטלעכע הילצערנע הײַזער, וואָס ליגנ אינ א קרײַז ארומ דער אָפענער שאכטע. די גאנצע ערד איז דאָ פארשאָטנ מיט קוילנ־שטויב. אינמיטנ ישעוו ליגנ אָנגעשאָטנ בערג קוילנ, וואָס ווארטנ אפ וואגאָנעס.

— אָט דאָ וווינענ מיר, — האָט דער שעפ פונ דער שאכטע, קאלמענ זעווינ, זיכ אָנגערופנ צו זײַנע געסט, — אונ מיט דער צײַט וועלנ דאָ וווינענ זייער א סאכ מענטשנ. די ערד איז דאָכ דאָ מאמעש אָנגעשטאָפט מיט קוילנ.

— ווי זאָגנ די געאָלאָגנ, קאלמענ? אוישומונ — דאָס איז דער ביראָבידזשאנער דאָנבאס, — האָט דאניעל כײַפעצ צוגעגעבנ. — מע שמועסט, אז אינ דער טײַגע האָרפנ ליגנ באהאלטנ גאָר גרויסע אוייצרעס. מעגסט זײַנ זיכער, אז מיט דער צײַט וועט דאָ אויסוואקסנ א שטאָט. די ערשטע ידישע שאכטיאָרנ־שטאָט.

— ווי הודזשעט עס דאָ אזוי? — האָט לייבע א פרעג געטאָנ. — כ'קאָנ שווערנ, אז דאָס הודזשענ טראקטאָרנ.

— אונטער דער ערד, לייבע, ארבעטנ נאָכ דערווײַל ניט קיינ טראקטאָרנ. דאָס הודזשענ אינ דער שאכטע די וואסער־פּאָמפעס.

זעווינ האָט צוגעפירט זײַנע געסט צו דעמ אָפענעמ ברונעמ פונ דער שאכטע. א פארשטיקטער אומרו איז געגאנגענ פונ דער ערד, פונ איר שווארצער טיפ.

— אָט אפ דעמ אָרט האָבנ יעגערס געגראָבנ א ברונעמ, נאָר אָנשטאָט וואסער האָבנ זיי געפונענ קוילנ.

— אונ זיי האָבנ טיפ געגראָבנ?

— סאכאקל אפ איינ מעטער. ווענ זיי וואָלטנ זיכ געשטעלט גראָבנ אָנ האָרטנ, ווײַטער, וואָלטנ זיי, פארשטייט זיכ, אזוי גיכ זיכ ניט דערקליבנ, דאָרטנ ליגנ די קוילנ א סאכ טיפער.

קאלמענ זעווינ, וואָס האָט ביז ביראָבידזשאנ געהאט צו טאָנ מיט

שטיינקוילנ בלויז באַם הייצנ די הרובע אינ שטוב, האָט איצט גערעדט וועגנ שטיינקוילנ מיט דער באַהאַוונטקייט פונ א בארג־אינזשעניער.

— מיר האָבנ נאָכ קיינ פאָרשטעלונג, — האָט זעווינ פאָרגעזעצט, — ווי רייכ אָט דאָס אָרט איז מיט שוואַרצנ גאָלד. אָט האָט אנומלטנ איינער א קאָלווירטניק, אַרבעטנדיק אינ פעלד, פלוצעם אַנטדעקט קוילנ. אונ וווּ? אונטערנ לעמעכ.

— הער נאָר...

— שטיינקוילנ פאַר אונדזער געגנט זײַנענ פונקט אַזוי נייטיק, ווי א רעגנ פאַרנ פאַרזייטנ פעלד. א רעגנ אָבער ווענדט זיכ ניט אינ אונדז, לייבע, אונ ארויסבאַקומענ פונ דער ערד אָט די אוצרעס, וואָס דו זעסט דאָ, — דאָס ווענדט זיכ שוינ טאַקע נאָר אינ אונדז.

אינ דער אָפענער טיר פונ דער עלעקטרעסטאַנציע האָט מיט אַנ אָנגעצונדענעמ שאַכטיאָרנ־לעמפל אינ האַנט זיכ באַוויזנ א ווּקסיקער יונגערמאַנ, אָנגעטאָנ אינ א פאַרפלעקטנ ברעזענטענעמ גאַרניטער אונ אינ הויכע גומענע שטיוול.

— קאַלמענ, — האָט לייבע א פרעג געטאָנ בא זעווינענ, — דאָס איז ניט ניקיטע קאָמאַראָוו?

— קאָמאַראָוו. סט'אימ ניט דערקענט?

— א וועלט מיט יאָרנ זיכ ניט געזענ. ניקי־טע! — אונ מעלמאַנ האָט זיכ א לאָז געטאָנ צו קאָמאַראָוונ, ווי ער וואָלט זיכ באַגעגנט מיט אַנ אייגענעמ ברודער.

ניקיטע קאָמאַראָוו, דער סעקרעטאַר פונ דער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אָפ דער אושומונער שאַכטע, געהערט צומ זעלבנ בירָאָבידזשאַנער דור, וואָס לייבע מעלמאַנ, דאַניעל כייפעצ, אַווראָמ קראַמער. מע האָט צוזאַמענ געלעבט אינ טײַגע, צוזאַמענ געבויט ישוּווימ, אויסגעלייגט וועגנ, אונ אַז ס'איז אופגעקומענ אושומונ, איז ניקיטע קאָמאַראָוו געוועזנ צווישנ די ערשטע בויער פונעמ שאַכטיאָרנ־שטעטל. די יידישע געגנט איז דעמ דאָזיקנ מענטשנ געוואָרנ פונקט אַזוי ליב אונ טײַער, ווי די רוסישע שטאָט אָפנ ברעג פונ יעניסיי, וווּ ער איז

געבוירנ. די ביראָבידזשאנער האָבנ פונ די סאמע ערשטע טעג דער־פילט אינ קאָמאראָוונ א מענטשנ, וואָס פרייט זיכ מיט יעדנ אופ־געקומענעמ ייִשעוו, מיט יעדנ נײַעמ ייִדישנ איבערוואַנדערער, וואָס קומט אהער זיכ באַזעצנ. קײנעמ האָט ניט געוווּנדערט, וואָס ניקיטע קאָמאראָוו רעדט מיט ייִדנ אפ ייִדיש, באַזוכט דעמ ייִדישנ טעאַטער, זינגט ייִדישע לידער. מע האָט עס אופגענומענ ווי א גאַנצ נאַטירלעכע דערשײַנונג.

— ווו ביסטו עס געווענ די לעצטע צײַט? — האָט לייבע באַ אימ געפרעגט, ניט ארויסלאָזנדיק דערבײַ פונ זײַנע הענט קאָמאראָווס שטײַפע פינגער.

— ווו אלע אונדזערע ביראָבידזשאנער יונגעלײַט. אפ דער מיל־כאָמע. וויפל האָבנ מיר זיכ מיט דיר ניט געזענ, לייבקע? א יאָר פינפ. כ'האָב נאָכ דעמלט געארבעט אינ ניקאָלײַעווקע, אפנ געהילצ־זאַוואָד. איצט וווינ איכ דאָ. וועסט געוויס הײַנט דאָ בלײַבנ נעכטיקנ? איז פארבעט איכ דיכ צו זיכ. פאראנ א סאכ וואָס צו דערציילנ. זאָג מיר נאָר, לייבקע, דו זעסט זיכ מיט די נײַע איבער־וואַנדערער?

— פארשטייט זיכ.

— איז זאָג זיי, אז מיר ווארטנ דאָ אפ זיי. פאראנ באַ אונדז, ווער ס'זאָל לערנענ די איבערוואַנדערער ווערנ שאכטיאָרנ. וואָס הערט זיכ באַ דיר? געדענק, לייבקע, אז איכ וועל הײַנט ווארטנ אפ דיר. כ'האָב מיט דיר א סאכ וואָס צו ריידנ.

ווענ זעווינ מיט כייפעצנ האָבנ אָנגעצונדנ די שאכטיאָרנ־לעמפלעכ אונ זײַנענ צוזאמענ מיט ניקיטע קאָמאראָוונ פארשוווּנדנ אינ דער שאכטע, האָט לייבע מעלמאנ זיכ געלאָזט גיינ איבערנ ייִשעוו. ס'האָט אימ געצויגנ א קוק טאָנ, וואָס איז דאָ פאר א ערד, ווי וואקסט דאָ. ווײַבאלד ס'וועט דאָ אופקומענ א שטאָט, וועלנ דאָכ אינעמ ארומ אויכ אופקומענ קאָלווירטנ. ס'וועלנ דאָ ארבעטנ טראקטאָרנ אונ קאָמבײַנענ. נאָכ א מאשינ־טראקטאָר־סטאַנציע וועט געוויס צוקומענ אינ דער געגנט.

פאר אימ, פאר לייבע מעלמאנענ, איז געווענ גענוג כאפנ א קוק אפנ ערשטנ גערטנדל, וואָס איז דאָ געוואקסנ, קעדיי האָבנ א פולע פאָרשטעלונג וועגנ דער פרוכטבארקייט פונעמ באָדנ. ס'האָט אימ לאכלוטנ ניט געוואונדערט, וואָס אינ שכיינעס מיט די אָנגעשאָטענע בערג שטיינקוילנ גרינענ געדיכטע בייטנ. א זאפטיקע אונ א פרוכטבארע איז זי, די ערד, בא די ברעגנ פונ בירע, בידזשאנ אונ אמור.

ס'האָט שוינ אָנגעהויבנ טונקלענ, נאָר לייבע האָט זיכ נאָכ אלצ ניט אומגעקערט. ער האָט זיכ פארקליבנ אינ דער סאמע טיפעניש פונ וואלד, פונוואנענ מע זעט קימאט ניט אָנ דעמ הימל, אונ איז געגאנגענ ווייטער.

ווענ ער איז מיט ניינצנ יאָר צוריק געקומענ אינ דער טייגע, האָט ער זיכ דעמלט שוואכ פאָרגעשטעלט, אז פונ דעמ בוימ, וואָס ער האָט אויסגעהאקט, וועט מענ בויענ א שטוב. אונ איצט געפינט ער זיכ אינ דער סאמע טיפעניש פונעמ אוראלטנ וואלד, אונ ס'איז אימ לייכט זיכ פאָרשטעלנ, ווי ס'וועלנ פארשווינדנ אָט די ביימער, די טייגע וועט זיכ אָפּרוקנ ווייטער, אונ אָפנ זעלבנ אָרט וועט זיכ בויענ א שטאָט, די ערשטע יידישע שאכטיאָרנ־שטאָט, אונ פונעמ אושומונער וואָקזאל וועלנ אָפּגיינ עשעלאָנענ מיט שווארצנ גאָלד...

ס'איז ניט קיינ טרוימ, ס'איז די וואָר פונ דער נאָענטסטער צוקונפט, אונ לייבע איז גרייט נאָכאמאָל אָנהייבנ פונ אָנהייב, אוועקשטעלנ א געוויינלעכ ביידל אינ דער טייגע, אונ, פונקט ווי מיט ניינצנ יאָר צוריק, נעמענ זעגנ די ביימער, רייסנ די וואָרצלענ, הייבנ די רויערד אונ זי באזוימענ.

ניינ. ער האָט ניט פארגעסנ, מעלמאנ, אז ער איז שוינ ניט קיינ יונג באָכערל, נאָר א טאטע פונ דערוואקסענע קינדער. ער געהערט אָבער צו יענעמ ביראָבידזשאנער דאָר, וואָס איז, ווי מיט צוואנציק יאָר צוריק, פול מיט קרעפטנ, מיט געזונטער, יונגטלעכער ראָמאנטיק פאר דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט.

אינהאלט

זײַט

דער וועג ביראָבידזשאנ 3
דער ביראָבידזשאנער נאָגיד 12
אפ די קאלכ־בערג 20
דער אמורזעטער ייִד 28
דער ביראָקאנער באל־מענאגנ 36
טוישווימ 42
א שטעטל אפ דער טונגוסקע 52
דער ערשטער ארויספאָר 68
קולדור 79
סטעמפעניוס פידעלע אינ ביראָבידזשאנ 89
אינ א ייִשעוו באמ אמור 98
די ביראָבידזשאנער מישפאָכע 107
דער ביראָבידזשאנער דאָר 116
. . . . 137

Редактор *А. Фрумкин.* Обложка худ. *М. Погостера.* Техред. *Ф. Фрумкина.*

Подписано к печати 15/XII-47 г. Б—05731. Печ. л. 5. Уч.-изд. л. 6,44.
Формат бумаги 70x108 32. Тираж 7.000 экз. Зак. 156. Цена 3 руб.

Типография Госиздательства „Дер Эмес". Москва, Старопанский пер., 1.